STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00447

DRAMEN

David Pinski

Permanent preservation of this book was made possible by
Sarah Waxer Goldsmith & Risha Waxer Levinson
in memory of
their mother

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד פינסקי
דראמען

פערלאג „פועלי ציון“
ניו יארק
1920

Copyright by David Pinski, 1919

PINSKI-MASSEL PRESS
84 Bowery, New York

פינפטער באַנד

אינהאלטספערצייכניס פון פינפטען באנד :

דוד המלך און זיינע ווייבער, פינף איינאקטער.

אדניהו, טראגעדיע אין איין אקט.

מרים פון מגדלה, דראמע אין דריי אקטען.

נינא מארדען'ס ליעבעס, פיער עפיזאדען.

געוויסען, א סצענע אין איין אקט.

די בערגשטייגער, א שפיעל אין פיער אקטען.

דוד המלך און זיינע ווייבער

פינף אויגעקטער.

מיכל

(11—12 אפריל, 1914.)

שמואל א, י"ז—י"ח.

פערזאָנען:

דוד.
מיכל.
יונתן.
שאול.
שאול'ס סוויטע.

אַ בלומענפּלאַץ אין שאול המלך׳ס גאָרטען. פערשיעדענע שטעגלעך רעכטס און לינקס צווישען געדיכטע בוימער. אין מיטען דעם ווילד־פערוואַקסענעם הויבען, פעלזיגען הינטערגרונד — אַ שמאָל שטעגעל, צו וועלכען עס פיהרען אַ סך אין דעם פעלזען אויסגעהאַקטע טרעפּלעך. — עס איז זונאויפגאַנג אין אַ פריהלינגסטאָג.

ד ו ד (שטעהט אויף דעם אויבערסטען טרעפּעל, ווי איינגעראַמט אין גרינס, אָנגעשפּארט אָן זיין האַרפע, די אויגען אויפגעהויבען צום וויטען, אַלץ העלער ווערענדיגען הימעל מיט אַ בעגייסטערטען, גליקזעליגען, התלהבות׳דיגען בליק. זיינע פינגער זוכען־אויף די סטרונעס פון דער האַרפע און ברענגען אַרויס אין פּאַוזען עטליכע שטאַרקע, וואַרמע אַקאָרדען, און באַלד העבט ער אָן לאַנגזאַם צו דעקלאַמירען). די הימלען דערצעהלען דעם כבוד פון גאָט, און די מעשים פון זיינע הענד זאָגט אָן דעם הימעל׳ס אונטערצוג. איין טאָג רעדט צום אַנדערען און נאַכט צו נאַכט לאָזט עס וויסען. אָהן גערעדער און גאָר אָהן ווערטער, מען הערט נישט זייער קול. איבער דער גאַנצער ערד צוגעהט זיך זייער שטראַל און ביז עק וועלט זייער וואָרט, דער זון האָט ער געמאַכט דאָרט איהר געצעלט.

מ י כ ל (בעוויזט זיך רעכטס. זי בעהאַלט זיך תיכף אַ בוים און הערט־צו מיט פערכאַפּטען אָטעם, אויגען און פויסטען שליסענדיג, אין לייזענדער עקסטאַזע).

ד ו ד (בעמערקט זי נישט און דעקלאַמירט אונגעשטערט און מיט גרעסערער בעגייסטערונג). ווי אַ חתן געהט זי אַרויס פון אונטער איהר חופה, פרעהט זיך ווי אַ העלד צו לויפען אויף איהר וועג. פון איין עק וועלט קומט זי אַרויס און ביים אַנדער עק איז איהר פערקעהר, און נישטאָ קיין פערבאָרגענער פון איהר היץ...

מ י כ ל (מיט אַלץ נאָך געשלאָסענע אויגען, האָט זיך אַרויסגערוקט פון איהר בעהאַלטעניס, גאַנץ בלייך, און שווער אָטעמענדיג).

דוד (ווערט זי געוואָהר, איידער ער דערזעהט זי, זיין האַנט ציטערט, א פאַלשער, שוואַכער אַקאָרד רייסט אָב זיין שפּיעלען. ער מאַכט־צו די אויגען און בלייבט שטעהן ווי פערגליווערט).

מיכל (עפענט די אויגען ביים לעצטען אַקאָרד, נעמט־אָן א האַרטען, קאַלטען אויסדרוק אויפ'ן געזיכט און וויל זיך צוריקציהען).

דוד (פליסטערט אַרויס). מיכל?

מיכל (שטאָלץ און קאַלט). איך האָב מיין מאָרגענשפּאַציר געמאַכט.

דוד (עפענט־אויף די אויגען און קוקט זי אָן. אין רוהיגען טאָן). דעם קעניג'ס טאָכטער גאַנץ אַליין?

מיכל. דאַרף מיכל שומרים? מוז זי געהיט ווערען אויף יעדען שריט? איך ליעב, אַליין און אונגעשטערט צו זיין.

דוד (העבט לאַנגזאַם אויף זיין האַרפע און מאַכט א בעוועגונג אוועקצוגעהן אויף דאָס שמאָלע שטעגעל הינטער איהם). איך פערשטעה דיין וואונק, און דייטליכער וועסטו עס מיר נישט דאַרפען זאָגען. זייַ געגריסט, קעניגסטאָכטער.

מיכל (שנעל). דיך האָב איך נישט געמיינט. איך גלויב, איך האָב דיר געשטערט און איך גאָר דאַרף אוועקגעהן.

דוד. דו ביזט די הערריין, און דעם פּלאַץ מוז איך פערלאָזען. (פערבויגט זיך און וויל געהן.)

מיכל. דו האָסט דיין ליעד אין מיטען אָבגעריסען — ווילסטו עס נישט ביז צום סוף דערזינגען?

דוד (טרויעריג, מיט צוגעמאַכטע אויגען). איך וועל נישט קאָנען מעהר.

מיכל. איך וועל אוועקגעהן, איך וועל דיר נישט שטערען.

דוד. מיין האַרץ איז נישט מעהר ביים זינגען.

מיכל. דו האָסט דעם טאָג בעזונגען און די זון, נאַטס גרויסקייט און זיין הערליכקייט.

דוד. דאָס איז געוועזען בעפרייאונג — אויף א רגע נאָר.

מיכל. בעפרייאונג?

דוד (שנעל). לעב אין פריעדען, מיכל! (דרעהט זיך אום אוועקצוגעהן.)

מיכל (שרייט אויף). דוד!

דוד (בלייבט שטעהן, ווענדט זיך אום, און זיי קוקען זיך אן א ווייל׳ע גאנץ שטום. ווי היפנאָטיזירט, נישט אראָבנעמענדיג פון איהר די אויגען, געהט דוד לאנגזאם אראָב די טרעפּלעך און קומט־צו צו מיכל. יעצט שטעהען זיי נאָהנט אויגס ביים אנדערען, מיט דורכ־דרינגענדיגע בליקען).

מיכל (ברעכט ענדליך אָב דאָס שווייגען, שטיל און פערלעגען). דו האָסט געזאָגט: בעפרייאונג.

דוד (זעהר טרויעריג). פערצווייפלונגספול בין איך די גאנצע נאכט געלעגען אויף מיין געלעגער —

מיכל. פערצווייפלונגספול?

דוד. ביז ענדליך מיט דעם ערסטען גרוי אויף טאָג האָב איך געפאסט א בעשלוס.

מיכל. א בעשלוס?

דוד. און איך האָב אויפגעזוכט מיין הארף און שטיל ארויסגע׳גנב׳עט זיך פון מיין צימער און דעם קעניג׳ס שלאָס.

מיכל (מיט א פערלעגענעם לאַכען). נישט שטיל גענוג.

דוד. איך האָב דיך אויפגעוועקט?

מיכל. אויך מיין שלאָף איז — אונרוהיג — געווע־זען. (שנעל.) דאָך דו דערצעהל מיר פון דיין פערצווייפלונג און דיין בעשלוס און דיין בעפרייאונג.

דוד. פינסטער איז נאָך געוועזען, ווען איך בין ארוים, און מיינע אויגען און מיין גאנג זיינען צוגעווענדט געוועזן צו מערב, וואו אלץ איז איינגעטונקט געוועזען אין טיעפסטער דונקעלהייט. עס איז מיר געוועזען, ווי איך וואָלט אריינגעטראָטען אין א ים פון פינסטערנים, און שווארצע כוואליעס וואָלטען זיך איבער מיר צו־נאָסען. אָבער אין מיר איז נאָך פינסטערער געוועזען. שווער און ביטער האָט אין מיר מיין געמיט געוויינט, און שווער און ביטער

האָט מיין האַרץ מיר אָבגעקלונגען, די סטרונעס פון דער פינסטער־נים בעוועגט.

מיכל (קעהרט אוועק דעם קאָפּ, די אויגען פול טרערען).

דוד. אָבער אַז איך בין אַרויף אַהער אויף דאָס לעצטע טרעפּעל און איידער די גרעסערע פינסטערנים פון דעם שמאָלען שטעגעל האָט מיך געזאָלט פערשלינגען, האָב איך אומגעקעהרט מיין געזיכט צו מזרח, צום וועג, וועלכען איך בין אָבגעגאַנגען, צום פּאַלעץ פון דיין פאָטער, און וואָס איך האָב דערזעהן, האָט מיר מיין טרויער געמאַכט פערגעסען.

מיכל (נייגיריג־פערוואונדערט). אַה!

דוד. איך האָב דערוואַרט צו זעהן דיזעלביגע געדיכטע פינסטערנים, אָבער מיינע אויגען האָבען זיך אָנגעשלאָגען אָן אַ שטראָם פון פריהמאָרגענדיגער ליכטיגקייט. דאָס האָט מיך אי־בערראַשט, געמאַכט מיך גאַנץ ערשטוינט און מיינע געדאַנקען פון מיין טרויער אוועקגעריסען. איך האָב מיינע אויגען אויפגעהויבען צום הימעל און אַ דונקעלער וואָלקען, קוים בערויטעלט, האָט מיין בליק געפאַנגען. איך האָב צוערסט נישט בעגריפען, וואָס איך זעה, און די בערויטעלטע דונקעלהייט איז מיר אַ רעטעניש געווע־זען. איך האָב מיך שאַרפער צוגעקוקט און באַלד מיך אויף צו־שמייכעלט אין גליקליכער פערגעסענהייט און גליקליכען געניסען: אויפ'ן וואָלקען איז געלעגען די ערסטע בעריהרונג פון דער אויפ־געהענדיגער זון. ווי אין פרעהליכען טאַנץ זיינען מיינע אויגען זיך פערנאַנדערגעלאָפען איבער דעם ווייטען הימעל און האָבען די רויטע פלעקען אויפגעזוכט, די צייכען פון דער זון. מיט יעדער מינוט האָבען זיי זיך געמעהרט, און מיט יעדען אויגענבליק איז דאָס דונ־קעלרויט אין העל און העלער איבערגעגאַנגען. און באַלד איז די זון אַליין ערשיענען פון הינטער דעם קעניגס פּאַלעץ אין איהר גאַנ־צער גאָלדען־רויטער פייער־פּראַכט. מיין האַרץ איז מיר איבער־געפילט געוואָרען, און פון מיינע ליפען האָט זיך אָנגעהויבען צו גיסען דער געזאַנג —

מיכל. דאן בין איך געקומען.

דוד (לאזט אראב דעם קאפ).

מיכל (שטיל, נאך א קליינעם שווייגען). וואס איז געווען דיין בעשלום?

דוד. דעם קעניגס פאלעץ אויף אייביג צו פערלאזען.

מיכל. אה, דאס האב איך מיר געדאכט!

דוד. מעהר קאן איך דא נישט בלייבען.

מיכל. איך וויים, דעם קעניגס האס פערטרייבט דיך.

דוד (ווענדט אב זיין געזיכט).

מיכל. אבער דוד דארף זיך פון דעם קעניג נישט אוועק־גנב'ענען. ער זאל ווי א מאן פון איהם אוועקגעהן.

דוד. שאול וועט צופרידען זיין, ווען איך וועל מיך פאר איהם מעהר נישט בעוויזען.

מיכל (איינדרינגליך). איך גלויב, דער קעניג איז דיין בעל חוב. דו האסט א פארדערונג צו איהם.

דוד. דער קעניג איז מיר גארנישט שולדיג.

מיכל. גארנישט שולדיג? (לאכט פערלעגען אויף.) האט ער דען נישט גרויסען רייכטום אנגעבאטען דעם זיעגער איבער גלית?

דוד. איך האב גלית נישט פאר געלט געטויט.

מיכל. נישט פאר געלט?

דוד. נישט פאר די גרעסטע אוצרות און נישט פאר אלע פריויהייטען צו מיין פאטער'ס הויז.

מיכל (מיט אויפלויכטענדיגען געזיכט). דאן האסטו איהם — — — דאן האסטו איהם — — — (פלוצלונג הארט.) פאר וואס פארדערסטו מיך נישט פון דעם קעניג?

דוד (פאלט פאר איהר אויף די קני און בעהאלט זיין געזיכט אין איהר קלייד). מיכל!

מיכל (מיט ווידער אויפלויכטענדיגען געזיכט, טריאומפי־רענד). אההה!... האסט נישט דעם קעניג'ס פרייז געוואלט —

דו האָסט געוואָלט מיין ליעבע! אה, פאר וואָס האָסטו די גאנצע צייט געשוויגען? פאר וואָס האָסטו מיך זאָגאר אויסגעמידען? איך ליעב דיך לאנג שוין, איך ליעב דיך, ווי איך האָב דיך דער־זעהן. איך בין אין קעניג'ס לאגער געוועזען, ווען ער איז געשטאַ־נען אין פעלד געגען גלית'ן און די פלשתים, און מיך, נאָר מיך אליין פון אלע דעם קעניג'ס טעכטער האָט שאול אלס פרייז פאר גלית'עס קאָפּ אָנגעבאָטען. איז ווער דען פון דעם קעניג'ס טעכ־טער שענער פאר מיר? בין איך דען נישט די איננסטע? האָט מיך דען דער קעניג נישט ליעבער פון אלע זיינע טעכטער? בין איך דען נישט ווערט דעם פלשתי גלית'עס קאָפּ? ווי האָט עס מיך געקריינקט, וואָס פון אלע העלדען ישראל'ס האָט זיך קיינער נישט בעוויזען געגען גלית'ן! ווי האָט עס מיך בעליידיגט, וואָס קיינער האָט דעם מוט אין זיך נישט געפונען, כאָטש איך בין דער פרייז געוועזען! אָבער דאן ביזטו ארויס, יונג און שיין, מיט בלאָנדע האָר און רויטע באקען — ווי האָט מיין הארץ ווילד אָנגעהויבען צו קלאפּען, ווי האָט עס אין מיר אויפגעיובעלט! און איך האָב נאָט געדאנקט, וואָס קיינער האָט דעם ווען דיר נישט פערכאַפּט. און אז דו האָסט זיך געשטעלט געגען דעם ריעז, בין איך אויף די קני געפאַלען און האָב צו גאָט פאר דיר געבעטען. אה, ווי האָב איך איהם געבעטען! און איך האָב מיר די זיכערהייט געוואונען, אז דו וועסט זיעגען, ווייל דו קעמפּפסט פאר מיר אלס פרייז, און דאן וועסטו קומען און מיך פון מיין פאָטער פאָרדערען. אה, דאָס האָסטו געדארפט! דאָס האָסט דו געדארפט! אָבער דו ביזט נישט געקומען, אך, דו האָסט מיך פון מיין פאָטער נישט געפאָר־דערט. און איך האָב אויף דיר געוואַרט!

דוד (ווי פריער). מיכל!

מיכל (לאָזט זיך צו איהם אַראָב און נעמט זיין געזיכט אין איהרע הענד). איך האָב אויף דיר געוואַרט און נישט געקאָנט זיך דערקלערען, וואָס האַלט דיך אָב. וואָס פאר א שרעק האָב איך גע־האַט, ווען דער קעניג האָט מיין שוועסטער מרב דיר אָנגעבאָטען,

און ווי האָב איך געיובעלט, ווען דו האָסט זיך אָבגעזאָגט פון איהר, און שווערער נאָך איז מיר געפאלען, פאר וואָס דו קומסט נישט און פאָרדערסט מיך נישט אלס דיין ריכטיגען פּרייז. אה, דוד, ווי האָב איך דורך דיר געליטען! דו האָסט מיר אוועקגערויבט מיין רוה ביי טאָג און מיין שלאָף ביי נאכט. אָבער דאָס איז געוועזען נוט, וואָס איך בין נישט געשלאָפען און צו דיר מיך צוגעהערט. אזוי האָב איך היינט פערנומען, ווי דו ביזט פון דיין צימער און דעם פּאלעץ ארויס, און איך בין גלייך דיר נאָכגעגאנגען אין די שפּורען פון דיינע פיס. אה, ווי האָסטו גאָר געוואָלט ענטלויפען! ווי האָסטו מיך געוואָלט פערלאָזען! דאָך יעצט ווייסטו עס! איך ליעב דיך! אה, ווי איך ליעב דיך, און דיר געהערט מיין ליבע און לעבען! יעצט קום צום קעניג און פאָרדער דיר דיין פּרייז! קום, דוד, קום, מיין העלד און גבור!

דוד (וויינט אויף, פערגראָבענדיג זיין געזיכט אין זיינע הענד). איך קאָן נישט, מיכל! איך קאָן נישט!

מיכל (רוקט זיך אָב מיט שרעק). דו — קאָנסט — נישט?

יונתן (קומט געאיילט). אה, איהר זייט דאָ! שנעל, דער קעניג זוכט אייך! (קוקט זיי ביידען אָן פערוואונדערט.) ווי זייט איהר עפּעס ביידע? וואָס איז פאָרגעקומען צווישען אייך? — האָט איהר געהערט? דער קעניג זוכט אייך און ער איז אין זיין גרעסטען כעס! מען האָט איהם דערצעהלט, אז איהר זייט ביידע פריה אויפגעשטאנען און דעם פּאלעץ שטיל פערלאָזען. ער איז גלייך אין זיין ווילדען כעס אריינגעפאלען, אין דעם כעס, וועלכען דער בייזער גייסט שיקט אויף איהם יעצט אזוי אָפט אָן, האָט אלע דיענער געזידעלט און געשאָלטען, און דאן מיך מיט ווילדע זידעל־ווערטער פון מיין שלאָף ארויסגעריסען: איך מוז וויסען, וואו איהר זייט, וואוהין איהר זייט ענטלאָפען, וואָס איהר האָט אָבגע־רעדט צווישען אייך. און אז ער האָט פון מיר גאָרנישט געקאָנט דערוויסען, ווייל איך אליין ווייס גאָרנישט, דאָך איבערצייגט גאנץ, אז איך וויל איהם בלויז נישט זאָגען, האָט ער צושיקט

זיינע דיענער, מען זאָל אייך געפינען און צו איהם ברייננען טויט אָדער לעבעדיג. — האָט איהר עס געהערט? — וואָס שטעהט איהר אזוי?

מיכל (שטעהט גאַנץ אונבעוועגליך אין איהר גרויסען שרעק, נישט אָראָבנעמענדיג די אויגען פון דוד'ן, ווי זי וואָלט אַלץ געוואַרט אויף אן ערקלערונג פון איהם אויף זיינע ווערטער. עס איז, ווי זי וואָלט גאָרנישט געהערט יונתן'ס רעד און נישט געמערקט אַפילו זיין אַנוועזענהייט).

דוד (האָט זיך ביי יונתן'ס ערשטע לאַנגזאַם אויפגעהויבען, האַלט אָבער דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען און שטעהט, ווי ער אויך וואָלט נישט געהערט יונתן'ס רעד אָדער נישט אויסגעמאַכט זיך פון זיי).

יונתן. אין נאָמען, וואָס איז צווישען אייך פאָר־געקומען?

דוד (שטיל, מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען). איך האָב דיין שוועסטער ערסט געזאָגט, אז איך קאָן זי מיר פאַר א ווייב נישט נעמען.

יונתן. דו קאָנסט נישט?

דוד (מיט א שווערען זיפץ). ניין.

יונתן. דו מוזט דאָך חתונה האָבען מיט דעם קעניג'ס טאָכטער. זי איז פערשפּראָכען געוואָרען יענעם, ווער עס וועט הרג'ענען גלית דעם פּלשתי — ביזטו דאָס אפשר נישט, וועלכער האָט אונז פון גלית'ן און די פּלשתים בעפרייט? האָט דאָס אפשר נישט ד י י ן שטיין דעם ריעז א טויטען אוועק־געלעגט? דעם קעניגס טאָכטער געהערט דיר.

דוד. נישט פון איהר'ט וועגען בין איך ארויס געגען גלית'ן, נישט פון וועגען צו ווערען דעם קעניג'ס איידים האָב איך דעם ריעז געטויט. איך האָב עס געטאָן, ווייל ער האָט גאָט געלעסטערט און נאָמס פאָלק. איך האָב בלויז פאַר גאָט און זיין נאָמען גע־קעמפּט.

מ י כ ל (עטעמט שטאַרק, קרעמפּפט מיט די פינגער און גיט אַרויס אַ טאָן פון גרויסען שמערץ).

י ו נ ת ן. דאָך דיין שכר איז דעם קעניג׳ס טאָכטער.

ד ו ד. איך טאָר דעם שכר נישט אָננעמען. וואָרים עס וועט־לען קומען די לאַכער און וועלען זאָגען: דוד האָט געזאָגט, אז ער נעמט זיך אָן פאר גאָט, אָבער אין דער אמת׳ן האָט ער געמיינט דעם קעניגס טאָכטער און דעם קעניגס רייכטום.

י ו נ ת ן. וואָס אַרט עס דיך? גאָט זעהט דיין הארץ און ווייס דעם אמת.

מ י כ ל (לאַכט אויף).

ד ו ד. מיין טאַט מוז זיין ריין פאר מענשען, ווי פאר גאָט. עס מוזען אַלע וויסען און קיינער טאָר נישט צווייפלען: נאָר די ליעבע צו גאָט האָט געגעבען קראַפט מיין האנד, נישט די ליעבע צו דעם קעניגס טאָכטער און נישט דאָס יאָגענים נאָך געלד און כבוד. ווי וועלען זיי עס וויסען, ווען איך וועל ווערען דעם קעניג׳ס איידים?

י ו נ ת ן. ווילסטו דיין ליעבע מקריב זיין אויס מורא פאר בייזע מענשענצינגער?

ד ו ד. איך וויל זי מקריב זיין גאָטס נאָמען, ווי איך האָב איהם מיין לעבען מקריב זיין געוואָלט.

מ י כ ל (קרעכצט אויף, מיט שרעק אין קול).

י ו נ ת ן (נאָך אַ קליינעם שווייגען, אָנקוקענדיג דוד׳ן מיט אַ פאַרשעהנדען בליק). פאר וואָס־זשע ביזטו אזוי טרויעריג? פאר וואָס זעהסטו אזוי אונגליקליך אויס?

ד ו ד (ווענדט זיך אָב).

י ו נ ת ן. דיין לעבען האָסטו איינגעשטעלט מיט שמחה, ביזט געגען גלית׳ן געגאַנגען ווי צום טאַנץ — וואָס מאַכט דיין ליעבע־קרבן דיך אזוי טרויעריג? טוסטו עס פאר גאָט, דאַרפסטו דאָך פרעהליך זיין.

דוד (ביטער). אה, לאך נישט פון מיר און גיב נישט צו קיין שפאט צו מיינע שמערצען!

יונתן. איז נישט אמת, וואס איך זאג דיר?

דוד. דו האסט נישט געליעבט.

יונתן. דאן הער מיך און נעם מיכל דיר פאר א ווייב. גיב דיין האנד מיר, גיט מיר אייערע הענד, איך וועל אייך פער־אייניגען און איינשטעהן אויך פאר אייך ביי דעם קעניג. איך וועל איהם זאגען, אז זיין בכור האט דעם חוב בעצאהלט, וועלכען ער האט נישט געוואלט בעצאהלען. (צו דוד'ן.) קום און זיי געבענשט. די מענשענצינגער — זיי וועלען זיך נישט דערוועגען נעגען דיר צו רעדען. עס האט דאס גאנצע פאלק געהערט דעם קעניג'ס אויסרוף, און דאך האט קיינער נישט דערוועגט זיך געגען גלית'ן אויפצוטרעטען. נאר דער, וועלכער איז געוועזען בעוואפענט מיט דער ליעבע צו גאט, האט דאס זיך געקאנט דערוועגען, און איהם האט גאט אויך די קראפט געגעבען. דאס מוזען אלע איינזעהן און אלע מוזען עס בעגרייפען.

דוד. דו האסט נישט געליעבט.

יונתן. וואס וויל עס זאגען?

דוד. אויך די, וועלכע ליעבען, וואלטען דעם מוט אין זיך געפונען.

יונתן. דו מיינסט אזוי?

דוד. איך ווייס עס גאנץ געוויס. זאל היינט ווידער א גלית אויפטרעטען און דער קעניג זאל מיכל אויסשטעלען אלס פרייז, איך וועל זיין אנבאט אננעמען און איהם פאר דעם גאנצען פאלק דערקלערען: מיין קעניג, איך ליעב דיין טאכטער מיכל און שטעל פאר איהר מיין לעבען איין.

יונתן. דו מוזט נאך א גלית האבען צו דיין גליק. האהא! דאך איך ליעב דיך צו שטארק און וואלט נישט געוואלט דיך אין א צווייטער גלית־געפאר זעהן. קום און זיי נישט איינגעשפארט. דו זעה דיר מיכל אן — דו טארסט זי נישט אזוי ליידען לאזען.

מ י כ ל. רעד נישט פון מיינע ליידען, יונתן. איך וועל נישט ליידען מעהר.

י ו נ ת ן. די שטאָלצע מיכל רעדט עס. זיי געדולדיג, שוועסטער, רעד גאָרנישט נאָך געגען דיין ליעבע.

מ י כ ל. מיכל דעם קעניג שאול׳ס טאָכטער וויל זיך אין דער ליעבע נישט טיילען אפילו מיט גאָט.

י ו נ ת ן. דאָס זיינען שטאָלצע ווערטער, דאָך וואָס זאָגט דיין הארץ דערצו? אך, איך האָב נישט געליעבט, דאָך וויים איך די וועגען פון דער ליעבע בעסער פיעל אלס איהר. לאָזט די בלום; וועלכע גאָט האָט אין אייערע הערצער איינגעפלאנצט, דאָך נישט פערדארבען. קומט, איך בין דער עלטערער און איהר מוזט מיך ביידע פאָלגען. גיב דיין האנד מיר, דוד, און לאָז די מענשענ־צינגער — מענשענצינגער זיין. קום, שוועסטער, און לאָז דיר נישט פון דיין שטאָלץ דיין הארץ פערבלוטען. אָדער זאָל אונזער פאָטער׳ס וואָרט בלייבען נישט געהאלטען? דער קעניג האָט א וואָרט געגעבען, דעם קעניג׳ס קינדער וועלען עס פאר איהם האלטען.

ש א ו ל (גנב׳עט זיך פלוצלונג ארוים רעכטס פון צווישען די בוימער מיט עטליכע דיענער). האהאהאהא, דו ווידערשפעניגער און זוהן פון א ווידערשפעניגערין! האָסט פריער מיר א ליגען געזאָגט, אז דו ווייסט נישט, וואו זיי זיינען און וואָס זיי האָבען אָבגעטראכט, און לייגסט יעצט ווידער אין דיין טיעפען האלז אריין, ווען דו זאָגסט, אז איך האָב מיין וואָרט נישט געהאלטען.

י ו נ ת ן. דו קאָנסט מיך זידלען און מיין מוטער, דערפאר ביזטו פאָטער און מאן, קעניג און הערשער נאָך דערצו. אָבער איך האָב קיין ליגען נישט געזאָגט. איך האָב זיי דאָ צופעליג גע־טראָפען און ערסט דאָ ארויסגעפונען, וואָס צווישען זיי קומט פאָר. און האָסט ד ו דיין וואָרט געהאלטען, וואָס דו האָסט פאר דעם גאנצען פאָלק געגעבען? האָט דער גלית־זיעגער דיין טאָכטער פאר א ווייב?

שאול. אונווירדיגער זוהן, דיין ליגען זאָל ווי זודיג בליי דיין האלז פערשטאָפּען! האָב איך דען דיין גלית־זיעגער נישט אנגעבאָטען מיין טאָכטער מרב? ער האָט זיך אָבגעזאָגט פון איהר, און איך בין פון מיין וואָרט פריי.

יונתן. האָסטו מרב אלס פרייז פאר גלית'עס קאָפּ אויס־געשטעלט? דו האָסט א טאָכטער אָנגעבאָטען: וויל ער די איינע נישט, מוזטו איהם די צווייטע געבען.

שאול (ווילד מיט פויסטען צו איהם). אהההה!

מיכל (שנעל). דער קעניג איז פון זיין וואָרט פריי! (אַל־געמיינע פערוואונדערונג.)

שאול (האַלט זיך איין אין זיין ווילדקייט און דרעהט לאַנגזאַם צו זיין קאָפּ צו מיכל). ווי? !

מיכל. דער גלית־זיעגער האָט דעם קעניג'ס בעדינגונג גאָר נישט אָנגענומען.

יונתן. שוועסטער!

שאול (אומפּיהרענדיג זיין ווילדען בליק פון מיכל צו דוד'ן און פון דוד'ן צו מיכל). ער האָט מיין בעדינגונג נישט אָנגענו־מען? !

מיכל. ער האָט זיך גאָר אָנגענומען פאר גאָט, און גאָר אום אָבצוריינינגען גאָטס נאָמען האָט ער זיך געגען גלית'ן געשטעלט.

שאול (ווילד). דו ליגנערישער פּאסטוך, דאָס איז דיין ענטפער מיר נישט געוועזען, ווען איך האָב דיר מרב אָנגעבאָטען! האָסט דיך ווי א וואָרים געקרימט, אין דרייען זיך איינגעדרעהט און זיך גאנץ קליין געמאכט. דאן האָט עס געהייסען, אז דו ביזט צו קליין און שפּל און דער שידוך איז פאר דיר צו גרויס. אה, ווי האס איך דיך, דו נישטיגער צעהנטוויזענד־טויטער, מיט אלע דיינע ליגען און שווינדעלייען!

דוד. ווייל שאול גלויבט מיר נישט, האָב איך איהם דעם ענטפער געגעבען, וועלכער זאָל ליעבער זיין זיינע אויערן. אָבער גאָט איז מיין עדות, איך ליעב דיין טאָכטער מיכל היים און הייליג

און האָב זי פון דיר נישט געפאָרדערט. איך האָב איהר ליעבע אויך און דאָך קאָן איך זי מיר פאַר א ווייב נישט נעמען. איך האָב בעסער געוואָלט פון דיין הויז ענטלויפען, דיין טאָכטער'ס ליעבער אָנבליק זאָל מיך נישט דערדריקען. איך האָב גלית'ן נאָר פאַר גאָט געטויט.

מיכל. גיב איהם אן אנדער גלית, און ער וועט איהם פאַר מיר טויטען.

יונתן (מיט גרויסען שרעק). שוועסטער!

שאול. ווי?

מיכל. דאָס האָט ער אליין געזאָגט.

יונתן. שוועסטער, וואוהין טרייבסטו?!

דוד. יאָ, איך האָב דאָס אליין געזאָגט. שאף מיר אפילו א גאנצען גלית־חיל, אין נאָמען פון מיין ליעבע צו דיין טאָכטער שטעל איך מיך געגען איהם.

יונתן. דוד, רעד דאָך נישט אזוי. דער קעניג איז דיר זיין טאָכטער שולדיג.

שאול. שווייג! איך וועל דיך גלייך דערמאנען, וואָס דו ביזט דעם קעניג שולדיג און וועל דיר פערשליעסען דיין מויל אויף אייביג. (צו דוד'ן.) בין איך דיר וואָס שולדיג, הארפענשפיעלער?!

דוד. גאָרנישט.

שאול. האָב איך דיר וואָס פערשפּראָכען און עס נישט געהאלטען, שטיינוואַרפער?

דוד. האָסט מיר פערזענליך קיינמאָל גאָרנישט פערשפּראָכען, און וואָס דו האָסט אין דיין אויסרוף פערשפּראָכען, איז געווען נישט פאַר מיר.

שאול (צו יונתן). הערסטו, וואָס דער פּאסטוך זאָגט? מאָן דו פון מיר נישט, וואָס ער מאָנט נישט פון מיר! העהעהע... (צו מיכל.) און דו ליעבסט דעם גלית־טויטער?

מיכל (מיט שווערען אָטעמען). ניין, נישט דעם גלית־טויטער.

שאול. אההה, האהאהאהא! די שטאָלצע קעניגסטאָכ־טער! קום אין מיינע אָרמס. דו ביזט מיין אמת בלוט. נישט אומזיסט האָט שאול דיך פון אַלע קינדער ליעבער. די אַנדערע זיינען נישט פון איהם. דו זעהסט די שמאטע דאָרט: זיין טאטע און דער טראָן זיינען איהם װעניגער װי דער פּאסטוך!... האהאהא, „ניין, נישט דעם גלית־טויטער!" האהא... דאָך איהם — איהם ליעבסטו? דעם האַרפּענשפּיעלער, די בלאָנדע לאָקען — די רויטע באַקען — דעם שלאַנקען קערפּער — דעם שיינעם — דעם הערליכען — דעם װאָרים — דעם פּיפּערנאָטער? איהם — איהם ליעבסטו? יאָ, דו ליעבסט! דו ליעבסט! בייס דיך דיינע שיינע ליפּען נישט! פרעג נישט ביי דיין שטאָלץ, פערדרייט דיין קאָפּ דיר נישט! דו ליעבסט — איך זעה. איך בין אַלט און ליעבסט זי, שעפּסענטרייבער? ליעבסט זי, פלוי?

ווילד און בייז, דאָך איך געדענק נאָך גוט, ווי ליעבע קוקט, ווי ליעבע טרייבט דאָס האַרץ. דו ליעבסט — דו ליעבסט איהם — ביזט נישט בעסער פאַר דיין ברודער! געה פון מיר! האהאהא! און ער ליעבט דיך? „היים און הייליג" ליעבט ער דיך! הא־א, מיכל. פאָטער!

שאול. האהאהא, עס האָט אָנגעריהרט! ליעבסטו זי, בערענשלעגער?

דוד. דו האָסט מיין ענטפער שוין געהערט. און אויך אויף דיינע זידלערייען, קעניג, האָב איך דיר און אונזער פאָלק נישט איינמאָל שוין געענטפערט.

שאול. ווי שטאָלץ! דער ווייבערהעלד! דער גבור אין די געזאַנגען פון אַלטע אויסגעלעבטע זונות! דאָך מיר װעלען גלייך זעהן דיין העלדישקייט און וואָס דיין וואָרט איז ווערט. הערט אַלע יעצט מיין וואָרט, און קעניג שאול האַלט זיין וואָרט: ישי'ס זוהן קריגט מיין טאָכטער מיכל פאַר אַ ווייב, ווען ער ברייננט מיר פאַר איהר הונדערט פלשתים־קעפּ אין נדן.

יונתן (מיט גרויסען שרעק). פאטער! (פערדעקט זיך דעם קאפ.)

מיכל. אההה! (קוקט אן דוד'ן אין גרויסער שפאנונג.)

געמורמעל (פון איבערראשונג און שרעק אין דעם קעניג'ס סוויטע).

דוד (מיט התפעלות). איך נעם דיין ווארט, מיין קעניג!

מיכל (לאכט אויף, אויפלויכטענדיג אין גאנצען געזיכט).

שאול. און איך וועל מיין ווארט האלטען. הונדערט פלשתים־קעפ, און דו האסט זי!

דוד. גאט זאל דיך בענשען, מיין קעניג! דו האסט מיין רוה מיר צוריקגעגעבען, יעצט וועל איך גענעזען! דארף איך גלייך דיך פערלאזען, מיין קעניג?

שאול. אבער גלייך.

דוד. דאן געה איך שוין, און גאט זאל דיר אומקעהרען דיין פרעהליך געמיט, ווי דו האסט מיינס מיר אומגעקעהרט. זיי געזונד, מיין קעניג! — דעק אב דיין קאפ, מיין יונתן! זעה, אין דיין דוד זינגט און יובעלט אלץ, פול כח און גבורה איז דיין דוד! קום קום מיך און העלף מיר יובלען. גלויבסטו נישט אין מיר? איך וועל דער זיעגער זיין. — גלויבסט דו אין מיר, מיכל? זיי געזונד, מיין כלה! גיב דיין האנד מיר צום דרוק, אבער איך וועל נאך דיינע ליפען בייגקען, און די פלשתים וועלען מיר דארפען מיין ביינקענים בעצאהלען. הא־א, מיין ליעבע איז בעפרייט געווארען און האט שמשונ'ס קראפט געוואונען. איך געה! ציטערט, איהר פלשתים! (ווענדט זיך צום געהן.)

מיכל (דערשראקען). דוד! פאטער!

דוד (בלייבט שטעהן און קוקט זיך אום).

יונתן (הערט אויף דעם קאפ).

שאול. וואס איז דער טאן? איך דערקען די שטימע נישט.

מיכל (געפאסט). גארנישט — — — איך האב נעמיינט — — — הונדערט פלשתים זיינען דאך צופיעל.

שאול. פאר דיר?

דוד. הונדערט פלשתים פאר מײן מיכל? ! צװײ הונדערט װעלען עס װערען! מײן מיכל, איך ליעב דיך! (געהט אװעק מיט געשלאָסענע אױגען, הויך אָטמענדיג, און מיט אָרמס, פערנאַנדערגעשפרײטע, װי צום אומארמען.)

שאול. האהאהא, דאָס ליגנערמויל! האהאהא! ער קומט נישט צוריק!

יונתן (מיט פערצװײפלונג). שװעסטער, װאָס האָסטו געטאָן!

מיכל (גאַנץ פערקלערט, בעגײסטערט, מיט אַ גליקליכען אויסדרוק אויפ'ן געזיכט, שװער אָטמענדיג). ער—ליעבט—מיך!... ער װעט זיעגען!...

אביגיל

(אפריל-יוני, 1914.)

שמואל א, פ"ח.

פערזאנען:

ד ו ד.

א ב י ג י ל.

נ ב ל, איהר מאן.

י ו א ב
א ב י ש י — די זיהן פון צרויה, דוד'ס שוועסטער.
ע ש ה א ל

א ב י ת ר, דער כהן.

א ח י מ ל ך, דער חתיער.

א י ו נ ג, פון אביגיל'ס דיענער.

א י ו נ ג, פון נבל'ס מחנה.

דוד'ס מענשען, אביגיל'ס דיענער, נבל'ס קנעכט.

דוד'ס לאגער אין א פעלזענפלאץ אין מדבר פארן. אויף א גרויסען שטיין, וועלכער געפינט זיך אין מיטען פלאץ, זיצט דוד, מיט זיין שווערט אויף די קני. פאר איהם אויף דער ערד זיצען יואב, אביתר און אחימלך. עשהאל ליעגט אויסגעצויגען ביי זיינע פיס, כמעט בעריהרענדיג מיט'ן קאפ דוד'ס קני. ארום און ארום שטעהען, ליעגען און זיצען זיינע לייט — אויסגעמאטערטע, אויסגעהונגערטע; איבער זיי די שרעקענדיגע מיטאגסזון. אלע אויגען זיינען געווענדט נאך

ליגקס, ווי זיי וואלטען פון דארט אויף עמיצען געוואַרט.

עשהאל (צו אחימלך'ן, אויסשטרעקענדיג צו איהם ביידע אין פויסטען געשלאסענע הענד). טרעף, וואו האלט דאס שטיינדעל איך. טרעפסטו, האט גבל אונזער בקשה בעפריעדיגט, טרעפסט דו נישט, האט ער פון דוד'ס ווערטער זיך נישט אויסגעמאכט.

אחימלך (אנגערוקט). וועט עס מיר מיין הונגער שטילען?

עשהאל. דאס איז א צייטפערטרייב, און איז דיין מאגען בייז, בערוהיג איהם מיט שפיעלען. ווילסטו נישט? — הם — אביתר, כהן, דו — דו ביזט דאך א טרעפער.

אביתר. האלט ברויט אין דיין פויסט, וועל איך שוין ריכטיג טרעפען.

עשהאל. דאס וואלט בעסער נאך א מויז. אך, איהר זייט מיר אלע אנגערוקטע מענער, מיט אייך איז נישט קיין שפיעל. (רוקט־צו דעם קאפ צו דוד'ן.) וואס זיצסטו אזוי פערקלערט, מיין פעטער? וואס טראכסטו יעצט? וואו ווייזען דיינע געדאנקען? קוקסטו אין די פערגאנגענהייט? זעהסטו יעצט די צוקונפט? איך האב ליעב צו זעהן דיך פערטראכט — איך האב קיין אייגענע געדאנקען נישט, וויל איך דיינע טרעפען, און טראכט, און טראכט...

דוד (לאכט שטיל אויף). האהא!

עשהאל. האסטו געטראכט פון שאול'ן יעצט? אָדער פון יונתן? אָדער — אָדער פון מיכל דיין ווייב? — אה, איך האָב דיר וועה געטאָן! — ווילסטו פיעלייכט דיין הארף? (בייזער געלעכטער אין דעם ארום. עשהאל קריכט נאָך דעם לאכען.) העהעהע... (צו דוד'ן.) זינג עפּעס פאָר. (ווידער לאכען.)

דוד (לעגט ארויף זיין האַנד אויף עשהאל'ס קאָפּ פול לאסקע).

יואָב. בעט איהם בעסער, ער זאָל זיין שווערד אָנגורטען. געדארפט מיך פריער פאָלגען. אָנשטאָט צו שיקען צעהן פון אונז, האָבען מיר אלע געדארפט געהן, און אָנשטאָט בקשה־ווערטער גבל'ן פאָרצורעדען, האָבען מיר זיך געדארפט דאָרטין דורכרעדען מיט איהם מיט אונזערע שפּיזען. מיר וואָלטען יעצט נישט גע־זעסען און צוגעהערט זיך צו דער מוזיק פון אונזערע לעדיגע מאָגענס.

געמורמעל. געוויס — — נאטירליך — — יא־א — —

יואָב. איך וויים פון בעטען נישט. מען זאָל קיינמאָל גאָרנישט בעטען.

אחימלך. איך וואָלט שוין בעסער געשיקט צו זיין ווייב. זי, זאָגט מען, איז אזוי גוט, ווי שיין, ער אָבער איז אן אויסוואורף.

עשהאל. ער וועט זיך נישט דערוועגען אָבצוזאָגען פאר דאָס גוטס, וואָס ער האָט פון אונז געהאט.

יואָב. האהאהא... אויך שאול האָט פון אונז גוטס געהאט, שטענדיג גוטס געהאט, און אָט — האהא — דארפען מיר זיין פער־וואָגעלט אין מדבר פארן, פון הונגער ליידענד און פון דורסט. ווען מיר וואָלטען אָבער אָבגעלאָזען אמאָל פון גוטס טאָן, וואָלטען מיר יעצט געדיענט דעם קעניג פון יהודה.

דוד (שטרייננ). יואָב!

געמורמעל. דעם קעניג פון יהודה — יאָ! דעם קעניג פון יהודה!

דוד. דערמאנט דאָס וואָרט מיר נישט! כל זמן ער לעבט, איז שאול אונזער קעניג, און איך און קיינער, וועך איז מיר טריי,

וועט איהם א האר נישט קרימען. ער איז דער געזאלבטער פון גאט. צרויה'ס זוהן מיינט, ער איז מיר טריי און ליעבט מיך, ווען ער רעדט מיר פון קעניגטום. ער ווייס נישט, ווי ער בעליידיגט מיך.

יואב. מיר וועלען אונז קיינמאל נישט פערשטעהן.

דוד. דאן שווייג, און לערן דיך, מיך צו בעגרייפען.

יואב. דערקלער מיר דען, צו וואס די צעהן שלוחים צו נבל'ן? ער איז דאך נישט שאול, פון גאט נישט געזאלבט. צו וואס די ווייכע שפראך און דער תפלה־לשון? „שלום דיר און פריעדען דיין הויז, און פריעדען מיט אלץ, וואס געהערט דיר!“ און צום סוף נאך: „דיין זוהן דוד“... פוי!

דוד. דו ווילסט, איך זאל קעניג ווערען אין יהודה, און פארדערסט, איך זאל מיך בענעמען, ווי א רויבער.

יואב. בענעם דיך ווי א קעניג. פארדער! בעפעהל! היים!

דוד (שטרייננג). דאן הייס איך דיר שווייגען. מאך מיר די יונגענס נישט אונגעדולדיג.

עשהאל. איך האב געזאלט געהן. מיך האסטו געדארפט שיקען, דעם פלינקפיסיגען. איך וואלט שוין לאנג געוועזען דא צוריק.

שטימען (לינקס). זיי קומען! זיי קומען! — — זיי קומען לעדיג! — זיי קומען מיט לעדיגע הענד!

יואב. האהאהאהא!...

דוד. מיט לעדיגע — — (גרייפט אן זיין שווערד, שטעהט אויף פון שטיין און רופט צו די אנקומענדיגע.) געהט גיכער! איך וויל דעם ענטפער וויסען!

שטימען. גיכער געהט! דוד וויל דעם ענטפער וויסען!

אבישי (און זיינע לייט קומען אן פון לינקס).

דוד. איהר קומט מיט לעדיגען?

אבישי. ווי דו זעהסט.

ד ו ד. האָט ער אפשר אייך וואָס נאָכגעשיקט?

א ב י ש י. זיין שפּאָט.

ד ו ד. דו האָסט געווים מיט עפּעס איהם בעליידיגט. דו האָסט דיין שאַרפע צונג נישט געקאָנט איינהאַלטען און, איידעה דו האָסט אויפגעעפענט דיין מויל, האָסטו שוין דיין געדולד פערלאָרען. ביזט דאָך יואָב'ס ברודער.

א ב י ש י. זיי אַלע זיינען מיינע עדות. איך האָב וואָרט אין וואָרט איהם איבערגעגעבען דיין בקשה, ווי דו האָסט זי מיר אָנגעזאָגט. איך האָב זי מיר דעם גאַנצען וועג גע'חזר'ט און אויך א בקשה־טאָן מיר איינגעלערנט. איך האָב קיין איין וואָרט פון דיינע נישט פערפעהלט — זיי זיינען מיינע עדות — און האָב קיין וואָרט נישט צוגעלעגט — זיי קאָנען דיר עס זאָגען. איך האָב מיין געדולד נישט פערלאָרען, אפילו ווען ער האָט דיך און אונז בעליידיגט — זאָג איך אמת, פריינד?

ד י ב ע ג ל י י ט ע ר. לײדער!

א ב י ש י. מיר האָבען דאָך אונזערע שווערדען ביי זיך נישט געהאַט, דו האָסט זיי ביי אונז דאָך אָוועקגענומען.

ד ו ד (אונגעדולדיג). דערצעהל!

א ב י ש י. מיר זיינען געקומען אין כרמל צו נבל'ן —

ג ע מ ו ר מ ע ל. נבל!... נבל!... נבל און מנוול!...

ד ו ד. שטיל!

א ב י ש י. און איך האָב צו איהם געזאָגט: „מיר קומען צו דיר מיט א שלום־גרוס פון אונזער האר דוד דעם זוהן פון ישי." ער האָט זיין זויער געזיכט גלייך זויערער געמאַכט, אָבער איך האָב דיין אָנזאָג געדענקט, און איך האָב ווייטער גערעדט, און מיין שטימע איז א האָר נישט אומפריינדליך געוואָרען: „אזוי האָט דוד אונז געהייסען דיר זאָגען. לעבען זאָלסטו — (בייזער געמורמעל.) און שלום דיר און פריעדען דיין הויז, און פריעדען מיט אַלץ, וואָס געהערט דיר."

י ו אָ ב (צולאַכט זיך).

א ב י ש י. „איך האב געהערט, אז דו שערסט יעצט דיין שאף, טא זיי וויסען, אז דיינע פאסטיכער זיינען געוועזען מיט אונז, און מיר האבען זיי נישט בעליידיגט, און גארנישט איז זיי פערלארען געגאנגען פאר דער צייט, וואס זיי זיינען געוועזען אין כרמל. פרעג דיינע יונגענס און זיי וועלען דיר זאגען. זאלען דער־פאר מיינע יונגענס געפינען חן אין דיינע אויגען, ווייל מיר קומען אין א גוטען טאג. גיב נאר, וואס דיינע הענד וועלען געפינען, צו דיינע קנעכט און צו דיין זוהן דוד.“

י ו א ב. דיין זוהן דוד! דיין זוהן דוד!

א ב י ש י. אזוי האב איך איהם געזאגט, ווארט אין ווארט און מיט דעם אונטערטעניגסטען בקשה־טאן. (צו די בעגלייטער.) איז עס נישט אמת?

א ב ע ג ל י י ט ע ר. מיר האבען אונז געשעמט, אזוי בע־טעלדיג האט ער עס געמאכט.

א ב י ש י (צווישען די ציינער). און ווי האט עס נעקאכט אין מיר?!

ד ו ד (אונגעדולדיג). און נו?

א ב י ש י. ער האט זיך אבגעקעהרט פון אונז און איז מיט א בייזען ליפען־טשמאק אוועקגעגאנגען פול פעראכטונג.

ד ו ד (שלאגט־אויף מיט זיין שווערד).

א ב י ש י. ווארט, עס קומט נאך ערגער. מיר האבען אונז אראבגעלאזען אויף דער ערד און בעשלאסען, א קלערערען און ווערטער־רייבערען ענטפער אבצוואווארטען. און זעה — דער ענטפער איז אויך געקומען. מיר האבען זיך גוט אויסגערוהט פון אונזער גאנג, ווען ער האט אונזער אנבליק מעהר שוין נישט גע־קאנט פערטראגען, און איז מיט גרויסען כעס צו אונז צוגעגאנגען און האט זיך בייז צושריען: „ווער איז דוד און ווער איז ישי'ס זוהן? עס מעהרען זיך יעצט די קנעכט, וועלכע שטעהען אויף גע־גען זייער האר!“

י ו א ב. ווי?! דאס האט ער געזאגט?!

אבישי. „און איך זאָל נעמען מיין ברויט און מיין וואסער און מיין פלייש, וואָס איך האָב געשאָכטען פאר מיינע שערער, און זאָל עס אוועקגעבען צו מענשען, וועלכע איך ווייס נישט, פון וואַנען זיי נעמען זיך?...“ (ווערט ענטשוויגען.)

דוד (מיט הייזעריגער שטימע). נו, ווייטער!

אבישי. דאָס איז אלץ. ער איז אוועק פון אונז, און מיר — מיר האָבען דיך געפאָלגט. מיר זיינען אוועק איהם נישט בעשטראָפענדיג — מיר האָבען דאָך אונזערע שווערדען — —

דוד (שרייט אויף מיט זיין גאַנצער קראַפט). די שווערדען אָנגורטען! (גרויסע בעוועגונג אין לאַגער. געריויש פון דעם איבערגע׳חזר׳טען בעפעהל און די אָנגעגורטע שווערדען. צו יואָב׳ן, אָנגורטענדיג דאָס שווערד.) פיערהונדערט געהען מיט, צווייהונדערט וועלען בלייבען דאָ, דאָס לאגער אונז צו היטען. קלייב אויס די שטארקערע, די ווענינער מידע און הונגעריגע, און לאָז זיי דאָ.

יואָב. וואָס זאָל דאָס בעדייטען? דיין בעפעהל איז גאַנץ פערקעהרט.

דוד. דו וועסט מיך קיינמאָל נישט פערשטעהן. די מעהר מידע און הונגעריגע מוזען די ערסטע דאָך צום עסען קומען.

יואָב (קלאַפט זיך אויפ׳ן שטערן). בעגריפען! (ווענדט זיך צו אבישי, אחימלך און אביתר.) קומט, מיר קלייבען אונז די שטרייטער און די בלייבער אויס. (ער און זיי פערמישען זיך צווישען דעם עולם.)

דוד. דער הונד! דער הונד! דער הונד!

עשהאל. ער וועט שוין מעהר אויף דיר נישט בילען.

דוד. קיין שריד ופליט וועט פון איהם און פון די זייניגע נישט בלייבען. טויט אלע! טויט אלע!

עשהאל. אויך זיין שיינע ווייב?

דוד. טויט! טויט! מענער און פרויען, קיין גערעכנים זאָל פון איהם נישט בלייבען! דער אָרט אליין, וואו מיין בעליי-

דיגונג איז ארויסגעזאָגט געוואָרען, מוז פערוויסט און חרוב ווערען!
טויט! טויט! אלע און אלץ!

שטימען. א קאראוואן קומט אָן! — א קאראוואן קומט אָן!

יואָב (איילט צו). א קאראוואן פון אייזלען, אָנגעלאָדען מיט עסענוואַרג, קומט אָן —

דוד. דורכלאָזען! פארביילאָזען! קיינעם נישט אָנריהרען! מיר וועלען אונז היינט נאָך זאט אָנעסען מיט נבל'ס גוט און בלוט.

עטליכע יונגענס (לויפען אָן און ווארפען זיך אויפ'ן געזיכט פאר דוד'ן).

דוד. ווער זיינען דאָס?

אביתר. לויפער פאר דעם קאראוואן.

דוד. שטעהט אויף. געהט בשלום אייער וועג.

א יונג. מיר זיינען געלאָפען פאָראויס דיר אָנצוזאָגען, אז אונזער הערין קומט.

דוד. אייער הערין? ווער איז אייער הערין? קומט זי צו מיר?

דער יונג. צו דיר. זי איז אביגיל די פרוי פון נבל.

דוד. ווי? ! אוועק פון מיר! נעמט זיי אוועק פון מיר! מוט זיי זייער רעכט! (דרעהט אוועק דעם קאָפּ.)

די יונגענס (ווארפען זיך פאר איהם אויף די קני און כאפען זיך אָן מיט געיאָמער פאר זיינע קליידער. דוד'ס מענשען ווילען זיי אוועקרייסען פון איהם).

דוד (ווענדט זיך אום צו די יונגענס). איך האָב אומזיסט געהיט דאָס זייניגע אין דעם מדבר און גאָרנישט איז נישט אוועקגענומען געוואָרען פון איהם, און ער האָט מיט שלעכטס בעצאָהלט מיר פאר דאָס גוטס.

אביגיל (קומט אנגעריטען אויף אן אייזעל).

דוד (בעמערקט זי נישט, רעדענדיג צו די פאר איהם פויזענדיגע

קנעכט מיט א דערהעכערטער שטימע). זאָל גאָט אזוי טאָן דאָס און נאָך מעהר צו דוד'ס פיינד, אויב איך וועל ביז אין דער פריה אי־בערלאָזען פון די זייניגע כאָטש איין לעבעדיג... (בעמערקט פלוצלונג אביגיל, בלייבט שטעהן, ווי געטראָפען פון איהר שיינקייט, און ענדיגט גאַנץ צומישט און אין א ניעדעריגערען טאָן.) כאָטש — איין — מענליך ווענען. (די ארומיגע בעמערקען זיין בליק און צומישטקייט. זיי קוקען זיך אום, דערזעהט. אביגיל, טרעטען פערגאַנדער, לאָזען אב איהרע קנעכט, וועלכע ווארפען זיך צו איהר נאָך שוין. עס ווערט שטיל.)

אביגיל (רוקט זיך אראָב פון איהר אייזעל און ציהט זיך אוים אויף איהר געזיכט הארט פאר דוד'ס פים).

דוד (רוקט זיך פון איהר אָב).

אביגיל (רוקט זיך צו. א דריקענדיג שווייגען).

יואָב (קאָמאנדירט פלוצלונג אוים). צו נבל'ן! (בעוועגונג.)

אביגיל (העבט זיך שנעל אויף אויף די קני. מיט אויפגע־שפרייטע הענד צו דוד'ן). אה, מיין האר, איך בין די שולדיגע!

דוד (איראָניש־בייז). הא־א!

אביגיל. אה, לאָז דיין דיענסט רעדען צו דיינע אויערן! — אה, הער אוים די רעד פון דיין דיענסט!

דוד. נבל מוז אומקומען!

אביגיל. אָה, זאָל דער האר נישט אויסמאכען זיך פון דעם שלעכטען מענש, פון נבל'ן. ווי זיין נאָמען, אזוי איז ער. נבל הייסט ער און א נבלה צו בעגעהן איז זיין געוועהנהייט. האָסטו פון איהם אנדערם געקאָנט דערווארטען? האָסטו זיך געקאָנט ריכ־טען פון איהם אנדערם ווי אן אָבזאָג? אָבער איך — —

דוד. האָסטו אויך בעליידיגט מיינע מענשען און אָבגע־שיקט זיי מיט ליידיגען?

אביגיל. אה, איך, דיין דיענסט, האָב נישט געזעהן די יונגענס, וועלכע דו האָסט געשיקט.

דוד. איז דאָס דיין שולד?

אביגיל. אה, מיין האר! אזוי וואָהר, ווי גאָט לעבט,

און אזוי וואהר, ווי דיין נשמה לעבט, ווי דו ביזט שוין נישט איינ־מאל אבגעהאלטען געווארען פון בלוט צו פארגיסען און פון דעם, אז דיין אייגענע האנד זאל דיר העלפען. איז נישט שאול אין דיין האנד געוועזען?

ד ו ד. דער קעניג!

א ב י ג י ל. דיין גרעסטער פיינד, און דאך האסטו איהם נישט געטויט. און זאלען אלע דיינע ווייטערע פיינד און אלע, וועלכע ווינשען דיר שלעכטס, קיין גרעסערען ווערט נישט האבען ווי נבל.

ד ו ד. די לייז מוז איך צודריקען.

א ב י ג י ל. זעה די מתנה, וועלכע דיין דיענסט האט גע־בראכט צו איהר האר: זאל זי געגעבען ווערען צו די יונגענס, וועלכע דיענען דיר.

ד ו ד. דו ווילסט מיך קויפען? ווילסט מיין בעליידיגונג מיט דיין מתנה אבווישען?

א ב י ג י ל. אה, פערגיב די זינד פון דיין דיענסט! ווארום נאך 'עט אויפשטעלען מיין האר א פעסט הויז, ווייל מיין האר פיהרט גאטס מלחמות, דארף קיין שלעכטס אין דיר נישט געפונען ווערען דיין לעבען לאנג.

ד ו ד. איך טו קיין שלעכטס נישט, ווען איך בעשטראף.

א ב י ג י ל. אה, לאז עס צו גאט! און ווען עמיצער וועט אויפשטעהן דיך צו פערפאלגען און דיין לעבען צו נעמען, וועט די נשמה פון מיין האר זיין געבונדען אין דעם בונד פון לעבען מיט יהוה זיין גאט, און די נשמה פון דיינע פיינד וועט געהן אין כף הקלע.

ד ו ד. ווייב, וואס פאר א שפראך פיהרסטו?!

א ב י ג י ל. און עס וועט זיין, ווען גאט וועט טאן צו מיין האר דאס גוטס, וואס ער האט דיר פערשפראכען, צו מאכען דיך פאר א הערשער איבער ישראל, וועט זיכער מיין האר נישט פער־דריסען, וואס ער האט קיין אומזיסט בלוט נישט פערגאסען און

וואָס זיין האנד אליין האָט איהם דאָ נישט געהאָלפען. און גאָט וועט דיר גוטס טאָן, און דו וועסט געדענקען דיין דיענסט. (ציהט זיך אויס גאַנץ אונמעכטיג אויפ'ן געזיכט מיט ווייט פערנאַנדערגע־שפּרייטע אָרמס. איהרע קנעכט רוקען זיך צו איהר מיט אַ שטילען גע־יאָמער און גרויסען שרעק.)

דוד (מאַכט אַ בעוועגונג אויפצוהעבען זי).

עשהאל (פערכאַפּט איהם דעם וועג, שטעלט זי אויף אויף די קני, לעגט אַרויף איהר אָרם אַרום זיין האַלז און שטעלט זי אויף).

יואָב. די יונגענס וואַרטען, דוד. איך געה מיט זיי.

דוד (ענטפערט נישט, נישט אַראָבנעמענדיג די אויגען פון אביגיל).

אביגיל (שוידערט אויף ביי יואָב'ס ווערטער, עפענט ווייט פערנאַנדער די אויגען און קוקט אָן דוד'ן מיט שטומען געבעט).

דוד (נאָך אַ וויילע שטומען בעטראַכטען זי). דו ביזט נישט — געשיקט —

אביגיל (העבט אויף צו איהם מיט שרעק די הענד).

דוד. דו זאָגסט, דו ווילסט, איך זאָל...

אביגיל (וויל זיך ווידער אַראָבלאָזען אויף די קני).

עשהאל (האלט זי אָב).

דוד (נאָך אַ ווײלע שטומען קוקען). געבענשט זאָל זיין יהוה דער גאָט פון ישראל, וואָס האָט דיך היינט געשיקט צו מיר. און געבענשט דיינע רעד און געבענשט ביזט דו, וואָס דו האָסט מיך אָבגעהאַלטען היינט פון בלוט־פערגוס און פון העלפען זיך מיט אייגענער האַנד.

אביגיל (דערפרעהט, פריי אויפאָטמענדיג). אה, מיין האר!

דוד. אָבער אַזוי וואהר ווי גאָט לעבט, דער גאָט פון ישראל, וועלכער האָט מיך אָבגעהאַלטען פון טאָן דיר שלעכטס, אז אויב דו וואָלסט דיך נישט אונטערגעאײלט און נישט געקומען צו מיר, וואָלט ביי נבל'ען נישט איבערגעבליבען ביז אין דער פריה קיין איין... איין... מענליך וועזען.

א ב י ג י ל (לאָזט אַראָב די אויגען, עטעמט אַרויס). געבענשט איז גאָט! — (העבט אויף צו איהם די אויגען.) וועסטו מיין מתנה יעצט אָננעמען פון מיר?

ד ו ד. מיט דאנק.

א ב י ג י ל. צווייהונדערט לאבען ברויט האָב איך דיר גע־בראכט — וועט עס גענוג זיין? איך האָב דאָך נישט געוואוסט, ווי גרויס איז די צאָהל פון דיינע לייט — און צוויי קרוג וויין — ד י וועלען זיכער וועניג זיין. פינף צוגעגרייטע שעפּסען, פינף מאָס מעהל, הונדערט ראָזינקעס־קוכען און צווייהונדערט פייגען־קוכען — דאָס איז אלץ, וואָס איך האָב אין דער איילע געקאָנט ארויפלאָדען אויף די אייזלען.

ד ו ד. עס וועט גענוג זיין. (שרייט אויס.) יונגענס, עסען! מאכט א מאָלצייט זיך! (מיט געשרייען און געמורמעל „עסען! עסען!" לאָזט זיך דער עולם לינקס צו אביגיל'ס אייזלען.)

י ו אָ ב (בייז). דער קלוגער נבל! מיט דעם ביסעל וויל ער דאָס גאנצע ראטעווען.

א ב י ג י ל (דערשראָקען). אה, איך שווער דיר, נבל ווייס נישט פון איין לאבען ברויט אפילו און דענקט נישט, אז איך בין דאָ ביי דיר.

ד ו ד. איך גלויב דיר, דארפסט דיך נישט שרעקען. יואָב איז אונצופריעדען בלויז, וואָס די געשיכטע איז אָהן בלוט אָבגע־גאנגען. (צו יואָב'ען.) געה שטיל דיין דורסט מיט וויין. קאָנסט אויך מיין חלק האָבען.

י ו אָ ב (אָבגעהענדיג). און דו מיט וואָס ביזט זאט?

ע ש ה א ל (געהענדיג נאָך יואָב'ען). באלד בין איך אויך גאנץ זאט.

ד ו ד (עסט זיך איין מיט די אויגען אין אביגיל'ען).

א ב י ג י ל (לאָזט אַראָב די אויגען פערשעמט).

ד ו ד. איך האָב נישט קיין שטול דיר אָנצובאָטען און נישט

קיין טעפיך. אויף ד ע ם שטיין בין איך פריער געזעסען. ווילסטו איהם נישט?

א ב י ג י ל. זאָל מיין האר זיצען, דיין דיענסט וועט שטעהן פאר איהם. דאָך דו ביזט הונגעריג, זאָג, וואָס ווילסטו האָבען און איך וועל דיך בעדיענען.

ד ו ד. איך בין זאט, ווען מיינע יונגענס האָבען וואָס צו עסען — און איך בין זאט, ווען — — זעץ דיך דאָך, און איך ביי דיר צופוסען. זעץ דיך, אז נישט מוז איך אלץ שטעהן. — וואַרט, איך נעם אראָב מיין פעל פון מיר און בּרייט עס אויפ'ן שטיין אוים —

א ב י ג י ל. אה, ניין — דו דארפסט עס נישט — איך וועל אויך רייטען צוריק א היים.

ד ו ד (אויסשפּרייטענדיג דאָס פעל איבער'ן שטיין). דאָך, דאָך. — און דו וועסט דאָך ניט גלייך צוריק. וועסט אָבוואַרטען, ביז דיינע אייזלען וועלען אָבגעלאָדען ווערען. און מוזט דיך דאָך אויך פּעררוהען. אָדער בין איך דיר אונאַנגענעם און דו האָסט מורא פאר מיר?

א ב י ג י ל. אה, מיין האר! — איך וויל בלויז א היים שנעל צוריק, נבל זאָל —

ד ו ד. דערמאָן מיר נבל'ן נישט, איך זאָל מיך אָן מיין כעס נישט דערמאָנען. קום זעץ דיך. (נעמט זי אָן פאר א האַנד און זעצט זי אַרויף אויפ'ן שטיין. ער ציהט זיך אוים ביי איהר צופוסען, קוקט צו איהר אַרויף, פּרובט זי מיט זיינע אויגען.)

א ב י ג י ל (זיצט פערשעמט, פערלאָרען, קוקט אַרום זיך מיט שנעלע בליקען, אָבשטעלענדיג זיי קורץ אויף דוד'ן, ווי זי וואָלט גע־וואָלט איהם גוט אָנקוקען, נאָר נישט דערוועגט זיך).

ד ו ד (רייסט איבער דאָס דריקענדיגע שווייגען. לאַנגזאַם רעדענ־דיג). דו הייסט דאָך אביגיל?

א ב י ג י ל. יאָ, מיין האר.

ד ו ד (ווי פאר זיך, לאססעענדיג דאס ווארט). א־בי־ג־יל... (פאוזע) אביגיל!...

א ב י ג י ל. וואס, מיין האר?

ד ו ד. דער נאמען קלינגט מיר שיין.

א ב י ג י ל (מיט א שמייכעל). עס פרעהט מיך, וואס מיין נאמען געפעלט דיר.

ד ו ד. דיין נאמען און — (עפעס זיך איין אין איהר פנים די אויגען.)

א ב י ג י ל (לאזט אראב איהרע אויגען).

ד ו ד (פלוצלונג). זאג מיר, ליעבסטו דיין מאן?

א ב י ג י ל (פערליערט זיך גאנץ, וויל אויפשטעהן).

ד ו ד (האלט זי צוריק מיט א בעוועגונג פון זיין האנד. פאוזע). ליעבסטו איהם?

א ב י ג י ל (זאגט ענדליך קוים ארוים). ער איז מיין מאן.

ד ו ד. דו האסט פריער געזאגט, ער איז א שלעכטער מענש.

א ב י ג י ל. מיינע עלטערן האבען מיך איהם פאר א ווייב געגעבען.

ד ו ד. און דו ליעבסט איהם נישט. — פאר וואס זאל איך איהם אייגענטליך נישט בעשטראפען? ער פערדיענט דעם טויט.

א ב י ג י ל (דערשראקען). אח!

ד ו ד. ווי? ליעבסט איהם דאך!

א ב י ג י ל. ער איז מיין מאן.

ד ו ד. האחא!

א ב י ג י ל. און מיין האר דארף זיך נישט אויסמאכען פון אזעלכע פיינד.

ד ו ד. א ווארים צוטרעטען.

א ב י ג י ל. ניין, נישט טויטען! נישט טויטען!

ד ו ד. האהא! — ווי, אייגענטליך, האסטו זיך דערוועגט צו מיר צו קומען?

א ב י ג י ל. איך האָב געוואוסט, דו קאָנסט פערגעבען דיינע פיינד.

ד ו ד. און ווי, ווען איך וועל דיך נישט אָבלאָזען צוריק?

א ב י ג י ל (שפּרינגט אויף. גאַנץ דערשראָקען). אה, מיין האר!

ד ו ד. פאר וואָס זאָל נבל האָבען אזא אבן טוב? ווי קומט צום אויסוואורף אזא ווייב?

א ב י ג י ל. אה, דו וועסט מיך אָבלאָזען!

ד ו ד. צו דיין שלעכטען מאן?

א ב י ג י ל. צו מיין מאן. אָה, דו וועסט דאָך געגען גאָט נישט געהן און נישט עובר זיין אויף זיינע געבאָטען.

ד ו ד (פערגראָבט זיין געזיכט אין זיינע הענד).

א ב י ג י ל. דו ביזט גאָטס טרייער קנעכט און וועסט קיין געוואלט נישט געברויכען געגען דער פרוי פון א פרעמדען.

ד ו ד (שטעהט אויף). ביזט גערעכט. געה מיט פריעדען צו דיר א היים.

א ב י ג י ל (פערבויגט זיך טיעף).

ד ו ד (מיט אַ טרויעריגען שמייכעל). זעהסט, איך פאָלג דיך אין אלץ און האלט דיך עהרליך.

א ב י ג י ל (פערבויגט זיך ווידער טיעף). איך וועל עס דיר נישט פערגעסען. (זיי קוקען זיך אָן מיט טרויעריגע, בייגקענדיגע בליקען. פּאוזע.)

ד ו ד. און מיך אויך נישט פערגעסען?

א ב י ג י ל (לאָזט אַראָב דעם קאָפּ, רויט ווערענדיג, און העבט אָן אָבצוגעהן אויף הינטען. — בעוועגונג לינקס. נבל׳ס אַ קנעכט לויפט אָן, געפאָלגט פון עשהאל׳ן און נאָך איניגע).

ד ע ר ק נ ע כ ט. אה, הערריז, דיין מאן נבל קומט!

א ב י ג י ל (ציטערט אויף). אה, וועה!

ד ו ד. דו ביזט אין מיין שוץ.

א ב י ג י ל. ער דארף מיך דאָ נישט געפינען.

ד ו ד. אזוי האָסטו מורא פאר איהם?

אביגיל. ניין, פאר זיין געזונד האב איך מורא און פאחד זיין לעבען. ער איז דיק און פולבלוטיג: ווען ער דערזעהט מיך דא און דערוויסט זיך, וואס איך האב געטאן צו זיין האב און גוטס, קאן עס איהם נאך קראנק מאכען, קאן עס איהם נאך טויטען.

דוד. ער מוז עס דאך שוין וויסען, אויב ער קומט אהער.

אביגיל. אה, וואו בעהאלט איך מיך? — אה, לאז איהם מיך נישט זעהן און פערלייקען, בעהאלט פון איהם מיין מתנה!

דוד (צום קנעכט). ווי ווייט איז נבל נאך פון דאנען? איך זעה איהם נאך נישט אויפ'ן וועג.

דער קנעכט. ווייט נאך. איך בין פאראויסגעלאפען.

דוד (צו עשהאל'ן). לויף דורך דורך די רייהען פון אונזערע לייט און זאג זיי אן, זיי זאלען אויפהערען דאס עסען און טרינקען. בעהאלט דאס עסענווארג, פערשטעקט נבל'ס קנעכט אין אייערע רייהען, און ווען נבל קומט אן, זיצט מיד און אבגעמאטערט און לאזט איהם רוהיג דורך, קיין האר זאל איהם נישט געקרימט ווערען.

עשהאל. פערלאז דיך אויף מיר. דאס שפיעל וועט גוט אראב. (געהט אוועק מיט'ן קנעכט און מיט די אנדערע.)

דוד (צו אביגיל). דו בעהאלט דיך הינטער דעם שטיין. ער וועט דיך נישט דערזעהן.

אביגיל (אבטרעטענדיג הינטערן שטיין). אה, איך זעה איהם שוין. דו זעהסט? דער דיקער, וועלכער רייט צוערסט פאר דער גאנצער מחנה קנעכט.

דוד (זעצענדיג זיך אויפ'ן שטיין). ער זיצט נישט זיכער אויף זיין אייזעל. איך וואלט שווערען, ער איז שיכור.

אביגיל. דו קאנסט עס רוהיג. דאס איז ער אפט.

דוד (אנבויגענדיג זיך צו איהר). און דער איז דיין מאן?

אביגיל. אזוי האט גאט געוואלט.

דוד. און פאר זיין לעבען ציטערסטו?

אביגיל. איך האב זיין לעבען שטענדיג אבגעהיט.

דוד. דו טרייע נשמה! — — און ווי שיין דו ביזט. — — בעהאלט דיך נאך נישט. ער איז נאך ווייט. לאז מיך דיך אנקוקען. — שטעה רוהיג. זיי דאך נישט אזוי דערשראקען. לאז מיך קוקען אין דיינע אויגען. — רוהיג. — רוהיג. — ער איז נאך ווייט. — ווי שיין דו ביזט.

אביגיל (שרייט אויף). אה! (וויל זיך בעהאלטען.)

דוד (כאפט זי אן). ניין, בעהאלט דיך נאך נישט. ער איז נאך ווייט, ווי דו זעהסט. אדער ווילסטו פון מיר דיין שיינ־הייט בעהאלטען? (קוקט זי שטארק אן.)

אביגיל (בעהאלט דאס געזיכט אויפ'ן שטיין).

דוד. אביגיל, לאז נבל שטארבען.

אביגיל (דערשראקען). אה, ניין!

דוד. אביגיל, קוק מיך אן.

אביגיל (מיט אראבגעלאזענע אויגען). איך וויל נישט שולדיג זיין אין זיין טויט. — אה, ער איז נאהנט שוין! אה, שווער מיר, אז דו וועסט איהם גארנישט טאן!

דוד (נאך א לייגגערן שווייגען). איך שווער עס דיר.

אביגיל. ווי דאנק איך דיר! — ער זאל מיך דא נאך נישט ענטדעקען!

דוד. ער וועט דיך נישט ענטדעקען.

אביגיל (שרייט פלוצלונג אויף). אה, ער איז אראבגעפא־לען פון דעם אייזעל! זיי האבען איהם אראבגעשלעפט! דיינע לייט — —

דוד (שפרינגט אראב פון שטיין). זיי וועלען עס מיר בעצאהלען!

נבל (קומט אן, קוים האלטענדיג זיך אויף די פיס, ארומגעריננגעלט פון עשהאל'ן, אביתר'ן, אחימלך'ן און נאך איינינע, וועלכע מא־כען פאר איהם קאמישע בעוועגונגען).

אביגיל (לאזט זיך שנעל אראב הינטערן שטיין).

נ ב ל. בעטלער! הונגערליידער! היישעריקען אויף פרעמדע פעלדער!

ד ו ד (שטרויענג צו זיינע לייט). איהר האָט איהם אראָבגעװאָרפען פון זיין אייזעל?

ע ש ה א ל. ניין, דער האר איז אליין אראָבגעפאלען. מיר זיינען צו איהם צוגעטראָטען און האָבען געבעטען, ער זאָל אונז וואָס געבען, אונזער הונגער צו שטילען, האָט ער אונז געוואָלט שלאָגען און איז דערביי ארונטערגעפאלען. (מיט פערבויגונג צו נבל'ן.) אה, דער האר האָט זיך דאָך נישט וועה געטאָן! דער האר האָט דאָך קיין שאָדען נישט געטאָן זיינע גליעדער?

א ב י ת ר. וועה צו דעם אייזעל, וועלכער האָט זיין האר נישט געקאָנט איינטראָגען! מיר וועלען איהם פערשטייניגען.

ד ו ד. טרעט אָב פון איהם!

ע ש ה א ל. מיר ווילען מעהר נישט, דער האר זאָל אונז עטוואָס געבען, אז נישט וועלען מיר אויסגעהן פון הונגער פאר איהם דאָ אין די אויגען.

נ ב ל. איהר האָט שוין לאנג געמאָגט קרעפּירען. פון מיר קריגט איהר נאָר מיט'ן שטאָק. אוועק, איהר גאסענהינד! קייט די ערד, אויב איהר ווילט.

ע ש ה א ל און ד י א נ ד ע ר ע (מיט פערבויגונגען). אָה, האָב רחמנות!

נ ב ל (וואָרפענדיג זיך אויף זיי מיט'ן שטאָק). מיט מיין שטאָק — גלייך וועט איהר דערפיהלען נבל'ס רחמנות! רחמנות אויף רויבער און גנבים, האהא!... איך שלאָג אייך איינס און שלאָג אייך צוויי.... (זיי צולויפען זיך פון איהם, ער נאָך זיי. גלייך קעהרט ער זיך אום און קוקט אָן דוד'ן.) און דו ביזט דאָס דער דוד? דו ביזט דאָס דער הויפּטבעטלער? זאָל איך דיך אויך מיט'ן שטאָק? דו — איז מיין ווייב דאָ ביי דיר? מען האָט מיר דערצעהלט, זי איז צו דיר אוועק מיט עסענוואָרג א סך. מען האָט מיר פאלש דערצעהלט — איך וועל די דערצעהלער די צינגער לאָ־

זען אויסשניידען. זיי האָבען מיר פאלש דערצעהלט — זיי האָבען אויסגעטראכט א בלבול. איהר הונגערט דאָך ווי פריער... ווי פריער בעטעלט איהר אויף אלע וועגען... הונגערליידער... פוסטע בייכער... אָבער מיין ווייב — מיין ווייב וואו איז? זי איז אין דער היים נישטאָ... איך האָב מיין ווייב ערגיץ נישט געקאָנט געפינען... איז זי ביי דיר דאָ נישט געוועזען?... רעד, קנעכט, האָסטו מיין ווייב נישט געזעהן? העי, ווען איך טרעף זי דאָ ביי דיר!... פאר דיר דאָ אין די אויגען וואָלט איך זי נאקעט אויסגעטאָן! — דו האָסט מיין ווייב דאָך נאקעט נישט געזעהן? איהר לייב איז זעהר זיס צו קוסען, העהע!

אביגיל (פון הינטערן שטיין). פוי!

נבל (קוקט זיך אַרום). הע? (מאַכט אַ בעוועגונג צום שטיין.)

דוד (שטעהט איהם אין וועג).

נבל. העהע... איך וואָלט זי דאָ נאקעט אויסגעטאָן און אויפ'ן הוילען לייב אָט מיט דעם שטאָק... איך טו עס איהר אָבער סיי ווי סיי... זי איז אין דער היים נישט געוועזען... די זונה, די ארומשלעפּערקע... אויפ'ן נאקעטען לייב מיט שטאָק און לעדער...

דוד (כאַפּט איהם אָן פאר'ן האַלז און הערבט איהם אָן צו ווערגען).

עשהאל, אביתר, אחימלך (טרעטען צו און הערבען אָן צו שטעכען אין איהם מיט זייערע שווערדען).

אביגיל (הערבט זיך לאַנגזאם אויף פון הינטער'ן שטיין, ווערענדיג זעהן, וואָס איז דאָ מיט אַ מאָל אַזוי שטיל געוואָרען, און אין גרויסען שרעק איבער דאָס, וואָס זי זעהט, עטעמט זי שטאַרק אויף, איינהאַלטענדיג אַן אויסגעשריי, אַרויפלעגענדיג די האַנד אויפ'ן מויל).

דוד (וואַרפט אָב פון זיך נבל'ן).

אביגיל (מיט די אויגען געווענדט אויף נבל'ן, לאָזט זיך לאַנגזאַם אַראָב צוריק).

נבל (פאַלט פון דוד'ס שטויס אין זיין גאַנצער גרויס, הערבט זיך אָבער באַלד אויף, פיהרט זיך מיט דער האַנד איבער'ן געזיכט,

אויסזעהענדיג, יעצט אויסגעניכטערט. צולעצט שטעלט ער אָן זיין בליק אויף דוד'ן און אַרביים זיך אַריין אין אַ העלישען כעס, צוגוויפּדרי־קענדיג די פויסטען). דו קענסט מיין ווייב!... זי איז דאָ ביי דיר געוועזען!... דו אשת־איש'ניק! דו אויסוואורף! דו קנעכט, וועל־כען זיין האר האָט נישט גענוג געשמיסען!...

עשהאל, אביתר, אחימלך (וואַרפען זיך אויף איהם מיט די שווערדען).

דוד. צוריק! קיין האָר זאָל איהם נישט געקרימט ווערען! איך האָב'ס געשוואָרען!...

נבל. דו פייגלינג! דו נאַכטרויבער! דו אנטלאָפענער שקלאף!

אביגיל (שפּרינגט אויף). הער אויף! הער אויף! העה אויף צו זידלען איהם!...

נבל (מיט אויסגעגלאָצטע אויגען). זי איז דאָ... זי איז דאָ ביי דיר...

אביגיל (טרעט לאַנגזאַם אַרויס פון הינטערן שטיין מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען). ער האָט דיין דאנק פערדיענט און דיין ברכה, נישט דיינע זידעלווערטער.

נבל (גאַנץ אויסגעניכטערט). זי איז דאָ, די...

אביגיל. אויך מיך זידעל נישט, רוף מיך נישט קיין נע־מען. איך בין דאָ פון דיינעטוועגען. איך בין געקומען אהער דיך אָבצוראַטעווען פון זיין נקמה, צו ראַטעווען דיין האָב און גוטס און אונזער אלעמענס לעבען.

נבל. האָסטו דיך איהם געבראַכט פאַר אַ מתנה?

דוד (מאַכט אַ דראָהענדע בעוועגונג).

אביגיל. ווי קאָנסטו אזוי רעדען? שעם דיך, מיר אזוינס צו זאָגען!

נבל. ביזטו געקומען מיט לעדיגע הענד און גלאַטע ווער־טער איהם איבערצובעטען?

אביגיל. איך האָב איהם מתנות געבראַכט.

נבל. מתנות?! אלזא דאָך אמת!

אביג אה, רעג דיך נישט אויף, דארפסט נישט אזוי אין כעס ווערען.

נבל. מתנות?!

אביגיל. א קליין ביסעל. אן אונבעדייטענדען טייל פון דעם, וואס דו בעזיצסט.

נבל. מתנות?! זאג מיר, וועלכע, וואס, וויפיעל!

אביגיל. צווייהונדערט לאבען ברויט...

נבל. צצצווייההההונדערט לאבען?!.... — — ווייטער!...

אביגיל. צוויי קרוג וויין...

נבל. נאך!

:ביגיל. פינף שעפסען...

נבל. שעפסען!... שעפסען!... און נאך?!

אביגיל. פינף מאס מעהל...

:בל. הא! ...פינף אלץ... פינף... פינף מאל פינף פיעלייכט!

אביגיל. אזוי וואהר ווי גאט לעבט...

נבל. ווייטער! ווייטער! צעהל אויף אין גאנצען! וואס נאך? וויפיעל אקסען? וויפיעל בהמות? וויפיעל ציגען? און מילך? און פוטער?....

אביגיל. אה, ניין! אה, ניין!... נארנישט פון די אלע זאכען. נאר נאך הונדערט ראזינקעסקוכען און צווייהונדערט...

נבל. צצצווייההההונדערט?!... וואס?!...

אביגיל. פייגענקוכען.

נבל. פייגענקוכען! צווייהונדערט פייגענקוכען! פייגענ־קוכען! פייגענקוכען! צווייהונדערט! דו!... דו!...

אביגיל (מאכט א בעוועגונג צו בעהאלטען זיך פאר איהם הינטער דוד'ן).

נבל. דו!... (עס פערפעהלט איהם אטעם, עס שטיקט איהם, ער כאפט זיך פאר'ן האלז).

עשהאל, אביתר, אחימלך (רינגלען איהם ארום

מיט ברויט און פלייש און קוכען און וויין, שטופען עס איהם אין גע־
זיכט, שטעכען איהם מיט דעם אין די אויגען). זעהסט, דיין ברויט
עסען מיר!... דיין וויין טרינקען מיר!... דיין פלייש... דיין קוכען...
דיין פיינענקוכען! פיינענקוכען!....

נבל (גיט פלוצלונג א פאל אויף דער ערד).

אביגיל (שרייט דערשראָקען אויף און געהט צו איהם פאר־
זיכטיג צו). נבל! (ער בעוועגט זיך נישט און זי בויגט זיך איבער
איהם איבער.) נבל! (זי לאָזט זיך אראָב אויף די קני און טאַפּט איהם
אַרום.) נבל!... (דערשראָקען אומקוקענדיג זיך צו דוד'ן.) ער איז
טויט!

דוד (בויגט זיך אויך איבער). ער איז טויט. (שטיל.
ווי פאר זיך.) געלויבט איז גאָט, וואָס ער האָט זיך אָבגערעכענט
פאר מיין בעליידיגונג מיט נבל'ן און האָט מיך אָבגעהאַלטען פון
שלעכטס. נבל'ס רשעות איז געפאַלען אויף זיין קאָפּ. (צו
אביגיל'ן.) דו קאָנסט אויך לויבען גאָט.

אביגיל. ער איז טויט.

דוד. און דו ביזט פריי און אויסגעלייזט פון די הענד פון
א רשע.

אביגיל. גאָט איז מיין עדות, איך האָב זיין טויט נישט
געוואָלט.

דוד. דו גוטע, טרייע נשמה!

אביגיל. אָבער ער האָט דיך אזוי געזידעלט...

דוד (לייגט לאַנגזאַם אַרויף זיין האַנד אויף איהר קאָפּ און גלעט
איהרע האָר).

אביגיל (צוקט צונויף און מאַכט צו די אויגען. באַלד עפענט
זי זיי און קוקט אָן דעם טויטען). איך שעם מיך, וואָס איך קאָן
נישט וויינען... ניין, איך קאָן אויך וויינען...

דוד (צו עשהאל'ן און זיינע חברים). נעמט איהם אוועק,
ברייננט איהם אויף זיין ערד ביים כרמל און בעגראָבט איהם דאָרט
ביי זיינע עלטערן.

אחימלך. איך וואָלט פאר הינד איהם...

דוד. שטיל!...

עשהאל. א חמנות אויף די הינד. אזא הארטען מענש...

(זיי טראָגען איהם אַוועק.)

אביגיל (אויפשטעהענדיג, מיט טרערען). נבל!

דוד. דו האָסט זיין נאָמען צום לעצטען מאָל אויסגע־שפּראָכען.

אביגיל (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). ניין. ער איז מיין מאַן —

דוד. געוועזען. יעצט—וויל—איך——

אביגיל (אויפהעבענדיג אויף איהם די אויגען). ווילסט דו?

דוד. זיין אָרט פערטרעטען.

אביגיל. אה!

דוד. ווילסטו מיין ווייב זיין? אויב ס'איז אמת, וואָס איך האָב פון דיינע אויגען ארויסגעלייענט...

אביגיל (לאָזט אַראָב דעם קאָפּ, בויגט זיך אַלץ מעהר איין און לאָזט זיך פּלוצלונג אַראָב פאר איהם אויף די קני). דיין דיענסט וויל א דיענסט זיין צו וואשען די פיס פון מיין האר'ס קנעכט.

דוד (העבט זי אויף און נעמט זי אין זיינע אָרמס). מיין טויב! מיין פרומע טויב!

בת שבע

(22 אפריל, 1913.)

שמואל ב, י״א—י״ב.

פערזאנען:

דוד.
בת שבע.
אוריה דער חתיער, איהר מאַן.
דער נביא נתן.
א דיענער.
וואכסאָלדאטען.

דאָס דאַך פון דעם קעניג׳ס פּאַלעץ. פאַרנט רעכטס דעם קעניג׳ס געלע־גער; אַ טיש, אָנגעשטעלט מיט ווײַן, שטעהט פאַר דעם געלעגער. עט־ליכע בוימערשפּיצען דערגרייכען אַרויף און נאָך העכער. ווייט אויפ׳ן האָריזאָנט נעבלען זיך די יהודה־בערג. דער קעניג דוד שטעהט האַלב־זיצענדיג אויף דער באַלוסטראַדע רעכטס הינטען ביים ברעג דאַך, די הענד צונויפגעלעגט אויף דער ברוסט; פאַר איהם שטעהט נתן דער נביא, ביים אַרויפגאַנג וואַכסאָלדאַטען.

נתן. ...און זיין געגאַד וועט ער נישט אַבטאָן פון דיר, ווי ער האָט זי אָבגעטאָן פון שאול׳ן, וועלכען ער האָט אָבגערוימט פון דיין וועג.

דוד (בויגט זיך איבער און עסט זיך איין מיט די אויגען אין עפּעס אונטען צווישען די בוימער).

נתן. דיין הויז און דיין מלוכה וועלען שטענדיג זיין, דיין שטול וועט... דו הערסט מיך נישט, מיין קעניג. וואָס האָבען דיינע אויגען דאָרט דערזעהן?

דוד (העבט לאַנגזאַם אויף די לינקע האַנד צו אַן אָבוועהרענ־דיגער בעוועגונג, בלייבט אָבער ווי פערגליווערט).

נתן (קוקט זיך איין אין דערזעלביגער ריכטונג און ציטערט פּלוצלונג אויף). אַ זיך באַדענדיגע פרוי! קוק נישט, קעניג!

דוד (נישט אָבווענדענדיג די אויגען). ווי שיין זי איז!

נתן. מיין קעניג, דו טאָרסט נישט קוקען!

דוד. ווער איז זי, דאָס פראַכטווייב?

נתן. דאָס איז בת שבע, די טאָכטער פון אליעם, די פרוי פון אוריה דעם חתיער — — זי איז אַן אשת איש. דו טאָרסט זי אין איהר נאַקעטקייט נישט זעהן. דו זינדיגסט מיט דיינע אויגען.

דוד. איך נעם די זינד אויף מיר גאַנץ גערן.

נתן. ווענד דיינע אויגען צו מיר. איך בין געקומען צו דיר מיט גאָט'ס וואָרט.

דוד. אָבער איך האָב דערזעהן גאָט'ס טאט. שטער מיר איצט נישט, נביא. איך וויל בעוואונדערן גאָט'ס טאט.

נתן. דו לעסטערסט, קעניג!

דוד. ווי הערליך זי איז! איך האָב אזא געשטאַלט און קערפּער נאָך נישט געזעהן.

נתן. קום צו דיר, מיין קעניג, ווענד אָב דיינע אויגען און געדאַנקען — — —

דוד. זאָל איהר מאַן רייכער זיין פאַר מיר? איך מוז דער ערסטער זיין אין יהודה און ישראל.

נתן. שוין ווערען זינדיגע פערלאַנגען געבאָרען אין דיין ברוסט. שליס דיינע אויגען צו און — —

דוד. איך שליס מיינע אויגען צו און זעה זי דאָך. — — — העי, וואַך, געהט און ברייננגט מיר בת שבע, די טאָכטער פון אליעם, די פרוי פון אוריה דעם חתיער. זי באָדט זיך אונטען דאָ אין טייך.

נתן (אויפשרייענדיג). קעניג!

דוד (צו דער וואַך). געהט און טוט, וואָס איך האָב אייך געזאָגט. (צו נתן'ען.) אויך דו קאָנסט איצט געהן.

נתן. פערטרייב נישט גאָט פון זיך!

דוד (קוקענדיג אַראָב, ווינקט איהם מיט דער האַנד). געה איצט, נתן, געה!

נתן. מיין קעניג!

דוד. דו זעהסט דאָך, איך בין אונגעדולדיג.

נתן (דערהעכערט זיין שטימע). מיין קעניג, הער מיך אויס! צוויי מענשען האָבען געלעבט אין א שטאָדט, איינער רייך, דער אנדערער אָרם. דער רייכער האָט געהאט שאָף און רינדער זעהר פיעל, און דער אָרמער האָט געהאט נישט מעהר ווי אן איינציג קליין שעפעלע, וואָס ער האָט געקויפט און אויפגעצויגען, און זי

איז אויסגעוואקסען מיט איהם און זיינע קינדער. פון זיין ברויט האָט זי געגעסען, פון זיין בעכער האָט זי געטרונקען, אין זיין שויס איז זי געלעגען און איז איהם געוועזען ווי א טאָכטער. איז אָנגעקומען א גאסט צו דעם רייכען, און עס האָט איהם וועה געטאָן דאָס הארץ צו נעמען פון זיינע אייגענע שאָף און רינדער פאר דעם אָנגעקומענעם גאסט, און ער האָט גענומען דעם אָרממאַנס שעפעלע און צוגעגרייט זי פאר זיין גאסט.

ד ו ד (גישט אָבווענדענדיג די אויגען, צושטרויט). פוי איבער דעם מאַן! פוי איבער איהם! ער מוז געטויט ווערען.

נ ת ן (אָרויסדרונגענדיג). דו ביזט דער מאַן!

ד ו ד (אויפיובלענדיג). זיי האָבען זי! זיי האָבען זי גענומען! ווי דערשראָקען זי איז! ווי זי צאַפּעלט זיך! גיך און גיכער דעקט זי זיך איין! האהאהא! ד ע ם צודעק וועט זיין לייכט אראָבצורייסען! האהא!... זיי פיהרען זי! זיי געהען מיט איהר! (ווענדט זיך צו נתן'ען.) איצט געה! איצט געה! (כאַפּט זיך עפּעס.) ווארט, וואָס האָסטו מיר דאָ פון דעם מאַן גערעדט? איך גלויב, איך האָב מיך אליין צום טויט פערמשפּט!

נ ת ן. און דיין משפּט איז געווען גערעכט. הער! אזוי האָט געזאָגט יהוה, גאָט פון ישראל: איך האָב דיך געזאלבט פאר א מלך איבער ישראל און איך האָב דיך געראטעוועט פון שאול'ס האנד. און איך האָב דיר אוועקגעגעבען דאָס הויז פון דיין האר און זיינע ווייבער...

ד ו ד (אויפשטורמענדיג). איך וויל נישט הערען מעהר! איך ווייס אלץ, וואָס דו קאָנסט מיר זאָגען, און איך ווייס נאָך מעהר. פערשפּאָר די טרחה דיר!

נ ת ן. אזוי האָט גאָט געזאָגט: איך וועל אויפשטעלען א פיינד דיר פון דיין הויז...

ד ו ד. ברייננ מיך נישט צו גרעסערע זינד! נעה!

נ ת ן. ...און ער וועט אוועקנעמען דיינע ווייבער...

ד ו ד. מיין שווערד! מיין שווערד! (ווארפט זיך צו נתן׳ען מיט זיינע פויסטען.) גער!

נ ת ן (אויסווייכענדיג איהם). אזוי האסטו דיך פערגעסען! (פערדעקט זיין קאפ מיט זיין מאנטעל, פערברעכט די הענד איבערן קאפ און געהט אוועק מיט לאנגזאמע טריט.)

ד ו ד. א־ה־ה, ענדליך! בעפרייט! (ווארפט זיך אויף זיין געלעגער.) נו, וואס קומען זיי נאך נישט? ווארום פערשפעטיגען זייערע טריט? קריכען זיי דארטין? האבען זיי דארט פערגעסען, ווי צו געהן? (הערט זיך צו.) נו, נו דאך! א־ה־ה, זיי קומען! זיי קומען!

ב ת ש ב ע (קומט ארויף, געשלעפט פון די סאלדאטען. זי רייסט זיך פון זיי ארויס און לויפט אב ביז אין מיטען דאך. אויף דוד׳ס וואונק פערשווינדט די וואך).

ד ו ד (קוקט זי שארף אן). האהאהא! דער קאפ שטאלץ אויפגעהויבען, די אויגען פול האס, פון שרעק די קלענסטע שפור נישט. דאס פראכטווייב! — — בת שבע, דער קעניג טראגט נאך דיר פערלאנגען.

ב ת ש ב ע. איך בין פערהייראט.

ד ו ד. האהאהא!

ב ת ש ב ע. און איך ליעב מיין מאן.

ד ו ד. וואס וויל עס זאגען?

ב ת ש ב ע. איך וועל דעם קעניג נישט צו ווילען זיין.

ד ו ד. מיר נישט צו ווילען זיין?!

ב ת ש ב ע. דיר נישט צו ווילען זיין.

ד ו ד. דיין קעניג?

ב ת ש ב ע. איך קני און בוק מיך פאר מיין קעניג, דאך אלס ווייב געהער איך נאר דעם מאן, וועלכען איך ליעב.

ד ו ד. העי, דו וועקסט אין מיר דאס בלוט, ווי ווען איך האב מיט דעם לייב געראנגעלט און מיט דעם בער. ווייב, דו שטעהסט איצט פאר דעם אייביגען זיעגער!

בת שבע. דו האָסט געטויט, ווען דו האָסט געזיעגט. אויך מיך וועסטו נאָר מיט טויט בעזיעגען.

דוד. דאָס איז מיין זיעג איבער פרויען נישט געוועזען. קעניגסטעכטער האָבען ליעבע צוגעיובעלט מיר.

בת שבע. איך ליעב מיין מאַן. מיין ליעבע יובעלט נאָר איהם צו. פאַר איהם אָטעמט פייערדיג מיין ברוסט. פאַר איהם צוגעהט מיין נשמה אין ליעדער און געזאַנג.

דוד. דו מוזט די מיינע זיין.

בת שבע. דאָס וועל איך קיינמאָל נישט.

דוד. ווייב, דו פערגעסט, דו ביזט אין מיינע הענד.

בת שבע. דו ביזט געוועהנט, פרויען זאָלען דיר ליעבע צויובלען. דו וועסט נישט געברויכען קיין געוואַלט.

דוד. זאָל איך דיך מיך ליעבען לערנען? איך בין אונ־געדולדיג. דו האָסט א פייער אָנגעצונדען אין מיר. ווי זאָל איך דיין ליעבע שנעל געווינען? זאָג, וועלכע מעלות האָט אוריה, וועלכע איך האָב נישט אין מיר?

בת שבע (לאַכט אויף). האהאַ! (דערשרעקט זיך און טראָגט דערשראָקען די האַנד צום מויל.)

דוד. ווי? איז אוריה אזוי מעהר פון מיר?

בת שבע (ציטערנדיג). איך וויים נישט, מיין קעניג.

דוד. זאָג איהם מיר דען פאַר.

בת שבע. איך קאָן איהם דיר נאָר פאַרזינגען. הויך איז ער ווי א צעדער פון לבנון, ווי די קרוין פון בוים ליעגען איהם זיינע שווארצע האָר איבער דעם ווייסען נאַקען, זיינע אויגען זייי־נען ליכטיגער פאַר שטערען, זיין געזיכט איז א געפלעכט פון זונענ־שטראַלען, און יונג און הערליך איז ער, ווי אדם אין גן־עדן.

דוד. עפען דיינע אויגען אויף אויף דיין קעניג.

בת שבע. איך זעה נאָר אוריה׳ן.

דוד. אין אלץ גלייך איך מיך צו איהם, נאָר בין איך נישט גאַנץ יונג מעהר. דאָך איך בין דער קעניג, איך בין דוד.

בת שבע. און וואָלסטו נאָך פיעל מעהר געוועזען, איך ליעב דאָך בלויז אוריה'ן.

דוד (קלאַפּט אונגעדולדיג מיטביידע פויסטען אויף זיין זיץ). זאָג עס מיר נישט מעהר!

בת שבע. מיין קעניג, לאָז מיך געהן.

דוד. געהן? האהא! קום זעץ דיך צו צו מיר. דאָ שטעהט וויין, מיר וועלען איהם טרינקען. איך בין בערוישט גענוג פון דיר, איך וויל נאָך בערוישטער ווערען. און דו טרינק און גיס דיך אָן מיט פייער, וואָס זאָל דיך פערגעסען מאכען דיין אוריה'ן. קום, הערליך ווייב! דוד, דער שטארקער פאסטוך און דער נאָך קרעפטיגערער קעניג, לאַדט דיך איין! קום, דו זיסע, דער דיכטער און זינגער פערגעהט אין ליעבע נאָך דיר! (טרינקט.)

בת שבע (הענבט אויף די אויגען צום הימעל און לעגט צונויף די הענד אין געבעט). יהוה, מיין פעלז, מיין פעסטונג, מיין רעטער, מיין גאָט, די קראפט, אויף וועלכע איך פערלאָז מיך; מיין שוץ, מיין אָנהאַלט און דערהויבער. דעם געלויבטען רוף איך, יהוה'ן, און איך ווער פון מיין פיינד געהאָלפען.

דוד (קוקט זי אָן גאַנץ ערשטוינט מיט גרויסע אויגען). מיינע ווערטער — — — מיין געבעט — — — מיין לויבגעזאנג צו גאָט — —

בת שבע. ...עס נעמען מיך ארום די שטריק פון טויט, און די טייכען פון פערדערבנים טוען מיך שרעקען...

דוד. הער אויף, ווייב, הער אויף! דאָס וועט דיר נישט העלפען. דו ווילסט מיך גאָט דערמאָנען און מיין דאנקבארקייט צו איהם, דאָס וועט דיר נישט נוצען. איך ברעך זיין וואָרט, זיין געבאָט, זיין געזעץ, איך בין שכור פון דיר. זאָל ער מיך בעשטראָפען, זאָל זיין האנד רוהען הארט און שטארק אויף מיר, דיך מוז איך האָבען! עס קאָכט מיין בלוט, איך וויל קיין אויבערהאר נישט האָבען איצט. קום, דו הערליך ווייב, אין מיינע אָרמס! דער קעניג דוד האָט פון דיינעטוועגען מיט זיין גאָט געבראָכען. ציטער

נישט, זיי שטאָלץ! שריי אויף, יובעל אויף! (ער לאָזט זיך צו איהר.)

בת שבע. אוריה! אוריה!

אוריה (קומט אַרויף. בעגרויפענדיג וואָס עס קומט פאָר, ציטערט ער אויף, ווי פון דונער געטראָפען; בעגעגענדיג אָבער דעם קעניג'ס בליק, פאַלט ער אויף די קני פאַר דעם קעניג).

בת שבע (קוקט זיך אום, דערזעהט דעם קניענדיגען אוריה און שרייט אויף). אָה, אוריה! מיין אוריה! מיין געליעבטער! מיין בעפרייער!

דוד. איז דאָס אוריה? שטעה אויף. (נעמט זיך פאַר זיין שווערד.)

אוריה (שטעהט אויף).

בת שבע (דריקט זיך צו איהם צו).

אוריה (בעפרייט זיך פון איהר און שטעהט אויסגעצויגען פאַר דעם קעניג).

דוד (מוסטערט איהם). ווער האָט דיך גערופען? ווי אזוי ביזטו צו מיר געקומען?

אוריה. נתן האָט מיר געזאָגט, איך זאָל צו דיר ארויף, דו ווילסט מיך זעהן.

דוד. דיין בלוט זאָל פאַלען אויף זיין קאָפּ.

אוריה. וואָס וויל פון מיר מיין האר?

דוד. וואָס איך וויל פון דיר? וואָס איך — אך, יאָ. ווארט אָב דאָ. איך האָב פאַר דיר אַ שליחות.

אוריה. דיין קנעכט וועט טריי זי טאָן.

דוד (קוקט איהם שאַרף אָן און צולאַכט זיך). דאָס איז אַ וואָרים בלויז! (געהט אַראָב.)

בת שבע (פאַלט צו צו אוריה'ן מיט שרעק און טרערען). אוריה!

אוריה (שטעהט ווי פערגליווערט).

בת שבע. דו ביזט בייז אויף מיר, דיין הארץ איז פער־

שטיינערנע געגען מיר. דו ווילסט מיך נישט אנזעהן. אבער איך האב נישט געזינדיגט, נישט געגען גאט און נישט געגען דיר, אוריה. איך בין אהער נישט פרייוויליג געקומען. אוריה, הערסט מיך? ! דעם קעניגס ווילען האט מיך אהער געבראכט. ער האט דערזעהן מיך נאקעט אין מיין באדען־זיך, און זיינע קנעכט האבען מיך אהער ארויפגעטריבען, ארויפגעשלעפט. דאך בין איך איהם ווידערשטאנען און דער קעניג האט מיך נאך נישט אנגעריהרט. איך האב איהם פון מיין ליעבע צו דיר גערעדט און האב צו גאט געראפען און צו דיר. און דו ביזט נעקומען אין מיין גרעסטער נויט. אוריה! גלויב מיר, איך זאג דעם אמת דיר. אוריה, וואס שטעהסטו אזוי? אוריה, קוק מיך אן! אוריה, ראטעווע מיך און דיך!

אוריה. דער קעניג וויל דיך! דעם קעניגס ווילען וועט געשעהן!

בת שבע (שרייט אויף). אוריה! ! — — אוריה, דאס איז דיין ערנסט נישט. קום צו דיר, וואך אויף! דו ביזט שטארק און קרעפטיג, דו מוזט דיר און מיר העלפען.

אוריה. געגען דעם קעניג?

בת שבע. טויט דעם קעניג!

אוריה. בת שבע!

בת שבע. דו האסט דיין שווערד ביי דיר, בעשטראף איהם.

אוריה. דעם קעניג?

בת שבע. דעם פערברעכער! דעם פערגוואלטיגער פון דיין פרוי! דעם בעשמוצער פון דיין נאמען! דעם זינדיגער געגען גאט! אך, ווי אזוי האסטו דא איהם פריער נישט בע־שטראפט? ווי האסטו גאר געקאנט פאלען פאר איהם אויף די קני?

אוריה. ער איז מיין קעניג!

בת שבע. אוריה! ווי קאנסטו אזוי רעדען? ביזט די

ניט מאן געגנוג? דער קעניג וויל מיין ליעבע פון דיר אוועק־נעמען — ארט דיך מיין ליעבע נישט? ליעבסטו מיך נישט מעהר? אוריה, זאג, האב איך דיין ליעבע גאר פערלארען?

אוריה. איך ליעב דיך, בת שבע!

בת שבע. דו ליעבסט מיך און — — לאזט דעם קעניג אהן קאמפף מיך אב?!

אוריה. איך קעמפף נישט מיט מיין קעניג. (ברעכט אויס אין ווילדען שמערץ.) אה, ווען דאס וואלט אן אנדערער געוועזען, — אן אנדער מאן און אפילו פון דעם קעניגס שטארקסטע. מיינע פינגער וואלטען זיך ווי שווערע שטריק ארום זיין האלז ארומגענו־מען און פון איהם זיין לעבענסאטעם ארויסגעדריקט. ער וואלט זיך אין א זייל ביי מיר פערוואנדעלט און מיט דעם אייזען פון מיינע פויסטען וואלט איך איהם אין דער ערד אריינגעהאמערט. אה, עס איז נאך קיינער אזא טויט נישט געשטארבען, ווי דער בעליידיגער וואלט געשטארבען פון די מעכטיגע הענד פון אוריה דעם חתיער און לאנג נאך וואלט מען געשטוינט איבער זייער קראפט... ווען דאס וואלט נאר אן אנדערער געוועזען...

בת שבע. אבער פאר דעם קעניג האסטו מורא? צי־טערסט פאר זיין קראפט? פיהלסט שוואכער דיך?

אוריה. מיין האנד וועט זיך קיינמאל נישט אויפהעבען נעגען מיין קעניג.

בת שבע. אוריה! אוריה! הער! איך האב דיין תאוה־קעניג דא אן גאט דערמאנט. זיין אייגענע תפלה, וועלכע ער האט געזונגען, ווען ער איז געראטעוועט געווארען פון שאול'ס האנד, האב איך דא צו גאט געשיקט, דאך האט ער פון זיין תאוה נישט אבגעלאזען, און אפען מורד געוועזען אין גאט און גאטס גע־באטען. אוריה! אוריה! דער קעניג האט זיך פאר גאט נישט דערשראקען אין זיין זינדיגער תאוה, און דיך קאן דיין עהרליכע ליעבע נישט אויפהעבען געגען דעם קעניג?

אוריה. איך קאן נישט, בת שבע!

בת שבע. אין נאָמען פון אונזער גרויסער ליעבע, אוריה!

אוריה. איך קאָן נישט, בת שבע!

בת שבע. קאָנסטו נישט דעם פערברעכער נעגען דיר און דיין ווייב בעשטראָפען, בעשטראָף דאן דעם פערברעכער גע־נען גאָט!

אוריה (שטעהט ווי פערגליווערט).

בת שבע. אין נאָמען פון גאָט, אוריה! נתן האָט דיך דערפאר אהער געשיקט, דו זאָלסט דעם גאָטלעסטערער און אשת־איש'ניק דאָ בעשטראָפען.

אוריה (שווייגט).

בת שבע. האָסטו מורא אזוי פאר'ן טויט? אוריה, איך שטארב מיט דיר צוזאמען. איך וויל שטארבען בעסער, ווי מיין שאנדע איבערלעבען. נעם דיין שווערד און דערשטעך מיך. ווי זיס וועט זיין דער טויט מיר פון דיין האנד! ווילסטו שטארבען מיט מיר צוזאמען? דער טויט וועט מיר א טאנץ זיין! וואָס שטעהסטו אזוי? ווי ביזטו פערגליווערט געוואָרען? אוריה, איך וויל שטארבען מיט דיר צוזאמען!

אוריה (אָטעמט שווער, העבט אָן ארויסצוציהען זיין שווערד פון דער שייד, און פלוצלונג שטויסט ער עס צוריק אריין). מיין קעניג ברויכט מיך.

בת שבע. ווי?! אוריה! אוריה! רעד נישט מעהר אזוי! וועסט א מאָרד בעגעהן אין מיר! וועסט מיין נשמה אין מיר טויטען! וועסט מיין ליעבע אין מיר טויטען! האָט דער קעניג דיין ווילען אזוי אוועקגערויבט? ביזטו אזוי גאנץ קנעכט? אוריה, דו ביזט געוועזן מיין שטאָלץ — עס האָט אלץ אין מיר געשריען פאר שטאָלץ, וואָס איך ליעב דיך און ווער פון דיר גע־ליעבט — און דאָס זאָל אין מיר יעצט פערטיליגט ווערען? איך וועל א וואָרים ווערען, אוריה! איך וועל מיך אליין פעראכטען, אוריה! אוריה, מיין נשמה פלאטערט אויף צו דיר! העלף דיר

אונ מיר! העלף דיר און מיר אין דאָפּעלט גרויסע נויטען! — —
דו שווייגסט, אוריה, דו — —

דער דיענער (קומט אַרויף מיט אַ שריפט אין דער האַנד און גיט עס איבער אוריה'ן). דער קעניג שיקט דיך דערמיט צו יואָב'ן אין דער מלחמה און זאָגט דיר אָן, דו זאָלסט גלייך אהין אוועק. (געהט אָב.)

אוריה (נעמט די שריפט, בעהאַלט זי אין זיינע קליידער און מאַכט אַ בעוועגונג אוועקצוגעהן. מיט אַ טרערען־ציטער אין קול). לעב אין פריעדען, בת שבע!

בת שבע. דו געהסט?! דו געהסט אוועק און לאָזט מיך אליין איבער אין די הענד פון דעם פערגוואַלטיגער?! אזוי ליעבסטו מיך?!

אוריה. איך קאָן נישט אנדערש, בת שבע!

בת שבע. דו קאָנסט נישט אנדערש?!

אוריה. איך קאָן איין טויט נאָר שטאַרבען — פאַר מיין קעניג.

בת שבע. בין איך דיר גאָרנישט? איז דער קעניג דיר טייערער פיעל פאַר מיר? ווייסטו, וואוהין דער קעניג שיקט דיך?

אוריה. צו יואָב'ן, וועלכער בעלאַגערט איצט די שטאָדט רבה.

בת שבע. ווייסט דו, פאַר וואָס ער שיקט דיך אהין?

אוריה. איך דאַרף, איך וויל עס אויך נישט וויסען.

בת שבע. ער שיקט דיך אין דעם טויט! ער וויל דיך אָבראַמען פון זיין וועג! ער וויל דיך צוטרעטען ווי א וואָרים!! זעהסטו עס נישט איין? בעגרייפסטו עס אליין נישט?

אוריה. איך געה אין דעם קעניגס שליחות, פערשטעל דעם וועג מיר נישט.

בת שבע (ראַנגעלט זיך מיט איהם). אוריה! אוריה! וועסט נישט געהן! וועסט מיך אליין נישט לאָזען! (כאַפּט ביי איהם אַרויס די שריפט.)

אוריה. ווי דערוועגסטו דיך! די שריפט גיב מיר צוריק!

בת שבע (ענטלויפט פון איהם הינטער דעם געלעגער, ברעכט אויף דעם קעניגס זיעגעל און אַטעמלאָז, לויפענדיג פון איהם, לייענט זי די שריפט). „שטעלט אוריה'ן דאָרטין, וואו די שלאכט איז אם שטארקסטען, און טרעט אָב פון הינטער איהם און ער וועט גע־שלאָגען ווערען און שטארבען." אוריה!

אוריה (שטעהט בלייך און שווינדערנדיג, שווער אָטמענדיג).

בת שבע. דו האָסט געהערט? אוריה, דו געהסט אין דיין טויט! איז עס נישט גלייכער פיעל צו שטארבען דאָ מיט מיר צוזאמען? אָטעם אויף, אוריה! אָטעם מוט דיר איין! דונער אויף! ווער מיין העלד מיר ווידער!

אוריה (דונערט אויף). גיב מיר די שריפט צוריק!

בת שבע. ווי? גיגען מיר? גיגען מיר ווענדט זיך דיין כעס? אָה! (צורייסט די שריפט.)

אוריה. בת שבע!!

בת שבע (שמייסט איהם די שטיקער אין געזיכט). יעצט גיה! יעצט טו דעם קעניגס שליחות.

אוריה (צונויפקלייבענדיג די שטיקער). איך קען זי אויך אויף אויסוועניג. איך גיה שטארבען אין דער מלחמה פאר מיין קעניג, און טייער וועלען מיר די עמונים מיין טויט בעצאָהלען! (געהט אַראָב.)

בת שבע. אוריה! ער געהט! ער געהט אוועק! (אין העכסטער אויפרעגונג.) איך שפיי אויף דיר! איך שיק דיר נאָך מיין גיפטיגע פעראכטונג! איך האס דיך! דו טויטער וואָרים! פוי, ווען איך האָב געליעבט! ארויס, ארויס פון מיין הארצען, פון מיין נשמה! ארויס! ארויס! איך וועל דאָס הארץ מיר ארויסרייסען, וואו די ליעבע האָט אין מיר גענעסטעט! איך וועל די ליפען מיר אוועקבייסען, וועלכע האָבען איהם געקוסט! אההה, און דוד האָט זיך מיט איהם פערגלייכען געוואָלט און האָט דעם

פערגלייך ביי מיר נישט אויסגעהאלטען! האהאהא... איך לאך איבער מיר, איך לאך מיך אוים! איך האָב א קנעכט געליעבט, האהאהא... איצט מוז איך צום קעניג! ער מוז מיך אבריינינגען פון מיין טומאה! ער מוז מיך היילינגען! אההה! איך האָב א קנעכט געליעבט, אצינד וועל איך א קעניג ליעבען! (ווענדט זיך צו די טרעפּ.)

דוד (בעגעגענט זי טריאומפירענד מיט אָפענע אָרמס).

פאָרהאנג.

אין האַרעם

(17—19 יולי, 1914.)

פערזאנען:

דוד.

מיכל.
בת שבע.
אביגיל.
אחינעם.
מעכה.
חגית
אביטל.
עגלה.
בת שוע,
און נאך ניין.
} זיינע ווייבער.

צעהן קעבס־ווייבער.
חושי.
א דיענער.

דער גרויסער הארעם־זאל. — לינקס אונטער א חופּה דוד׳ס טראָן, צו וועלכען עס פיהרען ארויף מיט א טעפּיך איבערגעדעקטע טרעפּלעך. לינקס און רעכטס פון איהם, אין האלבען קרייז, זיץ־בעטלעך פאר די ווייבער, אנטקעגען — א טעפּיך־בעדעקטע פּלאטפארמע פאר די קעבס־ווייבער. די וואנד זייגען בעדעקט מיט שווערע טעפּיכער. — רעכטס הינטען עפענט זיך א טעפּיך, און איינע נאך דער אנדערער העבען־אן ארייגצוקומען דוד׳ס צעהן קעבסווייבער, וועלכע ער האט איבערגעלאזען צו היטען דעם פּאלעץ און וועלכע זייגען געשענדעט געווארען פון אבשלום׳ען: פערטרויערטע געשטאלטען, די קעפּ אראבגעלאזען; אויגען פון זיי ווייגען. זיי טרעטען ארויף אויף דער פּלאטפארמע און לאזען זיך אראב אויף די קני, אין ווארטענדיגער שטעלונג, מיט׳ן געזיכט צום טראָן. באלד העבען־אן ארייגצוקומען די ווייבער, אויך איינע נאך דער אנדערער, געפיהרט פון מיכל, בת שבע, אביגיל, אכט־צעהן אין צאָהל. זיי צוזעצען זיך אויף די זיצבעטלעך רעכטס און לינקס פון טראָן, און נעמליך רעכטס: מיכל, אביגיל, מעכה, אביטל, בת שוע און נאך פיער; לינקס: בת שבע, אחינעם, חגית, עגלה און נאך פינף. אחינעם, די מוטער פון דעם דורך אבשלום געטויטעטען אמנון, און מעכה, די מוטער פון אבשלום, זייגען אנגעטאן אין שווארצען.

אביגיל. שוועסטער מעכה, און דו, שוועסטער אחינעם, פאר וואס זייט איהר געקומען אנגעטאן אין שווארצען?

מעכה. דו פרעגסט?

אחינעם. איך וועל מיין טויטען זוהן קיינמאל נישט פערגעסען.

אביגיל. דאך אונזער מאן דער קעניג וויל יום־טוב׳ען אונזער אומקעהר צוריק אין ירושלים און וועט קיין טרויער ארום זיך נישט וועלען זעהן.

מעכה. זיין פרייד איז מיין טרויער. איך קאן

דו

מיך נישט פרעהען מיט דעם אומקעהר. מיך קאסט ער מיין זוהן, מיין אבשלום.

א ח י נ ע ם. און אויך מיר פרישט ער אויף די וואונדען. מיין אמנון שטעהט מיר אויף פאר מיינע אויגען.

מ ע כ ה (ביטער אויפלאכענדיג). אויף ד ע ם נאך קלאגען!

א ח י נ ע ם. אויף ד ע ם?! ער איז געווען דער ערסט־געבארענער זוהן פון קעניג דוד און איז קיין פאטער־פערפאלגער נישט געוועזען!

מ ע כ ה. דער פערגוואלטיגער פון מיין טאכטער!

א ח י נ ע ם. ער האט עס געטאן אין רויש פון ליידענשאפט, פער׳כשופ׳ט גאנץ פון דיין טאכטער׳ס שיינהייט. דאס האט ער געהאט אין זיין בלוט פון זיין קעניגליכען פאטער. דאך וואס זיין מערדער, דיין אבשלום, האט געקאנט טאן, מיט קאלטען בלוט, גע־טריבען פון נקמה און ווידערשפענסטיגקייט, דאס בעווייזען דיר די דאזיגע צעהן טרויעריגע געשטאלטען. (די קעבסווייבער קאר־טשען זיך נאך מעהר איין.) ווען מיין זוהן — —

מ ע כ ה. די סיבה פון אלע צרות איז דיין זוהן. אן אויס־וואורף איז ער געוועזען און ווי אן אויסוואורף האט ער געהאנ־דעלט.

א ח י נ ע ם (אויפשטעהענדיג, שטרענג). דו וועסט מיין טויטען זוהן, דעם קעניג׳ס ערסט־געבארענעם, נישט רופען אויס־וואורף, הערסטו!

מ ע כ ה. ער האט מיר מיינע צוויי קינדער פערניכטעט. מיין תמר פינסטערט יעצט נאך אב איהר לעבען און מיין אבשלום — מיין אבשלום —

א ח י נ ע ם (ווידער זעצענדיג זיך). ער האט זיך אליין בע־גראבען, דער אויפשטעהער געגען פאטער און קעניג. זיין נאמען וועט אייביג זיין פערשאלטען.

מ ע כ ה (שפרינגט אויף). וואס האסטו געזאגט?

א ב י ג י ל. רוהיג, שוועסטער! יעדען מאמענט קאן דער

קעניג אריינקומען. לאזט די טויטע רוהיג שלאפען אין זייערע קברים. דאס געשעהענע וועט איהר נישט אונגעשעהען מאכען. יהוה'ס ווילען איז דאך אויך דערביי געווען. און איך זאג אייך, איהר האט נישט געדארפט אהער אין טרויער קומען.

מעכה (וויעדער זיפצענדיג). מיין אבשלום! מיין אבשלום! מיין זוהן! מיין איינציגער! זיין נאמען וועט אייביג זיין פערשאלטען!! דער שענסטער מאן איז ער געווען אין גאנץ ישראל, ער האט אין שיינהייט צו זיך קיין גלייכען נישט געהאט. פון די פים ביז'ן קאפ איז קיין איין פעהלער אין איהם נישט געווען, יעדעס גליעד אין איהם איז געווען א לויבגעזאנג צו גאט. זיין הארוואוקס — ווער האט נאך ווען אזא געזעהן? אבגעשארען, האבען זיינע האר צוויי הונדערט שקל געוואגען נאך דעם קעניגס וואג. און ער איז טויט!

אחינעם. ווי זאל איך שוין מיין אמנונ'ען בעקלאגען? ווען ער וואלט געלעבט, וואלט ער אלס בכור דעם קעניגס טראן גע'ירש'נט און קעניג געווארען איבער יהודה און ישראל.

בת שבע (לאכט אויף). האהא!

מעכה. מיין אבשלום איז ביים קעניגס לעבען קעניג שוין געווארען.

אחינעם. דער מורד! בעריהם דיך נאר דערמיט פאר דעם קעניג, ווען ער וועט קומען.

חגית (צו בת שבע'ן). דו האסט אויפגעלאכט, שוועסטער בת שבע. — וואס מיינט דען דיין געלעכטער? מאג איך'ס וויסען?

בת שבע. אזוי זיך אין געדאנקען.

חגית. דו האסט זיי שלעכט פערבארגען, דיינע געדאנקען. איך קען זיי.

בת שבע. וואס טוט דיין פרעגען דען, שוועסטער חגית?

חגית. דו דענקסט, דיין שלמה וועט קעניג ווערען.

בת שבע. איך דענק מיר, וואס איך דענק.

חגית. דו מאך נאר נישט קיין טעות. מיין אדניהו איז יעצט דער נאהנטסטער יורש פון דעם קעניג'ס טראן.

אביגיל. דו האסט מיין כלאב גאנץ פערגעסען, שוועס־טער חגית. ער איז נאך אמנונ'ען דער עלטסטער. דאך וואס דארפט איהר אייך שוין טיילען. דער קעניג לעבט נאך. און דאס זייט וויסען: וועמען ער וועט וועלען, יענער וועט קעניג זיין נאך איהם.

בת שבע. דאס דענק איך.

חגית. מיין אדניהו איז נישט מיאוסער פאר אבשלום'ען און נאך אבשלום'ען קומט איהם דער טראן.

אביטל. ווען פאר שיינקייט זאל מען קרוינען, דאן מוז מיין שפטיה קעניג זיין.

עגלה. איך גלויב, אז יעמאלט קומט מיין יתרעם'ען די קרוין.

מיכל (טרויעריג). האהא, ווי מען טיילט זיך מיט מיין פאטער'ס ירושה, און איך, די עקרה, קאן קיין ווארט נישט ארייג־רעדען. האהא!... (צו די אנדערע ווייבער.) וואס שווייגט איהר? איהר האט דאך אויך זיהן און שיינע. (צו איינער לעבען אביטל.) בת־שוע, דו: שמוע מוז קעניג זיין! (צו א צווייטער לעבען בת־שוע.) און דו רוף יבחר אוים! (צו דער דריטער.) און דו: אלישע דאך געווים! (ווענדט זיך נאך ליגקס.) און פאר וואס נישט נפג אדער יפיע? אלישמע? אלידע? אליפלט? שטעהט, מאמעס, פאר די רעכט פון אייערע זיהן! איהר זייט אלע גלייך דעם קע־ניגס ווייבער, און אייערע זיהן זיינען דעם קעניגס זיהן, די אב־שטאמונג פון דוד'ס לענדען! האהא!

בת שוע. נאטירליך, ווען חגית וועט אויפשטעלען איהר אדניהו...

חגית (מיט שטאלצער פעראכטונג). אייערע זיהן זיינען דאך בלויז קנעכט ביי מיין אדניהו.

די ווייבער (מיט דער אויסנאם פון מיכל, בת שבע,

אביגיל, אחינעם און מעכה, שפּרינגען אויף מיט קולות און ליאַרם און טרעטען צו חגית צו). קנעכט ? ! — דעם קעניגס זיהן ? ! — די העזה ! — זי איז משוגע ! — זי רעדט ווי איינע פון דעם מאַרק ! — דאָס מוז דער קעניג וויסען !

אביגיל (שטעהט־אויף און פּרוּאווט זיך די ווייבער צו בע־רוהיגען און פערנאַנדערנעמען). שטיל דאָך, שוועסטער, זייט דאָך רוהיג !

דוד (קומט אַריין אין הינטערגרונד דורך אַ פערנאַנדערגע־עפענטען טעפּיך, בלייבט שטעהן און בעקוקט די גרופּע שרייערקעס.)

די קעבסווייבער (בעמערקען איהם און ציהען זיך אוים פאַר איהם אויף די געזיכטער. פלוצלונג ווערט שטיל. די ווייבער האָבען בעמערקט דעם קעניג. זיי טרעטען אָב שנעל יעדע צו איהר בע־טעל און לאָזען זיך אַראָב אויף די קני און ציהען זיך אוים אויף די פּנים'ער. מיכל און בת שבע בלייבען שטעהן מיט אַ טיעפער פער־בויגונג).

דוד (געהט לאַנגזאַם אָב פון טעפּיך). שטעהט אויף ! זעצט זיך !

די ווייבער (שטעהען אויף און צוזעצען זיך ; די שריי־ערקעס — פערשעמט, פערלאָרען, מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ).

די קעבסווייבער (בלייבען אויף זייערע קני).

דוד (געהט אַרויף אויף זיין טראָן, זעצט זיך און בעקוקט די ווייבער). אזוי האָט איהר מיך אָבגעוואַרט ? איז דאָס אייער אויפנעם ? וואָס איז געווען דאָס שרייען ? וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס איך דאַרף וויסען ? — רעד דו, מיכל !

מיכל (שטאָלץ). מיך האָסטו נישט געהערט. איך בין צווישען די שרייערקעס נישט געווען.

חגית. האָט בלויז צום שרייען אויפגערייצט.

דוד (צו חגית). דיך האָב איך נישט געבעטען רעדען. (צו אביגיל.) ווילסטו מיר נישט זאָגען, וואָס דאָס שרייען איז גע־וועזען ?

אביגיל. אָה, קעניג, יעצט איז עס שטיל, פערגעס אויך דו דאָס שרייען און לאָז אונז פרעהען זיך מיט דעם אומקעהרן צוריק אהיים.

דוד. דאָך איך בין נייגיריג. דארף איך מיין נייגירינקייט נישט שטילען? זאָל איך נישט וויסען, וואָס איך דארף?

אביגיל. אָה, קעניג!

דוד. זאָג דו עס מיר, בת שבע.

בת שבע. א נארישקייט בלויז, מיין קעניג. א נאריש וואָרט איז ארויסגעזאָגט געוואָרען. דארפסט נישט האָבען קיין פאראיבעל.

דוד. די הקדמה איז גוט. יעצט בין איך נייגיריג נאָך מעהר. בין איך געוועזען די אורזאך פון די קולות? איז דאָס נארישע וואָרט געגען מיר געפאלען? (פראָטעסט־בעוועגונג פון בת שבע'ן, אביגיל'ען און נאָך עטליכע.) רעד ווייטער, בת שבע, האָסט אויסגעצייכענט אָנגעהויבען.

בת שבע. אויך איך בין צוויי'ען די שרייערקעס נישט געוועזען — — —

דוד (אונגעדולדיג). דאָך! דאָך! אביטל, דיין שטימע איז עס געוועזען. זאָג מיר, וואָס מוז איך אזוינס וויסען.

אביטל. עס האָט חגית אָנגערופען אונזערע זיהן איהר אדניה'ס קנעכט.

דוד. דאָס איז א בעליידיגונג. גאנץ געוויס. ווי קומסטו, חגית, דאָס צו זאָגען? זיינען זייערע זיהן נישט מיינע זיהן? זיינען זיי מיר וועניגער ווי אדניה?

חגית. מיר איז ער פיעל מעהר.

עגלה. זי זעהט אין איהם דעם יורש פון דיין טראָן.

דוד. אזוי? — אזוי. — יעצט ווייס איך אלץ. יעצט שטעל איך מיר די גאנצע זאך צוזאמען. — איהר זעהט מיך אָ טויטען שוין —

די ווייבער. אָה, ניין!

ד ו ד. און קומט איהר אייך צונויף, צוטיילט איהר די ירושה.

א ב י ג י ל. דארפסט נישט ביטער ווערען, קעניג. דאס איז צום ערסטען מאל —

ד ו ד. רוהיג, אביגיל. פערענטפער קיינעם נישט און גאר־נישט. רוהיג, טויב, יעצט פיהר איך דאס ווארט. (קוקט אן די ווייבער מיט א ביטערען שמייכעל אויף די ליפען.) מאמעס! — איך זעה אלטע מאמעס נאר פאר מיר, וואו זיינען מיינע ווייבער? מאמעס! מאמעס! וואס זייט איהר מיר? וואס בין איך אייך? איך בין געגאנגען צו אייך און האב אייערע יאהרען פערגעסען. און פלוצלונג — אזויפיעל אלטקייט! און אזויפיעל קעלט! דאס זייט איהר, וועלכע האט מיר אזויפיעל פריידען פערשאפט און שטארקער מיין הארץ געמאכט מיר שלאגען? מיכל, ווי זעהסטו אויס! אלט און צו אייז פערגליווערט.

מ י כ ל. איך ווינש, איך זאל שוין טויט זיין. דאן בין איך בעפרייט פון מיין דערנידערונג.

ד ו ד. דיין דערנידערונג?

מ י כ ל. א גאנץ ווינציגער טייל אין דוד'ס לעבען צו הייסען.

ד ו ד. און דו האסט געוואלט זיין מיין אלץ.

מ י כ ל. מיכל, קעניג שאול'ס טאכטער, האט זיך אין איהר ליעבע נישט געוואלט טיילען אפילו מיט גאט.

ד ו ד. יא, יא. — דאך ביזטו אוועק צו פלטי דעם זוהן פון ליש דעם גלים'ער.

מ י כ ל (מיט כעס). דו ווייסט אליין, מיין פאטער האט מיך איהם אוועקגעגעבען! און אויסערדעם —

ד ו ד. אויסערדעם? —

מ י כ ל. האסטו דיך שוין געהאט פערפיהרט מיט אנדערע צוויי. (ציינט אן אויף אביגיל און אחינעם.)

ד ו ד.ביידע גרויסע שיינהייטען. ווי האב איך געקאנט זיי דורכלאזען פאר מיר?

מיכל. יעצט ווילסטו וויציג ווערען. דאָס איז דיין ענט־פער מיר. און איך זאָל דיך נישט — —

דוד. פעראַכטען? רעד'ס אַרויס!

מיכל (דרעהט אַוועק דעם קאָפּ).

דוד. האהא! אַזויפיעל שיינהייט האָב איך איהר געזאָלט אַלס קרבן ברייגנען — אה, וואָס וואָלט איך דאַן פערלאָרען! יעדע איינציגע פון אייך איז פאַר מיר געוועזען דער אָנהעב פון אַ נייעם לעבען, יעדע נייע ליעבע אַ נייער פריהלינג, פול אויפלעבונג און געזאַנג. אַביגיל, דו געדענקסט? ביים ערסטען בליק אויף דיר האָב איך מיין הארץ פערלאָרען. דיין נאָמען אַליין האָט מיך שוין צוגעצויגען, און פון דיינע אויגען זיינען שטראַלען ווי פייערשטריק אַרויסגעגאַנגען און האָבען מיך צו דיר צוגעצויגען, צוגעבונדען. איך האָב מיך אָפּגעריסען נישט געקאָנט און — נישט געוואָלט. נאָר האָט דיך און מיך צונויפגעבראַכט — ווי האָט מיכל געקאָנט דאָ שטעהן צווישען? און ווי שיין ביזטו געוועזען, אחינעם — די שענסטע בלום ביזטו געוועזען אין יזרעאל. האָב איך דיך געקאָנט לאָזען אונגעפּליקט? איך וואָלט אַ זינד בעגאַנגען. און דו, מעכה, דו וואונדערשיינע קעניגס טאָכטער — — — דו האָסט מיר אויך דעם שענסטען זוהן געגעבען.

מעכה (צואווייגט זיך).

דוד. וויין נישט, וויין נישט. דיין זוהן איז שוין געגוג בעוויינט געוואָרען. פאַר וואָס ביזטו אין טרויער אהער געקומען? אויך דו, אחינעם, ווי קומסטו צום אַלטען טרויער־קלייד? דאָס אַלטע מאַכט דיך עלטער נאָך. — אָה, מאַמעס! מאַמעס! — אויך דו, בת שבע, דו אויסבּרוך פון מיין ליידענשאַפט, ביזט בלויז מאַמע יעצט.

בת שבע. און באָבע שוין, מיט אייניקלעך אַ סך. דאָך ערלויב מיר דיר צו זאָגען: אויך דו ביזט אינגער נישט געוואָרען.

דוד. האהא... בין גרוי, גאַנץ גרוי. גרוי דער באָרד, דער קאָפּ גרוי, קנייטשיג דאָס געזיכט. אָה, יאַ, איך בין נישט מעהר

דער יונגער דוד, נישט מעהר דער בלאָנדער העלד. (שטעהט אויף.) דאָך! (ציהט זיך אויס, שטעלט אויס די ברוסט און געהט אַראָב די טרעפ מיט פעסטע שריט. מיט געשיקטער, יוגענדליכער בעוועגונג שטעלט ער זיך פאר די ווייבער.) דאָך — בין איך נאָך מאַן! דאָס גרויע האָר ביי מיר איז נאָך קיין אייז און שניי נישט. איך בין נאָך נישט פערגליווערט און פערפראָרען. מיין הארץ און בלוט, זיי ברענען נאָך מיט א זודיגען פייער, און אלערליי פערלאנגען רוישען נאָך אין מיר.

מיכל. זייט פרעהליך, קעניג דוד וועט זיך נעמען נייע ווייבער!

דוד. דו האָסט'ס געזאָגט. פאר די לעצטע יאהר האָב איך מיך נישט פעראינגט, און העב עס אָן צו פיהלען. אבשלום, דער האָט מיר פיעל געקאָסט, העהע... א פיינד פון מיין אייגענעם הויז, ווי דער נביא האָט מיר פערשפּראָכען. דאָס איז דער פּרייז, וועלכען איך האָב פאר דיר בעצאָהלט, בת שבע.

בת שבע. בין איך איהם נישט ווערט געוועזען?

דוד. האַהאַהאַ! דו ביזט! דו ביזט!... אָה, איך דאנק אייך אלעמען פאר די גרויסע פריידען, וועלכע איהר האָט מיר פערשאפט, און איך דאנק אויך גאָט, וואָס ער האָט אייך מיר אין מיין וועג געשיקט — א הערליכער בוקעט פון בלומען. דאָך — דאָך גלייך אויך ווי די שענסטע בלומען זייט איהר שוין פערוועלקט געוואָרען. אָבער איך בין געבליבען דער פליקער. מיט גרויע האָר און קנייטשיגען געזיכט — דאָך אלץ נאָך פליקער, בלומענרייסער. אָה, איך בין נאָך מאַן, און וויל ליידענשאפט און פייער ארום זיך, איך וויל מיין מאַן־צייט אין לוסטיגקייט פערברייגנען. מיינע יונגע קעבסווייבער, איך לאד אייך איין צום טאנץ. (ער לויפט צוריק ארויף אויף זיין טראָן. שטעהענדיג דאָרטין, פּאַטשט ער אין די הענד צום צייכען.)

א דיענער (קומט אַריין דורכ'ן טעפּיך אין הינטערגרונד און ציהט זיך אויס אויפ'ן געזיכט).

ד ו ד. מוזיק וויל איך. היים אויפשפּיעלען צום טאנץ, ווילד און היים און ליידענשאַפטליך. איך וויל א ווילד־פייערדיגען טאנץ זעהן.

ד ע ר ד י ע נ ע ר (שטעהט־אויף און רוקט זיך אַרוים).

ד י ק ע ב ס ו ו י י ב ע ר (זיינען דערהווילע אויפגעשטאַנען, אָבער זיינען גאַנץ איבערראשט פון דער איינלאַדונג און שטעהען גאַנץ פערלאָרען. — הינטער'ן טעפּיך הערט אַן א ווילדע טאַנץ־מוזיק).

ד ו ד (צו די קעבסווייבער). נו? וואָס אזוי פערצאַנט איהר? טאנצט!

ד י ק ע ב ס ו ו י י ב ע ר. אַה, קעניג!

ד ו ד. טאנצט, ווען איך האָב אייך געהייסען!

ד י ק ע ב ס ו ו י י ב ע ר (געהען אַראָב פון דער פּלאַטפאָרמע און הערען אַן צו טאַנצען. צוערסט אונענטשלאָסען, ביסלעכווייז פערגעסען זיי זיך און געהען איבער אין פייער און ליידענשאַפט).

ד ו ד (קוקט־צו זייער טאַנץ־ און קערפּער־בעוועגונגען מיט תּונגעריגע, פערשלינגענדיגע בליקען. פּלוצלונג שפּרינגט ער אויף). הערט אויף! הערט אויף! מיר ווערט גאנץ שווינדליג! געהט! אבשלום האָט אייך געשענדעט און איהר זייט טויט פאר מיר! געהט, איהר האָט צום לעצטען מאָל געטאנצט פאר אייער קעניג!

ד י ק ע ב ס ו ו י י ב ע ר (ציהען זיך אוים אויף די געזיכטער). אָה, קעניג!

ד ו ד. איהר זייט מיר א גרויסער שאָד, איהר יונגע ווייבער. דאָך דאָס מוז זיין. איהר קריגט פאר זיך א בעזונדער היים, און מיך וועט איהר מעהר נישט זעהן. געהט — אלמנות חיות!

ד י ק ע ב ס ו ו י י ב ע ר (געהען אַוועק נאָך רעכטס מיט איינגעהאַלטענעם געוויין).

ד ו ד. א שאָד אזויפיעל יונגע ווייבער! די נונה, און פועה, און מרומית — וואָס פאר א הערליכקייט! — יא. — נו, יעצט בין איך מיט אייך אליין געבליבען. ווער פון אייך האָט יונגענד

נאך אין קערפער? ווער פון אייך וויל שווינדליג מאכען אייער מאן? — — ניין! ניין! געהט! איך וויל אליין יעצט זיין.

די ווייבער (העבען אן ארויסצוגעהן מיט טיעפער פער־בויגונג אין אומגעקעהרטער ארדנונג, ווי זיי זיינען געקומען).

מיכל (די לעצטע, בלייבט נאך שטעהן ביים טעפיך, קוקט אן דוד'ן מיט קאפשאקלען, צולאכט זיך מיט חוזק און געהט אוועק).

דוד (זיצט א ווײלע גאנץ איינגעגראבען אין טראן און זעהט פיעל עלטער אויס. דאן פאטשט ער אין די הענד).

דער דיענער (קומט אריין און ציהט זיך אויס אויפ'ן געזיכט).

דוד. שיק מיר חושי'ן אריין.

דער דיענער (שטעהט אויף און רוקט זיך ארויס).

דוד (געהט אראב פון טראן און העבט אן ארומצוגעהן איבער'ן צימער, ווי עס וואלט איהם געפראָרען).

חושי (קומט אריין אין הינטערגרונד, מיט טיעפער פערבוי־גונג). האסט געוואלט וואס, מיין קעניג?

דוד. חושי, מיר איז קאלט.

חושי (מיט א לוסטיגען שמייכעל אויף די ליפען און אין די אויגען, טראגט לאנגזאם די האנד צום בארד).

אבישג

(6—8 יולי, 1915.)

מלכים א, קאפיטעל א. א—ד.

פערזאנען:

דוד.
אבישג.
חושי דער ארכער.
יהוידע.
דער דיענער.
וואכסאָלדאטען.

דאָס שלאָפצימער פון קעניג דוד. נאַכט. דאָס צימער איז בעלויכטען פון פיעל ליכט. פאַר אַ טיש, אָנגעשטעלט מיט געטריינק און שפייז, אויף אַ גרויסען שטול זיצט דער קעניג, איינגעדעקט מיט אַ סך קליי־דער, די אויגען צוגעמאַכט, ווי ער וואָלט געשלאָפען. פאַר איהם שטעהט חושי דער אַרכער. ביי דער טיר און הינטער דעם שטול שטעהען דיענער.

דוד (עפענט ענדליך אויף די אויגען און קוקט אָן דעם אַרכער. מיד, אָבגעשפּאַנט און טרויעריג).

חושי (מיט פערבויגונג). וואָס בעפעהלט מיין קעניג?

דוד. נאָך נישטאָ? האָט זיך קיינע נאָך נישט אָבגעזוכט? וויל קיינע מיך נישט דערוואַרמען?

חושי. נאָך איז קיינער פון די שלוחים נישט צוריק־געקומען.

דוד. דער קעניג דוד לעבט נאָר נאָך אין די מיידעלשע געזאַנגען, אין וואָרט און ליעד בין איך נאָך העלד און גבור. מיינע פיס זיינען גלייך ווי הירשען, זיי טראָגען מיך אויף גרויסע הויכען. מיינע הענד זיינען געלערנט צו מלחמה און ווי אייזערנע בויגענס זיינען מיינע אָרמס. מיינע טריט זיינען גרויס און ברייט און מיינע קנעכעל ציטערען קיינמאָל נישט — האהא — עס קלינגט גוט דאָס ליעד, דאָך וויל קיין איינע זיך נישט לעגען אין מיין שוים, ווי אין דעם שוים פון אַ טויטען.

חושי. איך האָב בעפאָהלען פון די שענסטע אויסצוזוכען, און דאָס נעמט צייט.

דוד. העהע, פון די שענסטע — —

חושי. דו זאָלסט בעסער זיך דערוואַרמען.

דוד. יא, יא... דיין עצה, ארכער, איז געוועזען גוט, און

זעהר קלוג דיין געדאנק, אָבער ביז... ביז ז י וועט אויפגעזוכט ווערען, וועל איך פערפראָרען ווערען.

חושי. לאָז דער געדאנק וועגען איהר דיך דערוויילע וואָרם האלטען.

דוד. יא, יא... דער געדאנק... פון די שענסטע...

חושי. פון די שענסטע אין די גרענצען פון ישראל.

דוד. פאר וואָס שוין נישט ד י ש ע נ ס ט ע?

חושי. דאָס וואָלט נישט קלוג געווען פון מיר.

דוד. נישט קלוג פון דיר?

חושי. ווענען וועל איך זוכען, ווען ד י ש ע נ ס ט ע וועט דעם קעניג אויפהערען צו וואַרמען?

דוד. האהא... קלוגער חושי!

חושי. פון די שענסטע איינע זאָל זי זיין, און מיר וועלען קאָנען רוהיג בייטען.

דוד. ביז ענדליך די שענסטע פון אלע...

חושי. ד י בעקומסט דו קיינמאָל נישט.

דוד. ווי?!

חושי. מיט ד ע ר וועל איך דיך רייצען בלויז. דאָס רייצען וועט דיך וואָרם האלטען און יאָגען דיר די לעבענס־כחות.

דוד. און איך זאָל שטאַרבען און די שענסטע נישט האָבען אויסגענאָסען?

חושי. וואָס וועט זיין דיין לעבען דיר, ווען דו האָסט די שענסטע אויך שוין אויסגענאָסען?

דוד. יא, יא. דו רעדסט טריי, מיין טרייער חושי. דאָך נישט קלוג, העהע, נאָר נישט קלוג. בעגרייפסט דו דען נישט, איך וועל קיינמאָל דיר נישט גלויבען, אז איך האָב די שענסטע שוין געהאַט? איך וועל דענקען, ערגעץ־וואו לעבט די שענסטע, אלער־שענסטע נאָך, נאָר האָבען דיינע שלוחים ז י נישט געפונען. איך וועל דענקען, די שענסטע איז ערסט געבאָרען געוואָרען, און ווען זי וועט ווערען גרויס, וועל איך נישט זיין מעהר. זעהסטו,

דו קאָנסט די שענסטע רוהיג צו מיר בריינגען. איך וועל זי בע־וואונדערען און נאָך א שענערער ווייטער ביינקען.

חושי. זאָל יעדע איינע די שענסטע אין דיינע אויגען זיין.

דוד. ווי דו דרעהסט דיך אוים, דו ביטרער חושי! — דאָך פאָרלויפיג האָסטו נאָך איינע נישט. איך האָב מורא, זיי ווילען נישט צום אַלטען קאלטען קעניג קומען. זיי האָבען זיך בע־האלטען, דיינע שענסטע, ווי פון א גרויסער שטראָף, ווי פון א גרויסען אומגליק. — דו... קומען דיינע שלוחים אליין, ווי זיי זיי־נען אוועק, וועל איך דיך בעשטראָפען. און איך זאָג דיר גלייך דיין פסק אָן, זיי איהם וויסען: קומען דיינע שלוחים אָהן איינער, וועלכע זאָל מיך ווארמען, קאָנסט דו געהן און, ווי דיין אלטער געגנער אחיתפל, מיט א פליישביין זיך דערוורגען.

חושי. איך וויים, מיינע שלוחים וועלען זייער שליחות ריכטיג שוין דערפילען. דאָך אוים פאָרזיכטיגקייט וועל איך מיך יעצט פערשווערען, פון היינט אָן זאָל קיין ביסען פלייש איבער מיינע ליפען מעהר נישט קומען.

דוד. האהא. — — ווי קומסט דו איבערהויפט צו דיין עצה? פאר וואָס האָסטו קיין מלחמה נישט אויסגעזוכט פאר מיר, וועלכע זאָל מיך אויפרייצען און אונטערוואָרמען? איך וואָלט נאָכגעיאָגט נאָך מיינע פיינד און זיי פערטיליגט, איך וואָלט נישט אומגעקערט מיך, ביז איך וואָלט זיי נישט פערניכטעט. איך וואָלט זיי אומגעבראכט און צושמעטערט. זיי מוזען פאלען אונ־טער מיינע פים. פאר וואָס האָסטו מיט מלחמה נישט געוואָלט מיך שטארקען? מיט קאמפף נישט קרעפטיגען מיינע אָדערן?

חושי. עס הערשט שלום צווישען דיר און אלע ארומיגע פעלקער, אויף וועלכע דיין שרעק איז אָנגעפאלען, און יהודה און ישראל רוהען פריעדליך אויף זייער ערד. וואָלט איך נישט גע־זינדיגט געגען גאָט און פאָלק, ווען איך וואָלט דיך צו מלחמה צו־געטריבען? און אויסערדעם — שיקסט דו אין מלחמה שוין לאנג בלויז דיינע אויפזעהער אויפ'ן חיל.

דוד. פאר וואָס האָסטו ניט געזוכט צו דערווארמען מיך מיט גאָט'ס וואָרט? יהוה איז שטענדיג מיין ליכט געוועזען; יהוה האָט שטענדיג מיין פינסטערנים בעלויכטען. ער איז געוועזען מיין שטארקייט, זיין וואָרט איז מיר געוועזען מיין גאנצע לעבענסקראפט. פאר וואָס האָסטו ביי איהם נישט געזוכט קיין ווארמקייט פאר מיר, ביי איהם, וואָס האָט מיך שטענדיג געמונטערט און געווארמט?

חושי. עס האָט יהוה דיך קיינמאָל נישט פערלאָזען און שטענדיג טראָגסטו אין זיך יהוה'ס וואָרט, און דאָך ביזט דו קאלט געוואָרען און דיינע אברים ציטערען פון פראָסט. און וואָלסטו געוואָלט זיך מיט גאָט'ס וואָרט דערהיצען, האָסטו געזאָלט נישט מיך, נאָר גד און נתן, די נביאים, רופען.

דוד. דו ביזט א צונויפפיהרער, צו פרויען ציהט דיין הארץ און ווייבער ליגען דיר אין קאָפּ.

חושי. און בין דער ריכטיגסטער רופא צו דיין שוואכקייט. דער מאן דוד איז אלט און קאלט, דער מאן דוד מוז פערא‌ינגט און דערווארמט ווערען.

דוד. דאן שאף מיר די רפואה שנעל.

חושי. געדולד, מיין קעניג!

דוד. געדולד! און מיינע טעג זיינען פיעלייכט געצעהלט, דער טויט לויערט הינטער מיין רוקען. איך וויל נישט פון אלטערשוואכקייט שטארבען!

א דיענער (קומט אריין און ציהט זיך אויס אויפ'ן געזיכט).

דוד. וואָס איז? וואָס ברייגנסטו מיר פאר א בשורה?

דער דיענער. יהוידע איז געקומען.

חושי. יהוידע!

דער דיענער. און האָט מיט זיך געבראכט — — —

חושי (איילענדיג צו דער טיר). די רפואה יונג און שיין!

דוד. שטעה, חושי, ווארט! ברייננג זי מיר נאָך נישט

אריין. נעמט פון מיר די בגדים און די דעקען צו. (מיט דער הילף פון די דינער קריכט ער ארויס פון די פעלע דעקען און שטעהט אויף.) איך וויל מיך פריי בעוועגען, מיינע פיס בעפרייען פון זייער שטייפקייט. איך וויל נישט, זי זאל זיך דערשרעקען פאר מיין אלטקייט, און מיין אבגעשפאנטקייט זאל איהר בלוט צו אייז פער־גליווערן. טוט כיך קעניגליך אן. (די דינער ווארפען זיך נאך די קליידער.) זאל א קעניג זי בעגעגנען. און זאל זי זעהן, איך בין קרעפטיג נאך, איך בין נישט קיין מת, וואס מוז אין דער ערד שוין ליגען. (די דינער העבען־אן איהם אנצוטאן.) קעניג דוד דארף נאר שותפות מאכען מיט דער יוגענד, און ער איז דער גאנ־צער דוד, פול ווארמקייט און לעבען, פול בעוועגליכקייט און שירה. געהט רופט מיר אריין יהוידע'ן אליין.

דער דינער (געהט ארויס).

דוד. איך וויל איהם אויספרעגען. איידער איך זעה זי, וויל איך זי מיר פארשטעלען, און ער זאל מיר דא העלפען. איך וויל וויסען, צי קאן די ווירקליכקייט מיין פאנטאזיע אריבעריאגען. איך וויל זעהן, צו איז מיר מיין פארשטעלונגס־קראפט מיט די יאהרען אבגעשוואכט געווארען.

יהוידע (קומט אריין און ציהט זיך אויס אויף'ן געזיכט).

דוד. שטעה אויף, יהוידע, און זאג מיר, וואס דו האסט מיר געבראכט. ווי זעהט זי אויס, ווי איז איהר געשטאלט, אין וואס בעשטעהט איהר שיינהייט?

יהוידע (וועלכער האט זיך געהאט אויפגעהויבען, פאלט ווידער אויף זיין געזיכט).

דוד. שטעל דיך אויף און שטעה, האב איך דיר געזאגט, און רעד און ענטפלעק מיר די רייכקייט פון דעם אוצר, וואס דו האסט אויסגעזוכט פאר מיר.

יהוידע. אה, קעניג, איך האב קיין ווערטער נישט!

דוד. איך זאג דיר, דו זאלסט זי מיר ארומדערצעהלען!

יהוידע. זיי מוחל מיר, מיין קעניג! דיין קנעכט וויל נישט בעגעהן קיין גאָטלעסטערונג.

דוד. חושי, געה דו און טו א קוק, און קום צוריק און זאָג זי מיר.

חושי. איך בין שוין ווירקליך אויך געשפּאנט. (געהט צו דער טיר.)

יהוידע (צום אַוועקגעהענדיגען חושי). אָה, חושי, דו געהסט א קוק טאָן אין דער זון. זיי פאָרזיכטיג מיט דיינע אויגען.

דוד. דו ביזט דאָך נאָך אויך נישט בלינד געוואָרען.

יהוידע. דאָך. איך וועל מיין אייגען ווייב מעהר נישט קאָנען זעהן.

דוד. דו מאכסט מיך אָבער נייגיריג גאנץ בעזונדערס. וואו האָסטו זי געפונען?

יהוידע. אין שונם.

דוד. ווי הייסט זי?

יהוידע. אבישג איז איהר נאָמען.

דוד. יונג?

יהוידע. דער פריהלינג איז קיינמאָל נישט אזוי יונג געוועזען.

דוד. איהרע ליפּען?

יהוידע. ווען דו וועסט דיינע ליפּען קאָנען אוועקרייסען פון זיי, וועסטו וויסען, אז דו ביזט ווירקליך אלט.

דוד. הויך? קליין?

יהוידע. אָה, פרעג מיך נישט, מיין קעניג! איך גלויב, זי איז הויך גענוג, זי זאָל פון דיר די גאנצע וועלט פערשטעלען, און קליין גענוג, דו זאָלסט זי קאָנען אויפהעבען אויף דיינע אָרמס מיט א דאנק צו גאָט, וואָס דו האָסט זי דערלעבט.

דוד. וואו איז חושי שוין?

יהוידע. נעם איהם נישט פאר אומגוט, קעניג, ווען ער קאָן זיך נישט אָבוועגדען פון איהר.

ד ו ד. איך וועל איהם זיינע אויגען — —

ח ו ש י (קומט אריין, ארײנלאָזענדיג פאר זיך אבישג).

ד ו ד (האקט אָב זיין בייזער, ווי געבלענדט און איבערראשט פון אבישג).

א ב י ש ג (וויל זיך אויסציהען אויפ'ן געזיכט).

ח ו ש י (האַלט זי אָב). ענטשולדיג מיר, מיין קעניג, וואָס איך האָב זי אריינגעבראכט אונגעפרעגט. איך האָב נישט געוואָלט, דו זאָלסט מיין וואָרט־אָרמקייט צום שפּאָט פון קליינע קינדער מאכען.

י ה ו י ד ע. יעצט זעהסט דו, מיין קעניג!

ד ו ד (נאָך א וויילע שווייגען, ווי אויפגעוואכט פון זיין ער־שטוינונג). יעצט — זעה — איך.

י ה ו י ד ע. האָב איך זי דיר איבערטריבען מיט מיין שטומקייט?

ד ו ד. איך האָב נישט געוואוסט, אז מיין לאַנד איז אזוי רייך.

י ה ו י ד ע. איך האָב דעם גאנצען וועג געזוכט ווערטער, מיין בעוואונדערונג איינצוקליידען, דאָך —

ח ו ש י. גענוג! מיר וועלען לאָזען דעם קעניג אליין זי צו בעוואונדערן. ע ר וועט די ווערטער שוין געפינען, די שענסטע און התפעלות'דיגסטע. פיעלייכט קומט ארוים ביי איהם א נייער געזאנג, א נייער שיר המעלות. געה, יהוידע, דו האָסט דיין פליכט זעלטען גוט דערפילט.

י ה ו י ד ע. גאָט האָט מיר דעם וועג בעוויזען און מיר מיינע פיס געלענקט.

ח ו ש י. און דער קעניג וועט גאָט'ס חסד דיר קעניגליך בעלוינען.

י ה ו י ד ע (ציהט זיך אוים אויפ'ן געזיכט). זיי געבענשט, מיין קעניג! (שטעהט אויף און געהט ארוים אויף הינטען.)

ח ו ש י (צו דער וואך). געהט אויך איהר און האלט שמירה פאר דער טיר.

די דיענער (ציהען זיך אוים אויף די געזיכטער, שטעהען אויף און געהען ארוים).

חושי. אויך איך, מיין קעניג, וועל דיר א גוטע נאכט יעצט ווינשען. איך האָף, מיין וואונש וועט אויף מקוים ווערען און די נאכט וועט גוט דיר זיין. (צו אבישג.) דו ווייסט, דו שיינע, וואָס דיך האט אהער געבראכט —

דוד (ווי אויפגעוואכט פון זיין קוקען, אונגעדולדיג). געה, חושי! דיין צונג וואקסט דיר לאנג און לענגער, און פון איין נאַ־רישקייט געהסט דו צו א גרעסערער נאָך איבער. געה אין פריעדען!

חושי (מיט פערבויגונג). זיי מיר מוחל, מיין קעניג! גוטע נאכט דיר און פריעדען מיט דיר און פריעדען דער, וואָס איז מיט דיר. (געהט ארוים.)

דוד (קוקט אָן אבישג, ווי פריער, און העבט־אָן צוצוגעהן צו איהר).

אבישג (לאָזט זיך אראָב לאנגזאם אויף די קני און העבט אויף די הענד, ווי צום געבעט. איהר געזיכט איז גאַנץ פערקלערט, התלהבות'־דיג, און איהרע ליפען בעוועגען זיך).

דוד (ערשטוינט). דו טוסט תפילה, אבישג! דו קניסט!

אבישג. איך דאנק יהוה'ן, וואָס ער האָט מיך געבראכט דיך צו זעהן מיט מיינע אויגען!

דוד. ווירקליך? פרעהט עס דיך אזוי?

אבישג. אָה, קעניג, דארפסט דו עס גאָר פרעגען?

דוד (העבט זי אויף). קום שטעה אויף און זעץ זיך לעבען מיר און דערצעהל מיר, פאר וואָס פרעהט עס דיך אזוי. (נעמט זי ארום און פיהרט זי צו זיין שטול, וואו ער זעצט זיך אוועק און זעצט זי איין ביי זיך צו פוסען, צוטוליענדיג זי הארט צו זיינע קני. ער נעמט איהר קאָפּ צווישען זיינע הענד, בויגט איהם ארויף און קוקט זיך אין איהר איין.) נו, זאָג מיר, פאר וואָס האָסטו דיך געפרעהט.

אבישג. ווענען וועט עס דען נישט פרעהען, דעם קעניג דוד'ען צו זעהן?

דוד (אבלאזענדיג איהר קאפ). גוט צו הערען! דאך איך וויל דיין פרייד הערען.

אבישג. פון קינדהייט אן בין איך געוואקסען מיט דיין נאמען אין מיינע אויערען, און דיינע מעשים האבען מיט וואונדער אנגעפילט מיין זעעל. ווי איך האב נאר אויסגעלערנט „טאטע־מאמע" צו זאגען, האב איך שוין אויך געשטאמעלט „קעניג דוד", און ווי נאט האט מען מיך געלערנט אויף דיך צו ליעבען און צו פירכטען.

דוד. צו פירכטען?

אבישג. און צו ליעבען.

דוד. וואס האסט דו מעהר?

אבישג. געליעבט.

דוד. דו קליינע חנפ'ערין, דו זאגסט דאך מיר דעם אמת נישט.

אבישג. איך זאג דעם אמת דיר, מיין קעניג. דו ביזט מיין העלד געוועזען, דו ביזט געוועזען מיין גבור. ביים טאנץ האב איך פון דיינע זיעגען פיעל געזונגען, און ביים שפיעל דיינע ליע־בעס פארדערצעהלט. דיינע פיינד בין איך געוועזען דער גרעסטער שונא, דיינע פערפאלגער האבען מיך אויסגעלערנט קללות צו גע־ברויכען. מיט דיינע שמערצען האב איך מיטגעוויינט, אבער מיט דיינע פריידען האב איך מיטגעיובעלט, און העכער און פרעהליכער און נשמה'דיגער פאר אלעמען האב איך געקאנט שרייען: דוד, קעניג פון ישראל, לעבען זאל ער אייביג!

דוד (גלעט זי א ווייל'ע איבער'ן קאפ). ווי האסט דו דיר מיך פארגעשטעלט?

אבישג. אט ווי דו ביזט... ווי איך האב דיך יעצט גע־טראפען.

ד ו ד. מיט א גרויסען גרויען באָרד און גרויסע גרויע ברעמען?

א ב י ש ג. מיין פאָטער האָט דיך מיט איינינע יאָהר צוריק געזעהן, און ער האָט דיך דאן מיט שטאָלץ און פרייד בעשריעבען אין קרייז פון זיין הויז־געזינד און זיינע פריינד. מיר האָבען פון זיין מויל מיט גרויסער שפאַנונג דיין גרויסקייט און שיינהייט געזוּגען און איהם מקנא געווען, וואָס ער איז דער גליקליכער געוועזען דיך צו זעהן. און פון זיינע ווערטער האָב איך דיך איינגעפרעסט אין מיין זכרון, און קלאָר האָט אין מיר דיין בילד געלעבט.

ד ו ד. מיט די ווייסע האָר, מיט די קנייטשען אין געזיכט, אלט און קאלט —

א ב י ש ג. אלט און קאלט?!

ד ו ד. מיט אלע זיעבציג יאָהר אויף מיינע שולטער?

א ב י ש ג. ווער צעהלט דען קעניג דוד'ס יאָהרען! קעניג דוד איז — קעניג דוד! ניטאָ קיין העלדישערען מאַן פון איהם אין גאַנץ ישראל און ניטאָ פאר איהם קיין אינגערען. דרייסיג גרויסע העלדען צעהלט דוד אין זיין חיל אָן, און אלע דרייסיג קומען צו איהם נישט. זיינע פיס זיינען גלייך ווי הירשען, זיי טראָגען איהם אויף גרויסע הויכען. זיינע הענד זיינען געלערנט צו מלחמה, און ווי אייזערנע בויגענס זיינען זיינע אָרמס — —

ד ו ד. העהע — — ווייסט דו, פאר וואָס מען האָט דיך אהער געבראַכט?

א ב י ש ג. איך זאָל א דיענסט זיין ביי מיין קעניג.

ד ו ד. א דיענסט נישט, נאָר א ווייב.

א ב י ש ג (אין עקסטאזע). אָה! (פערדעקט זיך דאָס געזיכט.)

ד ו ד. ביזט דו דערפרעהט? ביזט דו דערשראָקען? (וויל אראָבנעמען איהרע הענד פון איהר געזיכט.)

א ב י ש ג (אליין אראָבנעמענדיג די הענד). אָה, ווי דאנק איך גאָט, וואָס פון אלע טעכטער ישראל'ס בין איך די אויסגעוועהלטע!

יעצט ווייס איך, פאר וואס ער האט מיך אזוי שיין געמאכט. אה, קעניג דוד'ס ווייב צו זיין!

דוד (קוקט זי א ווייל'ע אן, מיט שטארקען אטעם, דערוואַרמט).
גיב מיר א קוס, דו שענסטע פון די טעכטער!

אבישג (מיט צוגעמאכטע אויגען, ליידענשאפטליך, שטרעקט אויס צו איהם איהר קאפ און ליפען). אה! (גיסען זיך צונויף אין א לאנגען קוס.)

דוד. באלד גלויב איך אויך, אז קעניג דוד איז נישט אלט. — קום, איך וויל יעצט יום־טוב'ען מיין חתונה מיט דיר. דער וויין שטעהט אנגעגרייט — קאנסט דו טרינקען, דו זיסע?

אבישג. און וועל איך שיכור ווערען, שטעהט דאס בעט נישט וויט.

דוד. אה — האהא! טרינק, דו פלאם, און צינד מיך מעהר נאך אן!

אבישג. אה, קעניג, ווי בין איך גליקליך! ווי קלאפט מיין הארץ, און מיינע פולסען פיהרען אוים א ווילדען האכצייטס־טאנץ! (טרינקט שנעל.)

דוד (ליידענשאפטליך). דו! (כאפט זי ארום, בויגט איהר איין דעם קאפ צום נאקען און קוסט זי שנעל אויף די ליפען, העלדז פלוצלונג אויף.) זאג מיר, האט וועה פון דיינע קוסען שוין געגאשט?

אבישג. ניין, זיי זיינען אלע אויפבעוואַרט געוואָרען פאר דעם קעניג.

דוד. און האסט קיין ביינקענים גאר נישט אין דיין הארצען?

אבישג. ביינקענים?

דוד. נאך עמיצען, וואס איז שיין און יונג און ערליך.

אבישג (פערשעמט). בלויז נאך דיין אומארמונג.

דוד (העבט זי ווידער אן צו קוסען און מיט זיינע ליפען אויף איהרע העבט ער זי אויף אין זיינע ארמס). קעניג דוד איז נישט

אלט! קעניג דוד האט זיין פייער און זיין ווארמקייט געפונען! (טראגט זי צום בעט. פלוצלונג בלייבט ער שטעהן, מאכט די אויגען צו, טראכט, לאזט זי ביסלעכווייז אראב, עפענט אויף אויף איהר די אויגען, רוקט זי אב פון זיך, האלטענדיג זי אויבען ביי די ארמס, און זאגט ענדליך ארויס.) יא, אזוי זאל עס זיין.

אבישג (דערשראקען). וואס איז דען מיין קעניג?

דוד (נאך א ווילע שווייגען). דו וועסט מיין ווייב נישט ווערען.

אבישג. האב איך מיך מיט וואס פערזינדיגט, מיין קעניג? האב איך מיך שלעכט און מיאוס אויפגעפיהרט? וועסטו מיך אוועקשיקען פון דיר? אה, וואוהין זאל איך מיין שאנדע טראגען? וואו זאל איך מיך בעהאלטען מיט מיין חרפה?

דוד (ציהט זי ליידענשאפטליך צו און דריקט זי). ביין, דו וועסט מיך נישט פערלאזען, דו וועסט זיין מיט מיר. טאג און נאכט וועסטו ארום מיר זיין, מיך צוזעהן און מיך ווארמען. דו וועסט מיר די זון זיין, וואס וועט מיט איהרע שטראלען מיר די אויגען אויפעפענען אין דער פריה, און דו וועסט זיין די לעצטע, וועלכע דער שלאף אויף מיינע אויגען וועט פון מיר בעהאלטען. וואו איך וועל אויסשטרעקען מיין האנד, זאל דער סאמעט פון דיין לייב מיר באלזאם גיסען דורך מיינע פינגער, דער דופט פון דיינע האר זאל פון היינט אן און וויטער די איינציגע בשמים זיין, וואס וועלען דערמינטערן מיר מיין הארץ, און דיין ליפען־קוס זאל דער שליסעל צו מיינע ליפען זיין. נאר וועסט דו מיין ווייב נישט ווערען?

אבישג. אה, איך בין עס נישט ווירדיג?

דוד. זוך די סיבה נישט אין דיר, דו הערליכע. קעניג דוד האט דיך שפעט געטראפען. יעצט דערוועגט ער זיך נישט, דאס גאנצע גליק אויסצוגעניסען.

אבישג. איך בין צו נאריש, מיין קעניג, איך פערשטעה דיך נישט.

דוד. איך בין מיין לעבען־לאנג געוועזען פייער און בעוועגונג און האָב געמיינט, איך וועל דער סנה זיין, וועלכע ברענט און ווערט נישט פערברענט. ווי דו, האָב איך אליין געגלויבט, אז איך קאָן אלט נישט ווערען, און מיין קערפער וועט לייכט פערטראָגען די שווערע משא פון די יאָהרען. דאָך זעה — דיין העלד איז אלט און קאַלט, קעניג דוד׳ס יוגענד און קראפט זיינען ווי דער מאָרגען פערפלויגען און ווי דער פריהלינג. נאכט איז יעצט און ווינטער, מען דעקט מיך מיט בגדים צו און עס ווארמט מיך נישט, און דער גאנצער לעבענסמוט האָט מיך פערלאָזען. דו ביזט געבראכט געוואָרען מיך צו ווארמען. דיין ווייבליכקייט, די יונגע, הערליכע, זאָל מיין מענליכקייט צו נייער קראפט אויפוועקען, דיין גרויסע יוגענד זאָל מיך פעראיינגען. דאָס איז שנעל געשעהן, דאָך האָט זיך פלוצלונג אויפגעטאָן פאר מיר: נאָר דער פערלאנג נאָך דיר קאָן מיך ווארם האלטען.

אבישג. דער פערלאנג נאָך מיר — וואָס זאָל עס בעדייטען?

דוד. עס איז, ווי ווען א שווערע רעטענים ווערט דיר פערגעבען. דו געהסט ארום און טראכסט און טראכסט, און קאָנסט קיין רוה דיר נישט געפינען אין זוכענים נאָך דעם ענטפער. עס פאלט דיר אָב די לוסט צום עסען, און ביי נאכט ווערט דער שלאָף פערוואָגעלט פון דיינע אויגען. אלץ אין דיר איז אָנגעשטריינגט, דו פיהלסט די אָנגעשפאנטקייט אין יעדעם גליעד. דאָך טרעפסטו ענדליך די שווערע רעטענים, ווערט דיר לייכט אין קאָפּ און הארצען, די אָנגעשפאנטקייט לאָזט דיך אָב, און אן אָבגעלאָזענקייט צולעגט זיך ברייט אין דיר.

אבישג. דו פערגיסט א שווערע רעטענים מיר — וואָס זאָל איך מיט איהר מאכען?

דוד. דו ביזט זי מיר. דער פערלאנג נאָך דיר וועט אלע קרעפטען אין מיר וועקען, וועט אויפהיצען מיין בלוט, וועט דעם האמער אין מיין הארץ מעכטיגער בעוועגען. די בייזקענים

נאָך דיר וועט א שארפער שפּיז מיר זיין, וואָס וועט מיך נישט לאָזען איינשלאָפען און נישט איינגעפראָרען ווערען. ווערסט דו אָבער מיין ווייב, דאן ביזט דו מיר א געטראָפּענע רעטענים, און וואָס וועט דאן דעם קעניג דוד ווארמען?

אבישג. אָה, קעניג, איך וויל אויך אלס דיין ווייב דיין אייביג פייער זיין.

דוד. דאָס וויל איך אויך, דו זאָלסט מיין אייביג פייער זיין. דאָך דאן מוזט דו מיר גרויסע ביינקענים בלייבען, קיינמאָל נישט דערפילונג ווערען.

אבישג. ביינקענים — דערפילונג — מיין קעניג, איך ווייס נישט, וואָס דו מיינסט.

דוד (קוסט זי לוידענשאַפטליך). דו ריינע!

אבישג. דאָך דו וועסט מיך נישט וועקשיקען פון דיר?

דוד. ניין. דו האָסט עס פון מיר געהערט. איך וועל דיך צובינדען צו מיר און זיין צו דיר צוגעבונדען.

אבישג. ווי א מאן איז צו זיין ווייב?

דוד. ווי א מאן צו זיין ווייב און שטארקער.

אבישג. דאן בין איך דאָך דיין ווייב! דאן בין איך דאָך דיין ווייב!

דוד. מיין אונבעריהרטע, אונבעפלעקטע, מיין אייביג פייער, וואָס טאָר נישט אויסגעלאָשען ווערען.

אבישג (אין עקסטאַזע). הא־א־א, בין איך דאָך דעם קעניג דוד'ס ווייב! (העבט־אָן צו טאַנצען ווילד און לוידענשאַפטליך.)

דוד. טאנץ, דו ריינע! טאנץ, דו הערליכע! שיט הייסע קויהלען אין מיר מיט די בעוועגונגען פון דיינע יונגע גליעדער.

אבישג (טאַנצט ווילדער און לוידענשאַפטליכער, זיך אליין צוזינגענדיג).

דוד (שפּרייט אויס די אָרמס, ציטערט פערגאַנדער די ברוסט שטארק אָטמענדיג). דערפאר דאנק איך דיר, גאָט, און צו דיין נאָמען טו איך זינגען!

אדניהו

טראַגעדיע אין איין אַקט.

(18—22 יוני, 1919.)

מלכים א, א—ב.

פ ע ר ז אָ נ ע ן:

א ד נ י ה ו, דער זוהן פון חגית.
י ו א ב.
א ב י ת ר, דער כהן.
א ב י ש ג.
ב ת ש ב ע.
ש ל מ ה.
ב נ י ה ו, דער זוהן פון יהוידע.

א צימער אין דוד המלך'ס פאלעץ. טעפיך־טירען אין דער הינטערוואנד און לינקס.

יואב און אביתר (קומען ארויס פון דער הינטערוואנד־טיר, צושטרויט, פערטראגען. אבגעהענדיג עטליכע טריט, קוקען זיי זיך אום מיט אומגעדולד, ווי זיי וואלטען אויף עמיצען געווארט, וועלכער דארף ארויסקומען פון דערזעלביגער טיר. דער עמיצער בעוויזט זיך נישט, און זייער אומגעדולד שטייגט).

יואב (אין גרויסער אומגעדולד). וואס קומט ער נישט ארויס? וואס איז ער דארט געבליעבען!

אביתר. ער האט זיך דארט פערקוקט, דער נאר! — אך, דאס איז געוועזען אן אומגליקליכע מינוט פאר אונזביידען, ווען מיר האבען זיך מיט איהם ארייגעלאזען. מירביידע אלטע נארען. וואס האבען מיר אין איהם דערזעהן? זיין שיין געזיכט האט אונז פערפיהרט.

יואב. הא! א כישוף איז עס געוועזען, א פערבלאנדזשעניס פון געפיהלען. ווייס גאט, איך האב דעם יונג פון שטענדיג זעהר ליעב געהאט. זיין שיין געזיכט — ניין, אבשלום איז שענער געוועזען, און דאך האב איך מיט מיינע אייגענע הענד געהאלפען איהם צו טויטען. אבער אין אדניה'ן איז מיר אלץ ליעב, ווי אין שלמה'ן איז מיר אלץ פערהאסט.

אביתר. ווי האס איך דעם!

יואב. ער איז אונז ביידען צו קלוג. ער דארף אונז ביידען נישט האבען. דאס איז א שווער געפיהל. איך האב געהאלפען דוד'ס הויז גרויס און שטארק צו מאכען, מיין גאנץ לעבען האב איך מיין רוקען געהאלטען אונטער דוד'ס וואגען, און ווי דער אונטערטעניגסטער קנעכט געשטופט איהם אין פאראויס. געליטען

מיט דוד'ן, ווען ער איז ענטלאָפען פון שאול'ען, מיט איהם צוזאַמען נע ונד געוועזען אין וויסטען מדבר. געליטען הונגער און היץ און קעלט און קריינק. פון דוד'ס וועגען אליז, פאר דוד'ס גרויסקייט, פאר דוד'ס זיכערהייט — — אך, דיר דארף איך עס נישט דערצעהלען. דו ווייסט דעם אָנהעב — האסט איהם מיטגעמאכט. קענסט די פאָרטזעצונג — ביזט אין איהר געוועזען. און איצט ביזטו מיט מיר אין דעם פערדראָסיגען סוף.

אביתר. מיר האָבען געדארפט זיין קליגער. מיר האָבען געדארפט קענען אדניהו'ן און מיט איהם זיך נישט פערבינדען. האָבען מיר נישט געהאט קיין אנדערן פון דוד'ס זיהן? אביגיל'ס זוהן, צום ביישפיעל...

יואב. עס איז פיליכט, ווייל דוד האָט אדניה'ן אזוי געליעבט און אין אליז איהם נאָכגעגעבען. אך, יאָ, א ליעבער יונג איז ער שוין, ווייס גאָט. דאָס לאנד וואָלט גליקליך געוועזען אונטער איהם. און ווי וואָלט מיין עלטער געבענשט געוועזען! — ווען ער וואָלט נאָר מעהר הארץ געהאט, מעהר פעסטקייט און מעהר שטאָלץ.

אביתר. ווען ער וואָלט אזוי לייכטזיניג נישט געוועזען!

יואב. וואָס איז ער דאָרט געבליעבען?

אביתר. האָסטו דען נישט בעמערקט? ער האָט זיינע אויגען נישט אָבגעווענדט פון אבישג, האָט אליז און אלעמען פערגעסען.

יואב. הם... אבישג... פיליכט... פיליכט...

אביתר. וואָס האָסטו אָבגעטראכט?

אדניהו (קומט ארויס אויף הינטען פון דער הינטערוואַנדטיר, ווי ער וואָלט נישט געקאָנט אָברייסען זיך פון עפּעס א זעהונג, און בלייבט שטעהן אין דער עפענונג ווי פערגליווערט).

יואב (בעמערקט איהם און צייגט אביתר'ן אויף איהם מיט א טרויעריגען שמייכעל און קאָפּשאָקלען).

אביתר (גלאָצט פערצווייפעלט מיט די אויגען).

יואב (גנב'עט זיך צו צו אדניהו'ן פון דער זייט, ווי ער וואָלט זיך געהיט, מען זאָל איהם פון דעם אַנדער צימער נישט בעמערקען).
אדניהו! — אדניהו!

אדניהו (ווי אויפגעוואַכט, לאָזט אָב דעם טעפיך און קוקט זיך אום).

יואב. וואָס איז מיט דיר? האָסטו אונז פערגעסען?

אדניהו. אבישג — דאָס איז דאָך א ב י ש ג? די אינגסטע דאָרט, די....?

אביתר (אונגעלדולדיג). און מעהר געהט דיר איצט נישט אָן?

אדניהו. ווי? — איז דאָס אבישג. די שענסטע אין גאנצען לאנד.

יואב. קום צו זיך. פערגעס זי יעצט. מיר האָבען וויכ־טיגס איבערצורעדען, אדניהו.

אדניהו. אָך, יאָ. דו ביזט גערעכט. איך האָב'ס האלב געוואוסט, האלב פערגעסען. איך האָב עפּעס געדענקט: דו האָסט מיר צוגעפּליסטערט, איך זאָל ארויסקומען נאָך דיר און אביתר'ן. דאָך ווי א נעפּעל וואָלט מיין מארך בעדעקט און מיך צום שלאָף־וואנדלער געמאכט. אונקלאָר האָט עס מיך געצויגען ארויס פון צימער, און אונקלאָר האָט עס מיך געצויגען צוריק אריין. — איז — דאָס איז ז י. אבישג. פון שונם.

יואב. אדניהו!

אדניהו. אָך, יאָ! אָך, יאָ! (לאַכט איבער דעם פּער־צווייפעלט־אונגעדולדיגען אביתר.) ביזטו אָבער אונגעדולדיג, כהן! — נו, וואָס איז דאָס וויכטיגס?

יואב. דער קעניג דוד איז טויט...

אדניהו (טרויעריג). יאָ, טויט דער קעניג. מיין פאָטער איז געשטאָרבען. נישטאָ מעהר דוד. איך האָב מיינע אויגען נישט געוואָלט גלויבען, האָב איך ארויסגעשיקט שלוחים מיינע

פינגער, און די אייזיגע קעלט פון פאטערס קערפער האט מיר זיין טויט ביז אין טיעפסטען הארץ בעריכטיגט.

יואב. און דו ביזט געזאלבט —

אדניהו (ציטערט אויף). דערמאן מיך נישט וועגען דעם!

אביתר. איך אליין האב דיך געזאלבט.

אדניהו. איך געדענק עס גוט. איך געדענק אויך, ווי אלע זיינען זיך פון מיר צולאפען, ווי מען האט נאר דערהערט, אז דער קעניג האט אויסגעקליבען שלמה'ן פאר זיין יורש.

יואב. אבער דוד איז טויט, און דאס פאלק וועט אומקעה־רען זיך צו דיר. דו ביזט בעליעבט, און דו ביזט דער עלטערער.

אדניהו. איך גלויב עס דיר נישט. און וואלט איך'ס דיר געגלויבט, איך שטרעק דאך נישט אויס מעהר מיין האנד נאך דעם קעניגס שטול. איך וועל נישט געהן נעגען מיין פאטערס ווילען.

יואב. דאס איז נישט געוועזען מעהר זיין ווילען. דאס איז געוועזען דער ווילען פון בת שבע'ן. שלמה'ס מוטער האט עס אין איהם ארייננערעדט.

אדניהו. זי האט איהם דערמאנט, וואס ער האט איהר לייגנסט פערשפראכען. אהה, הער מיר אויף דערמיט! שלמה איז קעניג, און איך האב טרייהייט איהם געשווארען, און דאס גאנצע פאלק איז הינטער איהם.

יואב. דאס פאלק! דאס פאלק וועט פון איהם ענטלוי־פען, ווי דאס איז ענטלאפען פון דיר. ווילסטו, ברייננ איך עס דיר צוריק — טרייב איך עס דיר צוריק.

אדניהו. זאל איך מיט גוואלד מיר נעמען דוד'ס שטול? זאל איך מיט בלוט דעם וועג צו איהם בעפלעקען?

יואב. שלמה אבער וועט איהם מיט בלוט בעפעסטיגען.

אדניהו. מיין ברודער? מיט בלוט?

יואב. מיט דיין בלוט, מיט מיין בלוט, מיט זיין בלוט.

מיינסטו, שלמה האט פערגעסען, אז דו האסט פאר א קעניג זיך דערקלערט? ער וועט נישט פערטראגען אזא איינעם לעבען זיך.

אדניהו. מיין ברודער שלמה וועט האלטען זיין ווארט, ווען איך וועל מיין ווארט האלטען. איך וויל קיין קעניג נישט זיין. איך וויל דעם קעניג א טרייער ברודער זיין.

יואב. זאגסטו זיך אב?

אדניהו. איך זאג מיך אב.

יואב. פון אלץ?

אדניהו. פון — וואס הייסט, פון אלץ?

יואב. פון אלץ, וואס האט בעלאנגט צו דוד'ען. אלץ, וואס איז געוועזען דעם קעניגס, וועט דעם נייעם קעניגס בלייבען.

אדניהו. ווי דען אנדערש?

יואב. אבישג, צום ביישפיעל.

אדניהו. וואס — אבישג?

יואב. זי וועט דעם קעניגס זיין.

אדניהו. שלמה'ס?

יואב. ווען שלמה וועט קעניג בלייבען.

אדניהו. זי איז דאך נישט קיין קעניגס זיגעלרינג, פון איין קעניגס פינגער אראב, אויף דעם אנדער קעניגס פינגער ארויף. פיליכט וויל זי גאר נישט שלמה'ס זיין.

אביתר. האהא!

יואב. דאס ווייסטו גוט. ווען דער קעניג וועט זי וועלען, וואס מאכט איהר ווידערווילען אוים? האט מען נאך איהר ווילען געפרעגט, ווען מען האט זי צו דוד'ען גענומען?

אדניהו. דארף שלמה זי דאך וועלען!

אביתר. הא, צו שלמה וועט זי וועלען! ווייסטו נישט, ווי שלמה איז צו פרויען? זאל איך דיר וואס דערצעהלען? פערשפאר עס מיר, דעם אלטען מאן און כהן.

יואב. דו האסט דיינע אויגען פון איהר נישט אבגעווענדט און נישט בעמערקט דערפאר, ווי שלמה האט אויף איהר געקוקט.

אדניהו. מיינסט, אז איך — אז איך האָב אין אבישג'ן מיך פערליעבט? פאר וואָס פון אלץ און אלעמען האָסטו זי אליין דערמאָנט?

יואב. מיך האָט זי נישט בענעפעלט און אביתר'ן האָט זי צום שלאָפוואנדלער נישט געמאכט. אָבער די שענסטע מיידעל אין די גרעניצען פון ישראל וועט דיינע זיין, ווען דו וועסט קעניג ווערען.

אדניהו. אההה, זי זאָל דיר א בייטש זיין, מיך אונטער־צוטרייבען, מיך אויפצורייצען, איך זאָל מיך איהר צוליעב לאָזען אין גאלאָפּ צום קעניגס שטול! איך בין ביים זינען נאָך. איך לאָז מיך נישט פערפיהרען. איהר אלטע פוקסען! איך זאָל אייער רעטונג זיין פון שלמה'ס צאָרן. וואָס ארט אייך דאָס וואָרט, וואָס איך האָב שלמה'ן געגעבען!

יואב. טו, ווי דו פערשטעהסט. איך האָב דוד'ען געדיענט און געוואָלט יעצט דיענען מיר דעם ליעבסטען פון אלע זיינע זיהן. עס וועט מיך פרעהען, מיין שיקזאל מיט דיינעם גלייך צו טיילען. איך בין אלט — מיך ארט נישט, ווי איך וועל מיין לעבען שלי־סען. און איך בין נישט פערליעבט — האָב נישט וואָס צו פערלי־רען. אביתר, מיינסטו נישט דאָסזעלבע? קום, אלטער פוקס — דאָס האָסטו פאר דיין טרייהייט. זיי צופריעדען, עס האָט געקאָנט אַן ערגערע חיה זיין. קום, מיר וועלען נאָך ווארפען א לעצטען בליק אויף דעם טויטען דוד און אָבשליסען דערמיט דעם גרעסטען טייל פון אונזער לעבען. וואָס ס'וועט ווייטער זיין, זאָל אונז גאנץ גלייכגילטיג זיין. (ביידע אָב צוריק דורך דער הינטערוואַנדטיר.)

אדניהו (לאַכט אויף, צושטרויט, אויפגערעגט, מאַכט אַ פּאָר שריט איבער'ן צימער, לאָזט זיך צו דער הינטערוואַנדטיר, איבערלעגט זיך, בלייבט שטעהן, געהט זיך ווידער דורך איבער'ן צימער און לאָזט זיך ענדליך ווידער צו דער הינטערוואַנדטיר).

אבישג (קומט איהם אַרויס ענטגעגען).

אדניהו (טרעט־אָב, ווי געבלענדט).

אבישג (אַרומקוקענדיג זיך). יואב האָט מיר צוגעפּלי־סטערט, עס וואַרט דאָ עמיצער אויף מיר, וואָס וויל מיך נויטיג זעהן.

אדניהו (קומענדיג צו זיך, לאַכט־אויף). האַ־אַ!

אבישג. ביזטו עס, וועלכער האָט געוואָלט מיך נויטיג זעהן?

אדניהו. איך האָב יואב'ן אזא שליחות צו דיר נישט איבערגעגעבען.

אבישג. דאַן איז דאָס אַן אַנדערער געוועזען, וועלכער האָט זיך נישט דערוואַרט אויף מיר.

אדניהו. קיין אַנדערער איז דאָ נישט געוועזען.

אבישג. פיליכט דאָרטין, אין דעם פאָרצימער.

אדניהו. יואב האָט אהער דיך דאָך געשיקט.

אבישג. האָט יואב — שפּאַס מיט מיר געטריבען?

אדניהו. ניין, ער האָט אמת דיר געזאָגט. עס האָט דאָ עמיצער געוואַרט אויף דיר, וואָס האָט שטאַרק געוואָלט דיך זעהן. האָסטו בעמערקט, ווי איך האָב צו דער טיר געאיילט? דאָס האָט מיך געטראָגען דיך נאָך א מאָל צו זעהן.

אבישג. ווי קאָנסטו אזוי רעדען?

אדניהו. האָב איך שלעכט גערעדט?

אבישג. דו זינדיגסט געגען קעניג דוד.

אדניהו. ווען איך וואָלט דיך געזעהן ביים פאָטערס לע־בען, וואָלט איך אפשר די אויגען מיר בלינד געמאַכט, איך זאָל דיך נישט זעהן מעהר. איך וואָלט מורא געהאַט פאַר זינדיגע געדאַנ־קען און פאַר נאָך זינדיגערע מעשים. אָבער דוד איז טויט, האָבען מיינע אויגען זיך דערלויבט אזויפיעל צו טרינקען פון דיין שיינ־הייט, ביז איך בין גאַנץ שיכור געוואָרען. אבישג, ווייסטו, ווער איך בין?

אבישג. אדניהו.

אדניהו (מיט צוגעמאַכטע אויגען). זאָג עס נאָך א מאָל.

אבישג. אדניהו.

אדניהו. ווי גוט מיין נאָמען האָט געקלונגען אויף דיינע ליפּען. אזוי ארויסגערעדט מיין נאָמען האָט אפילו נישט מיין מוטער. פון וואנען ווייסטו, איך בין אדניהו? האָסט מיך ביז היינט דאָך נישט געזעהן.

אבישג. איך האָב דיך שוין געזעהן: ווען דו ביזט אלס קעניג פאר דעם פּאלעץ דורכגעריטען.

אדניהו. אָה, אין דעם נארישסטען טאָג פון מיין לעבען!

אבישג. דו האָסט זעהר שיין אויסגעזעהן. אזוי, זאָגט מען, האָט דוד אויסגעזעהן, ווען ער איז יונג געוועזען. דערפאר בין איך אויך צום פענסטער צוגעגאנגען דיך אָנצוקוקען.

אדניהו. האָסט דעם יונגען דוד אין מיר זעהן געוואָלט?

אבישג. ווייל איך האָב דעם אלטען אזוי געליעבט.

אדניהו. ווי וואָלטסטו דעם יונגען שוין געליעבט!

אבישג. דאָס ווייס איך נישט.

אדניהו. און קוקסט מיך אָן, ווי דו וואָלטסט עס יעצט געוואָלט דערוויסען. דאָך איך בין נישט דער יונגער דוד, איך בין אדניהו. פערגעס עס נישט, איך בעט דיך. קוק אדניהו'ן אָן מיט דיינע זונענאויגען און נעם זיך אָן מיט איהם, ווי ער איז פול גע־וואָרען מיט דיר. איך האָב דיך היינט צום ערסטען מאָל געזעהן — איז עס מעגליך, אז איך האָב דיך ערסט היינט צום ערסטען מאָל געזעהן? — און קאָפּ און הארץ זיינען פון דיר אויסגעפילט גע־וואָרען, ווי איך וואָלט קיינמאָל נישט געהאט קיין אנדערע געדאנ־קען, קיין אנדערע געפיהלען.

אבישג. און דו ביזט דאָך געשטאנען ביים טויטענבעט פון דיין פאָטער.

אדניהו. איך האָב מיין פאָטער היים געליעבט און שטארק געאכט, בין צו זיין טויטענבעט מיט טרויעריגען הארץ געקומען און מיט טרערען אויף די אויגען. אָבער ווי שטארקער ווייז, וועל־כער מאכט פערגעסען יעדע טרויער, אזוי האָט דיין אָנבליק אויף

מיר געווירקט. איך האָב טרינקען נישט געוואָלט און בין בע־טרונקען געוואָרען. און אַ בעטרונקענער האָב איך גאָרנישט מעהר געוואָלט, ווי נאָר מעהר און מעהר אַלץ טרינקען.

אבישג. איך וויל צום טויטענבעט צוריק. ווילסט דו נישט אהין?

אדניהו. איך וועל דיך בלויז זעהן.

אבישג. דאַן בלייב דו דאָ.

אדניהו. און דיך נישט זעהן מעהר?

אבישג. איך וויל צו קעניג דוד געהן.

אדניהו. קעניג דוד איז טויט, באַלד איז ער אויך בעגראָ־בען. ווילסטו נישט אדניהו'ס ווייב ווערען?

אבישג. איז איצט די שעה דערפון צו רעדען? האָסט קיין אכטונג נישט פאַר מיינע טרערען. איז דיין וועהטאָג אין דיר פערטויבט, פערטויבט מיין וועהטאָג מיך, און איך קאָן פון גאָר־נישט יעצט נישט רעדען, האָב פאַר גאָרנישט איצטער קיין געהער נישט.

אדניהו. איך מוז עס איצטער וויסען. אבישג, ווילסטו מיין ווייב ווערען אָדער שלמה'ס?

אבישג. שלמה'ס?!

אדניהו. האָט עס דיך אזוי דערשראָקען? דו געה אריין און זעה בלויז צו, מיט וועלכע אויגען שלמה קוקט דיך אָן.

אבישג (אָטעמט אויף דערשראָקען).

אדניהו. וועמעס ווייב ווילסטו ווערען?

אבישג. איך וויל קיינעמס ווייב נישט ווערען. איך בין אין דוד'ס שוים נעלעגען.

אדניהו. שלמה וועט ביי דיר נישט פרעגען, וואָס דו ווילסט.

אבישג. אָההה!...

אדניהו. אבישג, איך האָב דיך נישט דערשראָקען.

דו האסט מיין נאמען ווי אין געזאנג ארויסגעשפּראָכען. ווילסטו נישט ווערען מיין ווייב?

אבישג. איך בין קעניג דוד'ס ווייב געוועזען.

אדניהו. ווילסטו ווייטער קעניגין זיין? איך האָב שלמה'ן פערשפּראָכען, יעדען קעניג־געדאנק פון מיר ארויסצושלאָגען — ווילסטו, איך זאָל מיין פערשפּרעכען נישט האלטען?

אבישג (מיט געוויין). איך קאָן נישט... איך קאָן נישט וועגען דעם איצט רעדען, וועגען דעם איצט טראכטען, מיט טרויער אין מיין הארצען, פול מיט טויטליכער בייגקענים נאָך קעניג דוד.

אדניהו. און פאר דיר שטעהט יעצט דער יונגער דוד... ניין, ניין! פערגעס עס! ארניהו שטעהט פאר דיר, דוד'ס זוהן, גאנץ בעטרונקען פון דיר, לעכצענדיג נאָך דיר, אין גרויסען שרעק, אז ער וועט דיך פערלירען. אה, דו וועסט שלמה'ס ווערען!

אבישג. ניין! ניין!

אדניהו (מיט פערצווייפלונג). דו וועסט עס ווערען! דו וועסט עס ווערען! ער איז קעניג, האר איבער לעבען און טויט פון זיינע אונטערטאנען, הערשער איבער יעדען ווילען. אָה, פאר וואָס בין איך געוועזען אזוי שוואך! פאר וואָס האָב איך פריער נישט געוואוסט, וועלכען רייכטום דוד האָט ביי זיך. איך בין דער עלטערער, מיר געהערט די ירושה. איך מוז קעניג זיין!

אבישג. עס איז געוועזען דוד'ס ווילען, שלמה זאָל זיין יורש זיין.

אדניהו. דאָס איז געוועזען בת שבע'ס ווילען.

אבישג. איך בין ביי דוד'ס בעט געשטאנען, ווען זי איז געקומען צו איהם פאר שלמה'ן צו בעטען, און דאָס זיינען געוועזען דוד'ס ווערטער צו איהר: „ווי איך האָב דיר געשוואָרען ביי יהוה דעם גאָט פון ישראל, אז שלמה דיין זוהן וועט קיניגען נאָך מיר און זיצען אויף מיין שטול, אזוי וועל איך עס טאָן." דוד'ס שבועה דארף דיר הייליג זיין.

אדניהו. דו זאָגסט מיר, וואָס איך האָב מיר אליין גע־

זאגט. אָבער איך וויל דיך נישט פערלירען, און נאָר אלס קעניג קאָן איך דיך מיר זיכער מאכען. יואב זאָגט, ער קאָן איצט דאָס גאנצע פאָלק צוּאוועגדען צו מיר...

אבישג. מיך פערלירסטו דאן בעשטימט. איך וועל נישט זיין די ווייב פון איינעם, וועלכער שטעהט־אויף געגען דוד'ען.

אדניהו. איך בין דיר דאָך נישט צואווידער, דיך שרעקט דאָך נישט, מיין ווייב צו ווערען.

אבישג. נישט איצט... נישט איצט...

אדניהו. דאָך איך מוז וואָס טאָן. איצטער, אָדער עס וועט זיין צו שפּעט. זאָל שלמה האָבען די מלוכה, איך וויל דיך בלויז האָבען. ווילסטו מיר נישט העלפען?

אבישג. איך געה צום טויטענבעט.

אדניהו (פערשטעלענדיג איהר דעם וועג מיט אויסגעשפּרייטע אָרמס). איך וואָלט איין קוס נאָר געוואָלט דיר געבען.

אבישג. ניין. עס ברענען נאָך דוד'ס קוסען אויף מיינע ליפּען.

אדניהו. איך וועל דיך אויסלערנען דוד'ס קוסען צו פערגעסען. (לאָזט איהר דעם וועג.)

אבישג (געהט אָב).

אדניהו (קוקט איהר נאָך ענטציקט, בעגייסטערט, באַלד דערמאָנט ער זיך און ווערט אומגעדולדיג). וואָס טאָן?... וואָס טאָן?... וואָס טאָן?...

יואב און אביתר (קומען ארויס).

אדניהו. אה, בעסטען דאנק אייך, וואָס איהר האָט ארויסגעשיקט צו מיר אבישג. לאָזט מיך דריקען אייער האנד. דאָס וועל איך אייך קיינמאָל נישט פערגעסען. ווען איך וואָלט קעניג געוואָרען אויף דוד'ס אָרט, וואָלט איך אייערע שטולען געשטעלט לעבען מיינעם. איך וואָלט געוועזען פול מיט דאנק צו אייך, ווי א מילגרוים מיט זאפט און קערנער, און מיינע חסדים

צו אייך וואָלטען געוועזען גרוים, ווי די חסדים פון גאָט, וועלכע ער האָט בעוויזען מיין פאָטער דוד.

יואב. אָבער ווייל דו ווילסט קיין קעניג אויף דוד׳ס אָרט נישט ווערען, דארפסטו אונז נישט דאנקען. מאָגסט אונז אפילו שילטען. ווען דו וואָלסט געזעהן, ווי שלמה איז אונרוהיג געוואָרען, ווען אבישג איז ארוים אהער צו דיר? איינמאָל נאָך דעם אנדערן איז ער פון זיין אָרט אויפגעשפרונגען, זיינע אויגען צום ארויסגאנג צוגעווענדעט, און פלעגט ער אריבערטראָגען זיי אויף מיר, איז מיר געוועזען, ווי ער וואָלט מיך דורכגעשטאָכען, דורכגעברענט. דו קאָנסט דיין סוף שוין וויסען.

אדניהו. דאָך איך וועל נישט ווערען קעניג. דוד׳ס שבועה צו בת שבע׳ן מוז מיר הייליג זיין. אזוי וויל אויך אבישג.

אביתר. עס האָט שוין שלמה ארויסגערעדט פון איהר.

אדניהו. וואָס?! דו ליגסט, כהן! האָסט נישט געזעהן, מיט וועלכע אויגען זי האָט מיך אָנגעקוקט און וויפיעל ווידערווילען צו שלמה׳ן איז אין זיי געלעגען. האָסט נישט געהערט, ווי זי האָט מיין נאָמען ארויסגערעדט און ווי העסליך שלמה׳ס נאָמען האָט ארויסגעקלונגען פון איהרע ליפען.

יואב. קום, אביתר, מיר מאָגען זיך אויסזוכען א ווינקעל ביים מזבח. עס איז דער איינציגער אָרט, וואו מיר קאָנען נאָך אפשר זיכער זיין פון שלמה׳ס שווערד און שטראָף. אויך דיר, אדניהו, וויל איך עס בעצייטענס ראטען. דער מזבח האָט פיער ווינקלען. קאָנסט אויך אבישג אהינצו ברייגגען. (אָב מיט אביתר׳ן.)

אדניהו. האהא!.... (שווייגט א ווייל, דערנאָך הערט ער ווידער אָן.) וואָס טאָן?... וואָס טאָן?... וואָס טאָן?...

בת שבע (קומט ארוים פון דער הינטערוואַנד־טיר און קוקט אָן פאַרשעמט דעם זי נישט זעהענדיגען אדניהו).

אדניהו (בעמערקט זי באלד און כאַפּט זיך עפּיס). אההה!... (לאָזט זיך צו איהר.) דיך האָט גאָט אליין צו מיר ארויסגעשיקט.

בת שבע. קומסטו צו מיר מיט שלום אין דיין הארצען?

אדניהו. מיט שלום, בת שבע, און מיט גרויסער אכטונג. איך וויל דיך בלויז וואס בעטען...

בת שבע. רעד.

אדניהו. דו ווייסט, אז מיינע איז געוועזען די מלוכה און צו מיר האט גאנץ ישראל צוגעווענדט די אויגען, איך זאל קיניגען. דאך האט זיך עס געענדערט און די מלוכה איז מיין ברודערס, פון גאט צו איהם געגעבען. און איצטער האב איך צו דיר א בקשה, אט, זאג מיר אין איהר נישט אב.

בת שבע. רעד.

אדניהו. בעט שלמה'ן, דעם קעניג, ער זאל דיר נישט אבזאגען און געבען מיר אבישג פון שונם פאר א ווייב.

בת שבע. גוט. איך וועל בעטען פאר דיר ביי דעם קעניג.

אדניהו. ווי דאנק איך דיר!

בת שבע. דאך — —

אדניהו (בעאונרוהיגט). דו איבערלעגסט זיך? האסטו שוין חרטה?

בת שבע. איך וויל אין עטוואס קלאר ווערען און מוז ענטפערס האבען אויף פראגען, וועלכע דער קעניג קאן מיך פרעגען.

אדניהו. דו ביזט אזוי קלוג, שלמה'ס מוטער —

בת שבע. איך וויל דיינע ענטפערס האבען. פאר וואס ווילסטו, איך זאל דעם קעניג בעטען? ווען אבישג וויל דיין ווייב זיין, שטעהט דיר ווער אין וועג?

אדניהו. זי איז א טייל פון דעם קעניגס ירושה, זי גע־הערט דעם קעניג, און קיינער אהן דעם קעניגס צושטימונג קאן זי פאר א ווייב נישט נעמען.

בת שבע. פאר וואס ווילסטו אליין נישט בעטען זי פון קעניג?

אדניהו. איך — אליין? — איך האָב מיך נאָך נישט פערדיענט געמאכט ביי איהם, איך זאָל פון איהם וואָס בעטען.

בת שבע. און ווען שלמה פרעגט מיך: „האָט אדניהו דען נישט געזעהן, מיט וועלכע אויגען איך האָב אבישג אָנגעקוקט?" —

אדניהו (שרייט אויף). האַ־אַ־אַ! האָבען יואב און אביתר ריכטיג געזעהן!

בת שבע. וואָס זאָל איך אויף דארויף ענטפערען?

אדניהו. וואָס זאָלסטו—אויף דארויף ענטפערען? — — — זאָג איהם — — זאָג איהם, ער האָט פון דעם פאָטער אַזויפיעל אָבגע'ירש'נט, זאָל ער מיר די קליינע ווינציגקייט פערגינען.

בת שבע. די קליינע ווינציגקייט... האהאָ... זי איז די שענסטע אין גאַנץ ישראל, און שלמה איז אויך א זוהן פון דוד... האהא... וואָס וועסטו טאָן, ווען שלמה וועט אָבזאָגען און אבישג'ן דיר נישט געבען פאר א ווייב?

אדניהו. טאָן?... הא!... קאָן אדניהו וואָס טאָן?... דוד'ס זוהן, וועלכען חגית האָט איהם געבאָרען, האָט איבערגענומען פון איהם בלויז דעם גרויסען ווילען, אָבער נישט די קראפט צו טאָן. איך וועל — — —

שלמה (בעווייזט זיך אין דער הינטערוואַנד־טיר).

אדניהו (רייסט איבער זיינע רעד, קוקט איהם א ווײַלע אָן, פערבויגט זיך פאר איהם און בת שבע'ן און געהט אַרויס נאָך לינקס).

שלמה. איז ער פון מיר ענטלאָפען?

בת שבע. ער האָט צו דיר די ברידערליכסטע געפיהלען. נאָר האלט ער זיך נאָך אַזוי שולדיג געגען דיר.

שלמה. עס איז א קומען־און־געהן אהער אין צימער. יואב און אביתר, אדניהו, אבישג, דו...

בת שבע. אויך מיך האָט אהער זייער קומען־און־געהן ארויסגעפיהרט.

שלמה. האָסטו וואָס ארויסגעפונען?

בת שבע. איך האָב אדניהו'ן בלויז אליין דאָ געפונען, און ער האָט צו מיר פון דיר גערעדט מיט די ווארמסטע געפיהלען.

שלמה. הם...

בת שבע. איצטער אָבער וויל איך מיט דיר וואָס רעדען.

שלמה (פערבויגט זיך פאַר איהר). ווילען מיר זיך נישט צוזעצען? זעץ דיך, מוטער, און איך זעץ מיך לעבען דיר. (זיי זעצען זיך.) וואָס איז עס, וואָס מיין מוטער וויל מיט מיר רעדען?

בת שבע. א קליינע בקשה וויל איך בעטען פון דיר און דו זאָלסט מיר אין איהר נישט אָבזאָגען.

שלמה. בעט, מוטער, איך וועל דיר נישט אָבזאָגען.

בת שבע. זאָל אבישג פון שונם אוועקגעגעבען ווערען דיין ברודער אדניהו פאר א ווייב.

שלמה (מיט איינגעהאַלטענעם כעס). פאר וואָס בעטסטו נאָר אבישג פון שונם פאר אדניהו'ן? בעט פאר איהם אויך די מלוכה. ער איז מיין עלטערער ברודער, בעט זי פאר איהם און פאר אביתר דעם כהן און פאר יואב'ן צרויה'ס זוהן.

בת שבע. איך בעט גאָר נישט פאר איהם, איך בעט פאר מיר.

שלמה. פאר דיר?

בת שבע. איך וויל נישט, אבישג זאָל דיין ווייב זיין און קעניגין ווערען.

שלמה. דיין קלוגער זוהן איז נאָך נישט קלוג גענוג דיך צו פערשטעהן.

בת שבע. דאָס איז פרויענאַרט, און ווייבעריש איז, וואָס איך פיהל. איך האָב מיך געפיהלט שטאַרק געקריינקט, וואָס אין די לעצטע טעג פון דוד דיין פאָטער איז זי געוועזען לעבען איהם. עס האָט א געפיהל פון קנאה מיך אויפגעגעסען, און טיעף אין הארצען האָב איך זי געשאָלטען. ווי קאָן איך צוזעהן יעצט, זי זאָל ווידער אזוי דערהויבט ווערען? און איך וואָלט אפילו נישט געוואָלט, אז דוד'ס נאָמען זאָל אייביג שיינען איבער איהר. איך

וואָלט געוואָלט זי זעהן אויסגעטאָן פון דוד'ס שיין און קעניגליכען גלאַנץ. ווילסטו מיר גוטער זוהן זיין און מיין פערלאַנג מיר נישט אָבזאָגען: גיב זי אדניהו'ן פאר א ווייב.

שלמה. אהההה!...

בת שבע. דו האָסט פון דיין פאָטער אזויפיעל אָבגעע'ירש'נט, פערגין איהם כאָטש די קליינע ווינציגקייט.

שלמה. דאָס האָט ער דיר געהייסען זאָגען. די קליינע ווינציגקייט! זאָל גאָט מיר אזוי טאָן און נאָך מעהר, ווי דאָס וועט אדניהו'ן זיין לעבען קאָסטען.

בת שבע. דאָס וועסטו מיר נישט טאָן!

שלמה. דאָס מוז איך מיר טאָן. עס טאָר קיינער נישט לעבען, וואָס האָט זיינע אויגען אויפגעהויבען אויף דער, וועלכע שלמה האָט זיך אויסגעוועהלט. און אויסערדעם — אדניהו האָט געקאָנט זיין שטאָלץ פערבויגען און מיר טרייהייט האַלטען, אָבער די ליעבע וועט איהם זיכער צום אויפשטאַנד טרייבען. ער טאָר נישט לעבען מעהר. ווי גאָט לעבט, וועלכער האָט מיך אויפגעריכט און ארויפגעזעצט אויף דעם שטול פון מיין פאָטער דוד, אז נאָך היינט וועט אדניהו געטויט ווערען. ((אוילט אוועק צוריק דורך דער הינטערוואַנד־טיר.)

בת שבע (נאָך איהם). שלמה! שלמה! (דאָס ציטערך שטעהט א ווײלע לעדיג.)

אדניהו (קומט אַריין פון לינקס מיט לאַנגזאַמע טריט און אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ. אין מיטען צימער בלייבט ער שטעהן פערלאָרען, דאָס געזיכט בעהאַלטען אין די הענד).

אבישג (קומט אַרוים פון דער מיטעלטיר). וואָס איז דאָ געשעהן, אדניהו?

אדניהו (ציטערט־אויף, נעמט אַראָב די הענד פון געזיכט). אבישג!

אבישג. מיט פייער־אויגען איז שלמה דורכגעלאָפען, און נאָך איהם בת שבע גאַנץ אויפגערעגט, פערצווייפעלט...

אדניהו. שלמה האָט מיך צום טויט פעראורטיילט!

אבישג (דערשראָקען און פול רחמנות). אהההה! —

אדניהו. דאָס זאָל איהם נישט געלינגען, ווען דו ווילסט די מיינע זיין. אבישג, קומסטו מיט מיר, העב איך דאָס פאָלק אויף!... יואב און אביתר זיינען מיט מיר... און די אלע, וועלכע האָבען מיר טרייהייט געשוואָרען, זיי וועלען זיך אומקערען צו מיר. קומסטו מיט מיר, אבישג? ווילסטו מיין קעניגין זיין?

אבישג (מאַכט צו די אויגען אין טיעפען ליידען).

אדניהו. פאר וואָס שווייגסטו, אבישג? אין דיין האנד ליעגט מיין רעטונג. — ווילסטו די מיינע ווערען? — פון טויט־שרעק שטייג איך דאמאָלס צו קעניג־הערליכקייט ארויף, פון טיעפער קבר־פינסטערנים צו ליכטיגער גליקליכקייט... פאר וואָס שווייגסטו, אבישג?

אבישג. אהההה...

אדניהו. זאָג מיר, אבישג...

אבישג (שאָקעלט ביטער מיט'ן קאָפּ.)

אדניהו (שרייט־אויף). אבישג!

אבישג. דו ביזט מיר פרעמד, אדניהו.

אדניהו. אהה!

אבישג. איך האָב קיין ליעבע נישט פאר דיר, אין מיין הארץ פערנעמסטו נישט קיין אָרט...

אדניהו. דאָס איז מיין טויט־אורטייל.

אבישג. אה, אדניהו!.. עס טוט מיר וועה... ראטעווע דיך, אויב דו קאָנסט... ראטעווע דיך, ווי דו קאָנסט... אָהן מיר...

אדניהו. איך דארף קיין רעטונג נישט!... איך דארף דאָס לעבען נישט!...

אבישג. אָה, זאָג עס נישט, אדניהו!... (בניהו דער זוהן פון יהוידע קומט ארוים מיט פיער סאָלדאטען.)

בניהו (צו אבישג). דער קעניג לאָזט דיר זאָגען, דו זאָלסט

מיט אונז אין זיין ווייבער־הויז אוועק. (די סאָלדאַטען רינגלען זי ארום.)

אבישג (שרייט דערשראָקען אויף, לאָזט אראָב דעם קאָפּ און צוואווינט זיך). איך האָב געוואָלט דוד׳ם אלמנה בלייבען.

בניהו (צו די סאָלדאַטען). פיהרט זי אוועק!

אבישג. זיי מוחל מיר, אדניהו! (געהט אוועק מיט די סאָלדאַטען גאַנץ געבראָכען.)

אדניהו (פול בייזקעניים). אבישג! (מאכט א בעוועגונג נאָך איהר.)

בניהו (פערשטעלט איהם דעם וועג. זיי קוקען זיך אָן. בניהו לעגט ארויף זיין האַנד אויפ׳ן שווערד).

אדניהו. דו וועסט דאָס טויט־אורטייל אויספיהרען. דו שרעקסט מיך נישט, בניהו. דער טויט איז מיר א גוטער גאַסט. איך וויל דיך רייַן וואשען — דו וועסט קיין מאָרד נישט בעגעהן, וועסט א גוטע זאך מיר טאָן. וואָס איז דאָס גאַנצע לעבען מיר?

בניהו. אין נאָמען פון דעם קעניג... (דערשטעכט איהם.)

אדניהו (פאַלט). גוט אזוי... אבישג... (שטאַרבט.)

מרים פון מגדלה

דראמע אין דריי אקטען און פיער סצענען.

(יוני — יולי, 1911)

פערזאנען:

מרים פון מגדלת.

איזבל, } איתרע פרייגדינען.
חולדה, }

אליעזר, דער זוהן פון דינאי, קנאים־פיהרער.

אלעקסאנדער, }
אבטליון, }
שמעון, } קנאים.
ערסטער, }
צווייטער, }

עמרם.

ערסטער, }
צווייטער, } איד פון עמרם'ס עולם.
דריטער, }

ערסטער ליעבהאבער.
צווייטער ליעבהאבער.
דריטער ליעבהאבער.
דער קנעכט אלעקסאנדערס.
קנאים, אידען.

ערסטער אַקט

אַ גרויס צימער אין מרים'ס הויז. אויף דער ערד ליעגט אליעזר האַלב־נאַקעט. אַ גערויש פון אַ סך שטימען דערוויטערט זיך. איזבל און חולדה שטעקען אריין די קעפּ אין דער אַריינגאַנגסטיר, קוקען זיך פאָר־זיכטיג ארום און טרעטען אריין אין צימער.

חולדה. אליעזר איז עס, דער זוהן פון דינאי.

איזבל. אליעזר איז עס געוועזען. זעה, ווי בלייך ער איז. זיי האָבען איהם געטויט.

חולדה. ער לעבט, ער אָטעמט.

איזבל. זיי האָבען איהם נישט גאַנץ דערשלאָגען, הייסט עס.

חולדה. לעגען מיר איהם אין בעט אריין.

איזבל. דאָס בעט איז יעצט נישט ווייכער ווי די ברעטער, אויף וועלכע ער ליעגט.

חולדה. איך מאַך דאָס בעט צורעכט, איך מאַך איהם גלייך אַ ווייך געלעגער. (זי העבט אויף דאָס בעטגעוואַנד, וואָס ליעגט צו־שטרויט איבערן צימער, און לעגט עס אריין אין בעט.) יעצט קום און העלף מיר, איהם אין בעט אריינצולעגען.

איזבל. אַך, קראַנקע מענער האָבען מיין הארץ קיינמאָל נישט געהאַט. זאָל ער ליעגען, וואו ער ליעגט. ער האָט זיין שטראָף פערדיענט. פאַר וואָס האָט ער זיך געלאָזט דערטאַפּען?

חולדה (העבט אליעזר'ן). קום, זיי גוט, און לאַכען וועסטו פון איהם שפּעטער. (שלעפּט איהם.)

איזבל. איז דאָס אליעזר דער העלד? איז דאָס דער זוהן

פון דינאי? די הענד אראבגעלאזען, דאס געזיכט טויט־בלייך. אויף וועלכען שלאכטפעלד ביזטו דאס געפאלען, גבור פון יהודה? איך פיהל, איך וואלט אין נאז איהם יעצט געשנעלט.

חולדה. דו ווערסט דיך נישט דערוועגען. טרעט אב, ווען דו ווילסט מיר נישט העלפען. אויך יעצט איז ער אליעזר דער זוהן פון דינאי, און איין שוואכע מינוט מעקט זיין שטארקייט נאך נישט אויס.

איזבל. א טויטער ליב! וואס איז א טויטער ליב? איך האב נישט איינמאל שוין א טויטען ליב מיט מיין פוס גע־קלאפט.

חולדה (ארויגלעגענדיג אליעזר'ן אין בעט). ער ליגט בלויז אין חלשות. וואו האט ער נאר געקראגען פון זיי דעם קלאפ? איך זעה אויף איהם קיין סימן נישט. ווילסטו מיר נישט העלפען אויפמינטערן איהם?

איזבל. דא שטעהט נאך וויין נישט אויסגעטרונקען. גיס איהם אין מויל אריין, וועט ער שוין וואך ווערען. געברויך קיין וואסער נישט, ער קאן זיך נאך בעליידיגען. פיעלייכט קאן עס איהם נאך פערשאטען. איך וועל איהם אבער דריקען פאר דער נאז. איהם וועט עס שמערצען, מיך וועט עס פרעהען.

חולדה (גיסט איהם דעם וויין אין מויל אריין און רייבט איהם די ברוסט, אבשטויסענדיג איזבל'ן). דו ריהרסט איהם נישט אן. דו ביזט זעהר שלעכט.

אליעזר (אטעמט שווער אויף).

חולדה. ער קומט צו זיך! ער קומט צו זיך!

איזבל. וואס פאר א טיעפער קרעכץ! אך־ך־ך־ך!

אליעזר. אה וועה, דער קאפ!

חולדה. דער קאפ טוט איהם וועה. איך לעג איהם וואסער צו.

איזבל. וויין! — נא, דער וועט שוין לעבען. אבער מרים...

חולדה. זי איז געווים שוין טויט יעצט. אונטער שטיינער גאנץ פערשאָטען. וואָלט איך נישט מורא געהאט, וואָלט איך געלאָפען זעהן.

איזבל. וואָס איז צו זעהן? פריער אָדער שפּעטער וועלען זיי זיך אויף אונז אויך דערמאנען, און מיר וועלען עס אליין דערלעבען.

חולדה. אך, רעד נישט אזוי! זאָג עס נישט ארוים אין א בייזער שעה.

איזבל. אך, וואָס! די קאַץ האָט ליעב צו נאשען און נעמט די שטראָף אויך אָן פאר גוט. דו ווייסט, וואָס עס קומט פאר אשת־איש׳עריי, און זינדיגסט דאָך.

חולדה. מיין מאן האָט מיך פערלאָזען און קומט נישט מעהר צו מיר.

איזבל. ביזט דאָך נישט ווענינער אשת־איש, ווי איך און מרים, וואָס מיר האָבען אונזערע מענער פערלאָזען. ווייסט עס גוט אליין און וויל דיך נישט אונשולדיג מאכען.

חולדה. איך מיין, איך ווייס אליין נישט.

איזבל. עס ציהט אונז צו דער זינד, און שטראָף האָט נאָך קיינעם נישט אָבגעהאלטען פון פערברעכען. די צעהן געבאָט — ווער האָט זיי גאנץ ווען אויסגעהאלטען? סדום און עמורה זיינען אומגעקומען, דער מבול האָט אָבגעשווענקט אלץ, וואָס האָט געלעבט אויף דער ערד — דאָך נייע דורות זיינען אויפגעשטאנען צו אלטע און נייע זינד.

חולדה. האָסטו דעם נייעם נביא פּרעדיגען געהערט?

איזבל. איך וועל מיך היטען. נביאים זיינען קיינמאָל נישט געוועזען קיין גרזעלשאפט פאר מיר, און זייער קרייז האָב איך שטענדיג אויסגעמידען. לאנגווייליגקייט איז די איינציגע זינד, פאר וועלכער איך האָב מורא.

חולדה. עס לויפט די גאנצע שטאָדט איהם הערען, און וואונדער דערצעהלט מען פון איהם איבער וואונדער.

איזבל. דארף איך זיינע וואונדער האבען? וועלען זיינע דרשות מיר דאס לעבען רייכער מאכען אין גענוס?

חולדה. מען זאגט, ער איז אליהו...

איזבל. ער ליעגט דיר טיעף אין זינען, שיינט'ס מיר. וואס רעדסטו אזויפיעל פון איהם? האסט דו שוין זיינע דרשות געהערט?

חולדה. ניין, איך האב מורא געהאט. איינמאל נאר בין איך פון ווייטען געשטאנען, און געציטערט אין מיר האט יעדער אבר. אבער איך האב מיר א סך געלאזט דערצעהלען...

איזבל. דערצעהל מיר נאר נישט איבער. זעה, אליעזר האט זיינע אויגען אויפגעעפענט.

אליעזר (ארומקוקענדיג זיך). וואו איז מרים?

חולדה. זי איז — — — —

איזבל. מען האט זי אוועקגעפיהרט.

אליעזר (זעצט זיך שנעל אויף). אוועקגעפיהרט? ווער?!

איזבל. נו, די, וועלכע האבען דיך געשלאגען.

אליעזר. האב איך'ס נישט גע'חלום'ט! — וואוהין האט מען זי אוועקגעפיהרט?

איזבל. איהר איהר שטראף צו טאן.

אליעזר (אויפשפרינגענדיג און ארומקוקענדיג זיך נאך זיינע קליידער). דאס זאל נישט געשעהן!

איזבל. עס וועט שוין זיין צו שפעט.

אליעזר. אה, מיין קאפ! פערפלוכט! עס שווינדעלט מיר אין די אויגען. (פאלט אויס'ן בעט.)

איזבל. זעה דעם העלד! דעם לעבענסרעטער!

אליעזר. אבגרונד און גיהנום! איך האב שוין שווערע וואונדען לייכט פערטראגען. און גראד יעצט...

איזבל. האסט דאך גאר קיין וואונד נישט!

אליעזר. מען האט מיר אין טיעפען שלאף א קלאפ אין קאפ געגעבען — בין אויפגעשפרונגען נישט טויט נישט לעבעדיג —

און קוים האָב איך די אויגען אויפגעעפענט און דערזעהן פאר זיך אַן עולם, בין איך געפאלען, פערלאָזען פון מיינע זינען. אה, דריי מאָל פערפלוכט, וואָס איך קאָן נאָך איצט צו מיר נישט קומען. מען וועט זי טויטען געווים! מען וועט זי טויטען געווים!

איזבל. חולדה, זעה, ער איז דאָך פערצווייפעלט! חולדה, זעה, ער זאָגט נישט: גאָט זיי דאנק, מיט אַ זונה ווענינער אין ישראל!

אליעזר. מרים'ען וועלען זיי טויטען, וויב! מרים'ען!

איזבל. איז מרים דען קיין זונה נישט געוועזען?

אליעזר. וואָס ווייסטו פון מרים'ען, נקבה?

איזבל. אָהאָ!

אליעזר. איז דאָס דיין גאנצער ענטפער, בין איך צו־פריעדען. דו ווייסט אליין, דו קאָנסט דיך מיט איהר נישט פער־גלייכען.

חולדה. איך האָב זי שטענדיג געהאלטען איבער מיר און שטענדיג איהר אין די אויגען ארייננעקוקט. איך האָב געוואָלט איהר נאָכטאָן, און וויים, איך בין אין דעם נישט גליקליך געוועזען.

אליעזר. דו ביזט אַ טרייע נשמה.

איזבל. אַ גרויסער נאר!

חולדה. דו אליין האָסט איהר מקנא געוועזען און שטילער־הייט איהר נאָכגעמאכט.

אליעזר. די קאץ דער לויבינטע. עס איז אַ כישוף געלעגען אין דער מרים...

איזבל. אַ כישוף! האהאהא! פאר אייער איינעם איז גענוג נאר וויב צו זיין.

אליעזר. אַ וואונדערבארער רייץ...

חולדה. עטוואָס... עטוואָס...

איזבל. גוט געזאָגט!

חולדה. עטוואָס, וואָס איך האָב נישט אין מיר און וואָס

פעהלט אויך דיר אין גאנצען. עטוואס, וואס איז אין גאנצען מרים'ס.

איזבעל. דו שווייג שוין בעסער און לאז דאס רעדען איהם. ער וועט נישט גליקליכער זיין פאר דיר אין קלארקייט.

אליעזר. זונה, דו וועסט מיך טאקע שווער פערשטעהן. דאס איז פאר דיין ווערזען, ווי פארבען פאר א בלינדען.

איזבעל. פערגעס נאר דיין שווערען קאפ נישט, דו גבור אין ישראל. רעד געלאסענער.

אליעזר. דו ווילסט נישט הערען, עס איז דיין שאנד. ווייסט דו, וואס הייסט זונה זיין און אין ליעבע אויפגעהן גאנץ? אין איהרע ארמס פלעגט מען גאנץ פערגעסען, ווער זי איז, און די לאסקעס פון דער ריינסטער פרוי זיינען הארציגער נישט געווע־זען. ווען איך בין געגאנגען צו איהר, האב איך געטראכט, ווען איך בעגעגענען ארויסגעהענדיג פון איהר, און דאס האט מיך גערייצט. אבער איין בליק פון איהרע אויגען האט מיך פערטרא־גען ווייט פון וועלט און מענשען, און איך האב די פארגיינגער נישט גערענקט. איהר יעדע בעוועגונג, איהר יעדע בעריהרונג, איהר קוס, איהר בליק, איהר רעדען — דער גרעסטער נחת רוח פאר גייסט און קערפער. אך, וואס מען האט זי אוועקגענומען פון מיינע ארמס צו די שטיינער, איז באלד א טרייסט פאר מיר. בין איך איהר ערסטער און איהר איינציגער נישט געוועזען, בין איך דאך געוועזען איהר לעצטער. איך קאן מיך ריהמען, איך בין גע־וועזען דער לעצטער, וועלכער האט אויסגענאסען די רייכע ליעבע־קוואל פון מרים פון מגדלה. דאך, אז זי זאל אוועקגעפיהרט ווערען צום טויט...

חולדה (שפרינגט אויף). אך, איך וועל דאך לויפען און זעהן, וואו און ווי. (איילט ארויס.)

איזבל (שרייט איהר נאך.) דו היט זיך בלויז און פאל אליין נישט אונטער אונטער דעם הויפען שטיינער.

אליעזר. פון מיינע אָרמס אַוועקגעפיהרט ווערען צום טויט און איך זאָל זי נישט פערטיידיגען...

איזבל. דו גרויסער העלד! זיינען אויך מאַנכביל געווע־זען צווישען די, וועלכע האָבען דיך היינט געשלאָגען, אָדער זיינען עס געוועזען בלויז ווייבער?

אליעזר. דו שלאַנגענצונג, גיב נאָך צו דיין שפּייעכטס צו מיין שאַנד און שמערץ!

איזבל. וויפיעל הרוגים האָסטו היינט אַוועקגעלעגט? אין צעהנדליגער אָדער אין הונדערטער? דו גרויסער אליעזר, זוהן פון דינאי! העי, ווער וויל זעהן דעם קנאים־פיהרער נאָך דער גרויסער מלחמה, וועלכע ער האָט היינט געהאַלטען?! דאָ ליגט ער שטאָלץ און מוטיג — פונקען שפּריצען זיינע אויגען — — — —

אליעזר. שריי נאָר, שריי נאָר, דו הויל פון פוילנים! דו טוסט מיר גוט! (שפּרינגט אויף.) איך פיהל, מיינע כחות זאַמ־לען זיך. גלייך וועל איך דיר דיין שנויץ פערשטאָפּען.

איזבל. אַה, דיינע כחות זאַמלען זיך! קומט די לוסט אויך צו דיר צוזאַמען מיט די כחות? ווילסטו מיך אפשר גלייך פערהערען אין דער קונסט צו ליעבען? אפשר בעזיץ איך זי נאָך מעהר ווי מרים? אפשר וועט די הויל פון פוילנים בעגנעדיגט זיין פון דיר בעשפּייט צו ווערען און דיך דאָך צוציהען?

אליעזר. ווייב, ביזט גאַנץ אויסער זיך. געה און לאָז פון דיר אַרויסטרייבען דעם בייזען רוח. מיינע הענד זיינען מיה צו רייִן און — — —

חולדה (לויפט אַריין, פרעהליך פאַטשענדיג מיט די הענד). מען האָט זי אַוועקגעפיהרט צום נייעם נביא! זי לעבט! זי לעבט!

אליעזר. קומט מרים גלייך אַהער? איז זי אויפ׳ן וועג? (טוט זיך שנעל אָן.)

חולדה. איך האָב מרים׳ען נישט געזעהן.

איזבל. פון וואַנען ווייסטו, אַז זי לעבט?

חולדה. מען האָט זי דאָך אוועקגעפיהרט צום נייעם נביא!

איזבל (צולאכט זיך).

אליעזר. ביזטו ביים זינען, ווייב? וועט דיין נייער נביא זיך אָננעמען פאַר אַן אשת־איש? ער וועט זי פער׳משפט׳ען נאָכ׳ן דין.

חולדה. ער האָט שוין געלאָזען אַ פּאָר מאָל מחלל שבת זיין אויך.

אליעזר. מיינסטו, ער וועט געפינען אַ היתר אויף אשת־איש׳ערייַ? האהא! דאַן וועל איך זיין אָנהענגער גלייך און באלד, כאָטש איך האָב מיר דעם היתר שוין לאנג אליין געמאַכט.

חולדה. איך וויים נישט, וואָס ער וועט טאָן. איך וויים נאָר, אז זי וועט נישט געטויט ווערען. איך וויים נאָר — — —

מרים (קומט אריין. שטיל, טרוים־וואנדלעריש. דאָס לאנגע האָר צוואָרפען און צושויבערט איבער׳ן רוקען, דאָס העמד אראָבגע־לאָזען איבער איין אקסעל, באָרפוס).

אליעזר (פרייודיג איבערראַשט). מרים!

איזבל. זעה, אָט איז זי טאַקע!

חולדה. מרים! (אין עקסטאַזע.) זי לעבט! זי לעבט! דער נייער נביא האָט זי געראַטעוועט, צום לעבען אומגעקערט! דער נייער נביא — — —

מרים. קענסטו דעם נייעם נביא?

חולדה. ניין. איך קען איהם נישט. בין אויך נאָהענט לעבען איהם נישט געשטאַנען. אָבער מיט איהם איז פול די גאַנצע שטאָדט, און איך האָב אַ סך פון איהם געהערט. ער טוט גרויסע וואונדער אויף, און זיינע רעד געווינען איהם אלץ מעהר צוהערער און הערצער.

מרים. פאַר וואָס ביזטו ביי איהם קיין מאָל נישט גע־וועזען?

חולדה. איך האָב מורא. איך פיהל מיך פאַר אַ גרויסע זינדיגערין. איך שעם מיך.

מרים. פיעלייכט וואלסטו אויפגעהערט דאן זינדיגעריז צו זיין.

איזבל. אך, הערט דאך אויף פון איהם! דערצעהל דאך בעסער, ווי ביזטו ניצול געווארען, ווי האסטו דיך ארויסגעדרעהט.

אליעזר. איך וואלט געקאנט דיך אויפהעבען יעצט אויף מיינע הענד און שרייען הויך פאר גרויסער פרייד איבער דיין רע־טונג, כאטש איך שעם מיך, וואס נישט איך בין געווען דיין רעטעה און דיר נישט בייגעשטאנען אין דער מינוט פון טויטגעפאהר.

מרים. איהר רעדט אלע, ווי איך וואלט אין טויטגעפאהר געוועזען, און איך האב דעם טויט נאך פאר מיינע אויגען נישט געזעהן.

איזבל. ווי? אין די הענד נישט פון דער ווילדער מאסע?

מרים. ניין. איך בין גאנץ רוהיג מיט זיי געגאנגען, בין קיין איין מאמענט פערצווייפעלט נישט געוועזען, און שרעק און מורא זיינען געוועזען ווייט פון מיר.

אליעזר. דאס איז דיר עהנליך!

חולדה. דו האסט געוואוסט פון דעם נייעם נביא?

מרים. איך האב צוערסט נאר נישט געוואוסט, אז מען פיהרט מיך צו איהם, אבער איך האב געגלויבט אין מיר, אין מיינע אויגען, אין די קראפט פון מיינע בליקען. נאר איין פרייען מאָ־מענט אויף ארייגצוקוקען די מענער אין די אויגען און איך בין גע־ראטעוועט, און זאל עס זיין אפילו אין דעם מאמענט, ווען זיי ווע־לען אויפהעבען אויף מיר די טויטליכע שטיינער.

איזבל. און ווי, ווען דו וואלסט דעם פרייען מאמענט נישט בעקומען?

מרים. קיין מאן וואלט נישט ארויסגעלאזען אויף מיר זיין שטיין, איידער ער וואלט א קוק געטאן מיר אין געזיכט. און איך בין געגאנגען מיט א שמייכעל אויף די ליפען, און עס איז מיר גע־וועזען, ווי איך וואלט צום טאנץ געגאנגען. איך האב מיך געזעהן שטעהן אין מיין האלב־נאקעטקייט, נישט אלס געפאנגענע און צום

טויט געפּיהרטע, נאָר אַלס הערשערין און בעגליקערין. איין בליק פון מיינע אויגען וועט זיי בעזיעגען, וועט אוועקנעמען זייער ווילען, וועט אָבשוואַכען זייערע הענד. איך בין די איינציגע פרוי, דער גאַנצער נקבה־מין, די ווענוס און די ליעבע. די מענער וועלען זיך נישט דערוועגען מיך צו פערניכטען. מיט שרעק וועלען זיי אָב־טרעטען פאַר מיר און מיט ברענענדיגער לוסט אין אַלע זייערע גליעדער. און וועלען זיי מיך אויך פערשטייניגען, וועט עס זיין אין לוסט־עקסטאַזע, פון מיר ווילד אויפגעשטורמט. דאָס איז דער פּאַסענדסטער טויט פאַר מיר...

אליעזר. מרים!

איזבל. איך האָב געוואוסט, דו ביזט פערנאַרט אין דיר. דאָך אז דו ביזט עס אַזוי ווייט, האָט זיך מיר אפילו נישט גע־חלום׳ט.

מרים. מען האָט מיך געהאַלטען פוןביידע זייטען פאַר מיינע נאַקעטע אַרמס, און דאָס איז געווען די תאוה׳דיגסטע אומ־אַרמונג. זיי האָבען זיך געשלאָגען, ווער עס זאָל מיך פיהרען, און יונג און אַלט, זיי האָבען אַלע עס געוואָלט.

אליעזר. האָבען זיך די הענד מיט שטיינער אויפגע־הויבען?

מרים. אַזוי ווייט איז עס נישט געקומען. מען האָט מיך אוועקגעפיהרט צום נייעם נביא.

תולדה. ער האָט דיך געראַטעוועט!

איזבל. אונטער דער מאַכט פון דיינע בליקען?

מרים. מיינע בליקען זיינען צושמאָלצען געוואָרען אונטער זיינע, ווי שטאָל אין א גרויסען פייער. זיי זיינען צוקלאַפּט גע־וואָרען אָן זיינע, ווי שפּיזען אָן א שטאַרקען פּאַנציר. און בעשעמט און צובראָכען האָבען זיי זיך אומגעקערט צוריק אין זייערע שייד־דען, און איך האָב פאַר איהם אַראָבגעלאָזען מיינע אויגען.

איזבל. דעם מאַן מוז איך געהן מיר אָנזעהן!

חולדה. אָה, דער נייער נביא!... דערצעהל דאָך, דער־צעהל, ווי איז דאָס צוגעגאנגען.

מרים. דאָס וויל איך אויך, איך וויל עס פאר מיר אליין, איך וויל אין עפּעס קלאָר ווערען, עפּעס בעגרייפען...

חולדה. אה! אה!

איזבל. הער דו דאָך מיט דיין התפּעלות אויף! לאָז זי שוין דערצעהלען.

חולדה. יאָ, יאָ, מרים'טייערע, מיין איינציגע!

מרים (נאָך אַ ווײַלע שווייגען). ווען איך האָב דערוואוסט, אז מען פיהרט מיך צו דעם גלילי, האָב איך אין מיר געלאכט. וואָס איז מיר דער איינער, און מאָג ער זיין א לעהרער און א נביא? איך קען אזעלכע הימעל־פּרעדיגער, און נישט איינמאָל שוין האָב איך מיין מאכט אויף זיי פּרובירט. איך האָב זייער פרומקייט ווי שפּינוועבס לייכט צוריסען, און זייער שטראָפּענדיגע צונג פאר א ליגנערין געמאכט. און ווען דער גלילי איז אויך איינער פון גאָטס געטרייסטע, איך וועל איהם דאָך בעזיעגען, אונטער מיינע בליקען וועט זיין צונג ווי אָבגענומען ווערען. זיי וועלען איהם אויפזידען זיין בלוט, ווי די שטראלען פון דער תמוז־זון, מבלבל זיין זיינע רעיונות ווי אלטער וויין, און מאכען איהם צו פערגעסען די תורה און משה'ן און גאָט.

חולדה. אָה וועה! אָה וועה!

מרים. ער איז געוועזען אין בית־המקדש, און א גרויסער עולם האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רעד. „לאָזט דורך, לאָזט דורך! — האָבען מיינע פיהרער הויך געשריען. — „מיר קומען מיט א הארבער שאלה.“ דער עולם האָט זיך פערנאנדערגעטיילט פאר אונז, און ער האָט איבערגעריסען זיינע רעד און אָנגעקוקט אונז מיט צוויי גאנץ מערקווירדיגע אויגען. פון ערגעץ ווייט און טיעף האָבען זיי געקוקט אויף מיר און מיינע בעגלייטער, און עס איז געוועזען, ווי ער וואָלט די הארבע שאלה שוין געוואוסט. א צארטער, פיינער איראָניע־שמייכעל האָט דורכגעשוועבט אויף זיינע

ליפּען, דאָך זיין געזיכט איז געבליבען רוהיג און נאָר זיינע טיעפע אויגען האָבען די שאלה ארויסגעפּאָדערט. און עס זיינען ארויס פאר איהם מיינע פּיהרער מיט אזעלכע רעד: „לעהרער — האָבען זיי געזאָגט, — די דאָזיגע אשת־איש איז געכאפּט געוואָרען אין איהר זינד. משה האָט אונז אָנגעזאָגט, אז אזא מוז פערשטייניגט ווערען; וואָס זאָגסט דו?“ און איך האָב אָנגעגרייט מיינע אויגען און אויפגעשטעלט זיך אין מיין גאנצער גרויס און העזה. האלב־נאקעט ווי איך בין, האָב איך מיין קערפּער נישט פערדעקט און די נאקעטע ברוסט נאָך העכער אויפגעהויבען. צו מלחמה שנעל, דו פרעדיגער פון דער הימעל־מלוכה! אויף צום שטומען שטרייט, דו שיסער מיט תורה־ווערטער! ווי ועסטו באלד מבולבל ווערען, און דיינע קני וועלען ציטערען פאר געהיימער לוסט! העב דיינע טיעפע אויגען אויף, איך מוז קוסען זיי מיט מיינע!... אָבער ער האָט זיך גאָר איינגעבויגען און אָנגעהויבען צו שרייבען עפּעס אויף דער ערד. וואָס זאָל עס זיין? וויים ער די סכנה, וועלכע שוועבט איבער איהם פון מיינע אויגען? וויל ער אויסמיידען מיין בליק?! איך האָב בעזיעגט מיין נייגיריגקייט און מיך איינגעהאלטען נאָכצוקוקען זיין שרייבענדיגער האנד. דאָס איז א תרופה ביי איהם מיינע בליקען אָבצושוואכען, און די וועט איהם נישט געלינגען, און איך האָב מיינע אויגען נישט אָבגעווענדט פון זיין געזיכט. עס האָט געברענט אין זיי דאָס גאנצע פייער פון גיהנום, און איך האָב איהם מיט זיי געשרפ'עט. איך מוז צוציהען זיין בליק אויף מיר, ער מוז אויף מיר א קוק טאָן. איין מאָמענט נאָר אויג אין אויג, איין מאָמענט נאָר שטומער מאַן־און־ווייב־קאמפּף! אָבער ער האָט זיך אויפגעהויבען און מיך נישט אָנגעקוקט. ער האָט נאָר מיט א דורכדרינגענדיגען בליק בעקוקט דעם עולם פאר זיך. און עס איז געוועזען, ווי בייטשען וואָלטען זיך אויף זיי ארויפגעלעגט, און זיי האָבען זיך אלע ווי צונויפגעקאָרטשעט. און דאן האָט ער אויפגעטאָן זיין מויל און ארויסגערעדט — אך, די שטימע וועל איך קיינמאָל נישט פערגעסען און נישט דעם אויסדרוק פון זיין

נעזיכט. די בלייכע באקען האבען ווי פלאמען אויפגעפלאקערט, די טיעפע אויגען האבען בליצען פון זיך געווארפען, און די שטימע, העל און שטארק, אין אנהעב הייזעריגליך, האט די הערצער אויפ־געשווידערט.

חולדה. וואס האט ער געזאגט? ! וואס האט ער גע־זאגט? !

מרים (ווי זי וואלט געוואלט נאכרעדען די שטימע). ווער אונטער אייך איז אהן זינד, דער זאל ווארפען אויף איהר דעם ערד־סטען שטיין!

אליעזר. אה־ה־ה! וואונדערבאר! דאס האט ער גוט געזאגט!

חולדה (גאנץ אויסער זיך פאר התפעלות, פאטשט מיט די הענד). אה, דער גרויסער נביא! ער איז אליהו! ער איז אליהו!

(פאלט אויף די קני, לעגט צונויף די הענד, ווי אין געבעט, מיט א ברייטען גליקליכען שמייכעל אויף איהר געזיכט.)

איזבל (צולאכט זיך). די איז גאר משוגע געווארען!

אליעזר. ווייטער, מרים, ווייטער!

מרים. און ער האט זיך ווידער איינגעבויגען און אנגע־הויבען צו שרייבען אויף דער ערד.

אליעזר. אבער דו? אבער דיינע אנקלאגער? זייערע הענד האבען זיך נישט אויפגעהויבען?...

מרים. אנטלאפען זיינען זיי, די אלטע און די יונגע, די בכבוד'ינע און די שפל'ע, ביז צולעצט בין איך געבליבען מיט איהם אליין. איך בין נישט אוועקגעגאנגען און האב אויך נישט אויפגעטאן מיין מויל פון העפליכקייט צו דאנקען איהם. איך בין נאר פון דעם איין פערלאנג אויסגעפילט געוועזען, ער זאל זיינע אויגען אויפהעבען צו מיר און בעגעגענען זיך מיט מיינע בליקען. דאס האט אין מיר געברענט, צונויפגעדריקט מיר מיינע ציינער און מיינע פינגער ווען נעקרעמפפט. דער מאן איז נישט־געוועהנ־ליך, ער מוז פערשפירען מיין מאכט.

חולדה (אראבלאזענדיג די צונויפגעלעגטע הענד). דאס האסטו נאך איצט געוואלט?

מרים. ער מוז אויפהעבען צו מיר זיינע אויגען און אויפשרייען אין זיך פאר הונגער צו מיר, ווי א הירשין נאך דער וואסערקוואל. און איך בין געשטאנען פאר איהם, ווי ווענוס אליין וואלט פערפיהרערישער פאר איהם נישט געשטאנען. און אט האט ער זיך אויפגעשטעלט און אויפגעהויבען זיינע אויגען. צוערסט האט ער זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואלט געזוכט דעם גאנצען עולם. און דאן האט ער אנגעשטעלט זיינע אויגען אויף מיר, מיט פרעמדע בליקען, ווי נישט פון דער וועלט גאר. „ווייב, — האט ער געזאגט — וואו זיינען זיי, דיינע פערקלאגער? האט דיך קיינער נישט בעשטראפט?“ „קיינער נישט, מיין האר,“ האב איך געענטפערט און שטארקער איינגעגעסען זיך אין איהם מיט מיינע אויגען. „וועל איך דיך אויך נישט בעשטראפען,“ האט ער געזאגט. און איך האב ביי מיר געטראכט: יעצט! יעצט! איך האב געמאכט א טריט צו איהם, ווי צו בעדאנקען איהם. אבער איך האב בלויז געוואלט, ער זאל מיין קערפער זעהן אין זיין בעוועגונג, דער ריח פון מיין הויט זאל דעם אטעם איהם בענעמען, און דאס פיינע ציטערן פון מיינע אדערן זאל דאס הארץ איהם מאכען שפרינגען. שארף און שטריינג האט ער אנגעשטעלט אויף מיר זיינע בליקען, און אין מיר האט עס אויפגעשריען פאר ענטציקונג. יעצט! יעצט! ווער וועט אויסהאלטען וועמעס בליקען? אה, באלד וועט ער אראבלאזען די זייניגע, די אנגעצונדענע לוסט וואס שנעלער צו בעהאלטען, און איך וועל איהם זאגען: „פריעדען מיט דיר. איך הייס מרים פון מגדלה!“ און אין געפיהל פון גרויסען זיעג, וועל איך מאיעסטעטיש־שטאלץ פון איהם אוועקגעהן און גאוה'דיג ארויפקוקען צום הימעל פאר נצחון. אבער פלוצלונג — — פוי! פוי! — — פלוצלונג האב איך דערפיהלט, אז מיינע אויגען ווערען מיר שוואך — ווי דורכגעברענט וואלטען זיי מיר געווארען! מיינע בליקען העבען זיך מיר אן אראב־

צולאָזען, ווי איך וואָלט אין דער זון אריינגעקוקט. איך ווער רויט, זיינע בליקען דרינגען מיך דורך, שטעכען דורך מיין הארץ! און איך! איך, מרים פון מגדלה, האָב דערפיהלט, אז איך העב מיך אָן צו שעמען! איך, מרים פון מגדלה, האָב מיך פערשעמט! צום ערסטען מאָל אין מיין איצטיגען לעבען זיינען מיינע באקען בע־דעקט געוואָרען מיט דער רויטקייט פון דער אינערליכסטער שע־מעוודיגקייט!

איזבל (לאַכט). מערקווירדיג!

חולדה. אליהו! אליהו!

מרים. פערשעמט און דערשלאָגען, ווי א קליין, בעשטראָפט מיידעלע, בין איך געשטאנען פאר איהם, גאנץ קראפטלאָז צו מאַ־כען א בעוועגונג אונטער זיינע בליקען־שטראלען. ווי פינגער זיי־נען זיי אריין צו מיר אין הארץ און נשמה און אלץ דאָרטין איבער־געקערט. מיין שטאָלץ איז גאנץ פערשוואונדען, מיין זעלבסט־בעוואוסטזיין האָט זיך אָבגעטאָן. איך האָב געוואָלט מיך צונויפ־נעמען און דעם שטומען קאמפף נאָך א מאָל פּרובירען. איך בין מרים פון מגדלה! איך בין א כהן גדול פון דער ליעבע! איך בין די זיגערין־ווייב! העלף מיר, אלמעכטיגע ווענוס! — — — — איין רגע נאָר — — — און איך בין ווידער צוריקגעזונקען אין מיין נישטיגקייט און שעמעוודיגקייט. וויפיעל האָט עס געדוי־ערט? מינוטען? שטונדען? וואָס איז די צייט אין טאָג? דאָ זאָגט ער מיר — אָך, די שטימע! די שטימע! — „געה, — זאָגט ער פעסט און דאָך מילד און צארט, — געה און זינדיג וויי־טער נישט מעהר.“ און געבראָכען און פערשעמט בין איך אוועק־געגאנגען פון איהם.

איזבל (לאַכענדיג). נו, און דו ועסט איהם פאָלגען? עס זעהט מיר אוים.

חולדה (ווי פאר זיך, וועגדענדיג זיך צו דער טיר, גאנץ פער־קלערט). יעצט האָב איך, דאכט זיך, מעהר פאר איהם קיין מורא

נישט. יעצט, דאכט זיך, קאָן איך געהן צו איהם. (געהט לאַנגזאַם אַרויס.)

איזבל. דאָ איז שוין די צווייטע. ווען עס זאָל ווייטער אַזוי געהן, בלייבט יהודה אָהן זונות, און וואָס וועלען אַזעלכע העלדען ווי אליעזר טאָן?

אליעזר. פרעה דיך, זונה, דו וועסט בלייבען אָהן קאָנ־קורענץ!

איזבל. אה, דאָס מוז איך געהן דערצעהלען ווייטער, און לאַכען וועל איך, ווי איך האָב שוין לאַנג אַזוי נישט געלאַכט. א גוטען טאָג אייך ביידען! זעצט אייך ביידע אויף דער ערד, שלאָגט אייך אין הארצען און טוט תשובה אויף אייערע זינד. ניצט אויס די געלעגענהייט, ווייל צו זינדיגען איז אייך סיי ווי סיי היינט פערגאַנגען דער אַפּעטיט. האהא! (געהט אַוועק.)

אליעזר. די פענסטער דאַרף מען אויפרייסען און רייניגען שנעל די לופט. פוי, די האָב איך קיינמאָל אויסשטעהן נישט גע־קאָנט. זי איז מעהר ווי א זונה און א רשות הרבים. זי איז אַן עקעל. ווי גוט, וואָס זי איז אוועק! — אך, און דו לעבסט, ביזט נישט געטויט, איך האָב דיין סקילה נישט אויף מיין געוויסען! דו זאָגסט מיר בלויז, ווער זיינען געוועזען אונזערע אָנפאַלער און ווי הייסען דיינע אַנקלאָגער. איך וועל די צבוע'קעס, וועלכע האָבען פאַר אייגענע זינד נישט דערוועגט זיך די האַנד אויף דיר אויפ־צוהעבען, פאַר זייער אָנפאַל גוט בעצאָלען. איך האָב נאָך קיינ־מאָל קיין קלאַפּ נישט געקראָגען, אויף וועלכען איך זאָל נישט ענטפערען מיט צעהן צוריק, און וואָס זיי האָבען מיר געגעבען אין מיין חלום, וועל איך הונדערטפאַך זיי אומקערען אויפ'ן וואָהר, זייערע קינדס־קינדער זאָלען עס געדענקען. ווי האָב איך גוט גע־שלאָפען נאָך אונזער ליעבע־נאַכט, — ניין, ליעבע־פריהמאָרגען, וואָרום דער מאָרגענשטערן איז העל שוין אויפגעגאַנגען, ווען איך בין היינט צו דיר געקומען און פאַר אונגעדולד די טיר געלאָזען נישט פערשלאָסען! ווי האָב איך זיס געטרוימט אויף דיין ווייַ־

כער ברוסט, גאנץ שיכור פון דיין ליעבע — — און אזוי אויפ־געוועקט צו ווערען! וועה צו די עזות־פנים'ער! דו רוף מיר זייערע נעמען אן, און היינט נאך וועלען זיי פון מיר זייער לוין בעקומען. און ווייסטו זייערע נעמען נישט, בעשרייב מיר זייערע געזיכטער, און איך וועל זיי שוין געפינען. ווייסטו זיי? — — — פאר וואס אזוי פערקלערט? — — וואוהין קוקסטו? וואס זעהסטו? — — קום דאך צו דיר. ווילסטו א קוס מיר געבען? פון דיינע קוסען, וועלכע זיינען זיסער מיר פאר וויין?

מרים (ציהענדיג די ווערטער). אליעזר, ווער איז דער דאזיגער מאן?

אליעזר. דער נוצרי? דער נייער נביא? דיין בעזיעגער, ווי דו מיינסט?

מרים. ווער איז דער דאזיגער מאן?

אליעזר. איך קען איהם נישט, אבער איך האב מיך שוין געוואלט מיט איהם בעקענען און אויף אן אופן, פאר איהם נישט זעהר אנגענעמען. ער האט געזאגט, מען זאל דעם קייזער געבען, וואס געהערט דעם קייזער. אזוי רעדט א רוימער־קנעכט, און בעשטראפט מוזען ווערען אזעלכע לעהרער. אבער דיין רעטונג...

מרים. ווער איז דער דאזיגער מאן?

אליעזר. ער איז, ווי ווייט איך ווייס, פון דעם אלטען הלל'ס תלמידים, און ענטוויקעלט ביז צום לעצטען פועל יוצא די גוטסקייט־לעהרען פון דעם גרויסען עניו. מענשען־ליעבע איז דער עיקר פון דער תורה און — —

מרים. ווער איז דער דאזיגער מאן, וועלכער האט מיך אזוי בעזיעגט און בעצוואונגען? איך האב געהאט א וועגוס־גלויבען אין מיר צונויפגעשטעלט...

אליעזר. א וועגוס־גלויבען?!..

אליעזר. אזוי זינדיג האָב איך דיך נישט געזעהן. עס גרוילט מיר באלד פאר דיר.

מרים. זינד ברײנגט צו זינד, אליעזר. איך האָב גאָט פון מיר פערשטויסען, אָבער װענוס האָט אין מיר געלעבט. און איך האָב געגלויבט, װענוס האָט פון איהר קראַפט מיר אָבגעטײלט און פאר א מענער־בעזיעגערין מיך געמאַכט. איך בין געבאָרען געוואָרען, אין די מענער ליידענשאַפט צו וועקען. קיין מאַן זאָל מיר נישט קאָנען ביישטעהן, און ווער עס קוקט אריין אין מיינע אויגען, מוז גלייך דערשפירען דעם שווידער פון דער לוסט. און דאָ קומט דער דאָזיגער מאַן און קוקט מיך אָן מיט אויגען, ווי ער וואָלט אין מיר, דער װענוס־פרוי, די נקבה נישט געזעהן, בעזיעגט מיך, בעשעמט מיך און צורייסט אין מיר מיין גלויבען.

אליעזר. דו האָסט געלעבט אין דאָפּעלטען טעות. עס טראָגט אין זיך יעדע פרוי אַן אויפרעגער פאר מענער...

מרים. עס איז די מדרגה, וועלכע מאַכט מיך פאר מיך.

אליעזר. און די מענער האָסטו בעאורטיילט נאָך דיינע בעזוכער. דער נוצרי איז זיכער נישט דער איינציגער מאַן, וועלכער האָט געקאָנט דיר ביישטעהן.

מרים. עס האָבען אָפּט פרומע פרושים אויסגעשפּיים פאר מיר, און גאָטספאָרכטיגע תורה־לערנער האָבען אויסגעמידען מיין וועג. איך האָב אָבער אין דעם אויסשפּייענים האַרץ־קלאַפּענים פערנומען, און מיידט מען אויס דעם וועג, פאר וועמען מען האָט נישט מורא?

אליעזר. זיי שפּייען אויס פאר יעדער זונה, און פאר יעדער פרוי וועלען זיי אויסמיידען דעם וועג. ווייל אין יעדער פרוי זעהען זיי די מעגליכע פערפיהרונג, און יעדע פרוי איז זיי אַן אָנשיקענים פון דעם יצר הרע.

מרים. וויעדער איז דאָס די מדרגה, אליעזר.

אליעזר. און דאָך... און דאָך... אונזער פאָלק איז רייך

מיט פרומע מענער, וועלכע וואָלטען דיך פאר דיין זינד פערשטיי־ניגט. דער נוצרי האָט דיך גאַנץ געוויס...

אלעקסאנדער (רייסט זיך אריין אין צימער, דערזעהט אליעזר'ן און גיט אַ טראָט צוריק). דו לעבסט? !

אליעזר. ווי דו זעהסט. ווי קומסטו דאָס צו פרעגען?

אלעקסאנדער. איך האָב געהערט, דו ביזט טויט, מען האָט דיך דאָ דערשלאָגען.

אליעזר. דו האָסט געהערט, ווייזט אויס, אַ פאַלשען קלאַנג.

אלעקסאנדער. הלואי וואָלט ער געוועזען אמת!

אליעזר. האהא!

אלעקסאנדער. הלואי וואָלט איך דיך אַ טויטען דאָ געפונען!

אליעזר. דאָס זאָגט מיין בעסטער פריינד?

אלעקסאנדער. ווען איך וואָלט אַ טויטען דיך געפונען, וואָלט איך געוויינט און ביטער דיך בעקלאָגט. דאָך דיין לעבען אין שאנד...

אליעזר (שטרייננ). דאָס זאָלסטו נישט זאָגען!

אלעקסאנדער. וועה, אז איך דארף דיך דאָ געפינען! אליעזר, ווי האָסטו... עס ברענט אין מיר אצינד... איך וואָלט גע־קאָנט יעצט וויינען... שרייען... פערניכטען וואָלט איך... (אָטעמט שווער, זיין ווילדער בליק פאלט אויף מרים'ען. ער דריקט צונויף די פויסטען און שיפּעט ארויס.) זונה, און דיך האָט מען נישט פער־שטייניגט? ! זיינען קיין שטיינער נישט געוועזען אין ירושלים? האָבען אָבגענומען ביי איהרע איינוואוינער די הענד?

מרים (רוהיג). פיהלסט דו דיך פריי פון זינד, טו דו עס.

אלעקסאנדער. איך וועל עס! גלייך אויפ'ן אָרט וועסט דו מיר, זונה, דיין טריפ'ע זעעל אויסהויכען! (כאפט ארויס זיין קינזשאל און ווארפט זיך צו איהר.)

אליעזר (שטעלט זיך צווישען איהם און מרים'ען) שטעה!

ווילסטו האנדלען מיט איהר נאך דעם דין, מוז איך געטויט ווע־רען גלייך מיט איהר. א מאן, וועלכער זינדיגט מיט אן אשת־איש, מוז שטארבען, דער זינדיגער מיט דער זינדיגערין.

אלעקסאנדער (קוקט איהם א ווײלע שארף אן און לאזט אראב דעם קינזשאל). איך וויל אליין דיין שופט נישט זיין. מיר וועלען מיט דיר נאך רעדען. (איילט ארויס.)

אליעזר (שווער אויפאטמענדיג). ה־הם! איך געה נאך איהם. איך וועל נישט לאזען לאנג זיי ווארטען, זיי זאלען נישט מיינען, אז איך האב פאר זייער משפט מורא. — — איבעריגענס, דו האסט געזעהן דעם אלעקסאנדער, און דאס איז איינער, וועל־כער וואלט געוויס געקאנט דיר ביישטעהן. זיין האנד האט נישט געציטערט, ווען ער האט אויפגעהויבען אויף דיר זיין קינזשאל, און קאנסט זיכער זיין, ער וואלט געוויס דיך דורכגעשטאכען. ווי יונג ער איז, און שטארק און היציג, איז ער א נזיר. פאר איהם לעבען קיין פרויען נישט, און קיין איינע קאן זיך נישט בעריהמען, אז זיין אויג האט גערוהט אויף איהר א גאנצען אויגענבליק. ער האט נאר איין ציעל פאר זיך אין לעבען, און איין געדאנק האט אהם אויסגעפילט. דאס איז — — (א גערויש פון א סך שטימען.) ווער זאל עס ווייטער זיין? (כאפט זיך פאר זיין שווערד.)

עמרם (לויפט אריין מיט עטליכע מענער הינטער איהם). וואו איז די אשת־איש? פערשטייניגט זי!

אליעזר (שטעלט זיך איהם ענטקעגען). וואס ווילסטו דא? ביזטו דער, וועלכער פיהלט זיך פריי פון זינד?

עמרם. הזר אונז ניט איבער דאס שווינדעל־ווארט פון דעם נוצרי! פריי פון זינד איז נאך קיינער קיינמאל ניט געווע־זען. אויך משה איז עס נישט געוועזען, און דאך האט גאט אויף סיני איהם פאר אונז דאס געזעץ איבערגעגעבען, אז אן אשת־איש זאל געטויט ווערען.

אליעזר. ווען דו פיהלסט דיך נישט פריי פון זינד, ווע־לען מיר פריער אויסגעפינען, וועלכע שטראף האסטו שוין לאנג

פערדיענט. משפט בעסער נישט, כדי דו זאָלסט נישט גע׳משפט ווערען.

עמרם. ווער ביזטו, וואָס דו נעמסט דיך אוים, די תורה אזוי צו שוועכען? ווען עס זאָל געפיהרט ווערען נאָך דיינע ווערטער, וואָס וועט ווערען מיט אונזער תורה? וואו וועסטו נע־מען די קראַפט אויף צו צווינגען די אידען צו טאָן גאָט׳ס געבאָט, און די מאכט צו האַלטען זיי אין צוים?

אליעזר. דאָס פרעג, ווען דו ווילסט, נישט מיך. איך בין דער יעניגער, וועלכער האָט מיט איהר דאָס אשת־איש־געבאָט געבראָכען, און איך ברעך אויך דאָס געבאָט פון בעשטראָפען. זי זאָל מיר נישט בעריהרט ווערען, אויב איך איז אייער לעבען ליעב, אויב איהר ווילט נישט האָבען צו טאָן מיט מיר.

עמרם. פערשטייניגט זיי ביידען! (זיינע לייט רינגלען איהם ארום און האַלטען איהם צוריק.)

איינער (שעפטשענדיג). דאָס איז אליעזר!

צווייטער. דער זוהן פון דינאי!

דריטער. מיר געהען בעסער אוועק!

עמרם (רייסט זיך פון זיי ארוים). פאר איהם האָט איהר אייך דערשראָקען, פאר גאָט האָט איהר קיין מורא נישט! טוט גאָט׳ס געבאָט! פערשטייניגט זיי! פערשטייניגט זיי! (וואַרפט איין שטיין אויף מרים׳ען און גלייך נאָך איינעם אויף אליעזר׳ן.)

מרים (בלייבט רוהיג שטעהן, נים אַראָבנעמענדיג די אויגען פון עמרם׳ען).

אליעזר (אויסווייכענדיג דעם שטיין, כאַפּט אָן עמרם׳ען, העבט איהם אויף און וואַרפט איהם אַרוים פון טיר. דאַן ווענדט ער זיך צו די איבעריגע מיט׳ן בלויזען שווערד). און איהר אלע, גלייך ארוים, איך זאָל אייך מיט מיין שווערד נישט אונטערהטרייבען און לויפען וועט איהר מוזען דאַן אויף אלע פיער. פערשווינדט וואָס שנעלער! (זיי העבען אָן צו ענטלויפען.)

עמרם (מיט אַ פערבלוטיגטען געזיכט, שטופּט זיך דורך דורך

די ענטלויפער). גאָטס קללה אויף אייך ביידען, פערפלוכט זאָלט איהר זיין פון דור צו דור! כרות־יאָהרען זאָלט איהר האָבען, ווי איהר ברייננט כרות־יאָהרען אויף אונזער פאָלק און אונזער לאנד!

אליעזר. דו געהסט מיר גלייך אוועק אָדער...

עמרם. יא, טויט מיך, און מיין בלוט זאָל שרייען אויף אייך צום הימעל, אויב מיינע קללות דערגרייכען נישט אהין!

אליעזר (איינשטעקענדיג זיין שווערד). ניין, איך וועל דיך פאר א קדוש נישט מאכען, דו ביזט דאָך בלויז א נאר. (העבט איהם אויף און פערשווינדט מיט איהם. מען הערט עמרם׳ס זיך דער־ווייטערנדיגע קולות. אַ ווייטע מיר ווערט שטאַרק צוגעקלאַפּט. שטווי־נער פאלען אין די ווייטע מיר. דאַן ווערט שטיל.)

אליעזר (קומט צוריק). דער עמרם פאסט, דאכט זיך, זעקס טעג אין וואָך און איז נאָך אזוי שווער. דאָס האָט ער נאָך אלע פון דעם קעסט ביי זיין רייכען טיש. — — נא, וועט נאָך עמיץ אנדערם קומען? עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו שיטען די, וועלכע ווילען זיך א מצוה פערדיענען אין דיין טויט, ווי זיי וואָלטען גע־וואָלט דיין טעות דיר בעווייזען. יעצט קאָן איך נישט אוועקגעהן מעהר פון דיר, און וואָלט דאָך געוואָלט אלעקסאנדער׳ן אויפזוכען.

מרים. קאָנסט רוהיג געהן.

אליעזר. שלים אלע טירען צו. פערשפּרעכסטו מיר? און ועסטו א קוש מיר געבען צום אבשייד?

מרים. ווילסטו א קוש אָהן נשמה אין איהם?

אליעזר. איך וויל מיר די אין־דער־פריה׳דיגע נישט פערדארבען. אָבער דו פערגעס, וואָס דו האָסט היינט געהאט, און קום צו זיך. איך בין ביי דיר אין אָווענד ווידער און וויל מיין הייסע מרים האָבען. בלייב אין פריעדען. (געהט אַוועק.)

מרים (נאך א לאנגען שווייגען). האב איך א טעות גע־
האט? איז אליעזר גערעכט? (שטעלט זיך אין טיר.) ווער קומט
נאך מיך צו טויטען, מיך צו פערניכטען? קומט עמיץ ווידער?
(נאך א ווײלע שטילען ווארטען, געהט זי אב פון דער טיר.) ווענוס,
ביזטו נישט אלמעכטיג? — — איך גיב מיך נאך נישט אונטער!
איך וויל נאך קעמפפען! איך וויל נאך קעמפפען!...

צווייטער אַקט

ערסטע סצענע

ביי אַלעקסאַנדער'ן. — אַ גרופּע קנאים, שטעהענדיג, זיצענדיג, ליעגענ־דיג אויף רוה־בעטען. אבטליון און שמעון זיצען ביי אַ טיש, אַלעקסאַנדער שטעהט פאַר זיי.

אלעקסאנדער (דערצעהלענדיג אויפגערעגט). ...און איך האָב דעם קינזשאַל צוריק אַראָבגעלאָזען. איך האָב אַליין זיין שופט נישט געוואָלט זיין.

אבטליון. דו ביזט געוועזן צו איהם צו שוואַך.

אלעקסאנדער. ער איז מיין בעסטער פריינד און איז געוועזן מיין לעהרער.

אבטליון. דאָס זיינען נישט קיין ווערטער פון א טרייען קנאי, און נישט די רעד פון א רעכטען איד.

שמעון. דו ביזט צו שטרייננג, אבטליון.

אבטליון. זיין משפט און זיין פסק, זיי שטעהען פעסט אין דער תורה. ער האָט מיט אן אשת איש געזינדיגט. (פּראָ־טעסט־שטימען. לאַכען.)

שמעון. דו זעהסט, דו ביזט דער איינציגער צווישען אונז, וועלכער וואָלט פאַר אשת־איש'עריי אליעזר'ן געטויט.

אבטליון. עס איז די תורה טויט אין אייערע הערצער, און גאָטס וואָרט לעבט נישט מעהר אין אייך.

שמעון. מיר ווילען זיך מיט דיר, דעם אלטען שמאי'ס תלמיד, אין גאָטספאַרכטיגקייט נישט מעסטען. מיר זיינען דער עיקר קנאים, און אונזער קאַמפּף איז געגען די רוימער און געגען די רוימער־קנעכט.

אבטליון. ערסט רעכט האָט אלעקסאנדער די שטראָף

אויספיהרען געדארפט. מיר האבען אונז פנחס'ן גענומען פאר א ביישפיעל, ווי אהרן'ס אייניקעל ווילען מיר קנאים זיין. האט ער געוואָרט אויף א משפט, ווען ער האט זמרי'ן אנגעטראָפען מיט דער מדין־פרוי? ער האט זיין שפיעז נאר אויפגעהויבען און ביי־דען גלייך דערשטאָכען.

אלעקסאנדער. איך האב אן פנחס'ן געדאכט און דאך דעם קינזשאל אראבגעלאָזען.

שמעון. און האסט אויך גוט געטאָן. ווער איז געוועזען זמרי, סלוא'ס זוהן?

אבטליון. א נשיא איז ער געוועזען אין דעם שבט שמעון.

שמעון. דאך מיר קענען בלויז זיין זינד, נישט זיינע מעשים טובים. אבער דינאי'ס זוהן — —

אבטליון. מיט היינטיגען טאָג האט ער זיך אליין צו־שטערט.

שמעון. דאס מוז ערסט גע'משפט ווערען.

שטימען. גערעכט! גערעכט! — שמעון איז גערעכט!

שמעון. דאס מוז אבגעוואָגען און אבגעמאָסטען ווערען. אין אונז אלעמען לעבט אליעזר'ס גייסט, ער איז אונזער קאָפּ, און דער ווילען איז ער, וועלכער פיהרט מיט אונזער האנד. איז ער מיט היינטיגען טאָג אזוי שעדליך און איבעריג אונז געוואָרען, אז ער מוז פון וועג שנעל אבגעראמט ווערען?

אבטליון. דאס איז ער גאנץ בעשטימט! ער האט זיך געמאכט צו שאנד און שפאָט און אונז אראבגעצויגען אין זיין שמוץ. זעהט, וועט מען זאָגען, זעהט די רעטער פון אונזער פאָלק, די בעפרייער פון אונזער לאנד. זייערע געדאנקען זייגען זנות, און ביי זונות פערברייגגען זיי זייערע טעג און פערשווענדען זייער קראפט. רוים קאן רוהיג פון זיי שלאָפען, ווייל אידען אליין וועלען זיי צושלאָגען אין די הייזער פון אשת־איש'ען. וועה אונז, וואס ער איז נאך א פיהרער! ווען דער פיהרער איז אזוי, וואס זאל

מען זאָגען אויף די געפיהרטע! מיר מוזען אָבוואַשען פון אונז דעם פלעק, מיר מוזען צייגען, אז מיר זיינען נישט איינס מיט איהם...

שמעון. און אָבראַמען איהם פון וועג צום גרעסטען פער־בניגען פון די רוימער און די רוימער־קנעכט. זיי ווינשען לאַנג שוין אליעזר׳ס טויט, און קיין גרעסערען געפאַלען וועט מען זיי נישט קאָנען טאָן.

שטימען. ריכטיג! ריכטיג!

ערסטער קנאי (ליעגענדיג אויף א רוה־בעט). ווער עס וויל אליעזר׳ס טויט, איז אונזער פיינד!

אבטליון (שפרינגט אויף). מיינט מען אפשר מיך? ווער האָט עס געזאָגט?

ערסטער קנאי (אויפזעצענדיג זיך). ווער עס וויל אליעזר׳ס טויט, איז אונזער פיינד!

אבטליון (כאַפּט זיך פאַר זיין קינזשאַל). דאָס בעצאָהל איך דיר גלייך!

ערסטער קנאי (שפרינגט אויף). גוט, דו קום אהער נאָר, בעקומסט ביי מיר דעם אויסגאָב!

שמעון. רוהיג! די קינזשאַלען אין די גארטלען! (צו אבטליונ׳ען.) האָסטו בעטראַכט, וואָס דו האָסט געוואָלט טאָן? באַלד וואָלט מען געזאָגט: פאַסט־אויף, די קנאים וועלען זיך אליין אויסשלאַכטען! און די פרייד פון אונזערע פיינד וואָלט געוועזען פאַר פול.

אבטליון. איך וועל נישט לאָזען מיך בעליידיגען!

אלעקסאנדער. יעצט זעה איך געווי, אין וואָס אליעזר׳ס זינד בעשטעהט און ווי זי דאַרף גע׳משפט ווערען. יעצט זעה איך זי טיעפער פיעל, און זעה זי אין איהר גאַנציער גרויס. אָבער זיין פערברעכען איז — —

אליעזר (קומט אריין). דאָ בין איך. בין צו אייער משפט געקומען, אייער שטראָף אויף זיך צו נעמען. מיך צו משפט׳ען

האט איהר זיך דאך געווים אהער פערזאמעלט. האט איהר מיין שטראף שוין אבגעטראכט? אדער האלט איהר נאך אין מיטען משפט'ען? — אבער הייסט דאס משפט'ען? זיצען שופטים דען אזוי? זיצט אזוי א סנהדרין? ווייסט איהר נישט, אז די הויפטזאך ביי א משפט איז דאס זיצפלייש און דער עיקר איז נאר, ווי מען זיצט?

א ב ט ל י ו ן. ער שפאסט, ער מאכט צו נארען אונז.

א ל י ע ז ר. ניין, איך בין יעצט זעהר ערנסט, נישט ווע־ניגער פאר אייך. צוזעצט אייך גלייך אין האלבען קרייז, מיר זא־לען קאנען שארף אנקוקען זיך. דאס איז דאך זעהר וויכטיג. דאן קלייבט א קטיגור אויס און בעשטימט אויך א סניגור. זאל איך אליין מיין מליץ יושר זיין אדער וויל זיך ווער אננעמען פאר מיר?

צ ווייטער ק נ א י. דאס האט שמעון שוין געטאן.

א ל י ע ז ר. שמעון? א דאנק דיר, ברודער, לאז דיין האנד דיר דריקען. איך וויים, גאט האט דיך געבענשט מיט א שארפער צונג ווי מיט א שארפען שווערד. דא קאן איך רוהיג זיין. — און ווער איז מיין אנקלאגער געוועזען? שמאי'ס תלמיד גאנץ געווים, דער געבארענער קטיגור!

א ב ט ל י ו ן. איך ווינש, איך וואלט דיין תליון אויך גע־וועזען, אשת־איש'ניק!

א ל י ע ז ר (מאכט צו איהם א בעוועגונג, האלט זיך אבער איין, שמייכעלט אב און ווענדט זיך צו אלעקסאנדער'ן). נא, און דו, מיין ליעבער אלעקסאנדער? יעצט ביזטו נישט אליין —

צ ווייטער ק נ א י. גראד ביזטו אריין, ווען ער האט אונז געוואלט דערקלערען דיין זינד, ווי גרוים זי איז, און ווי שווער איז דיין פערברעכען.

א ל י ע ז ר. דאן בין איך געקומען צו דער רעכטער צייט. יעצט זעץ איך מיך שטיל דא אין מיין זינדיגער־ווינקעל און הער.

א ל ע ק ס א נ ד ע ר. און לאכסט!

אליעזר. ווען דו וועסט זעהר רוהיג זיין.

אלעקסאנדער. דאָך איך האָב מיך נישט נעגען איהם אליין געוואָלט ווענדען, נאָר אנקלאגען האָב איך אייך אַלעמען געוואָלט.

שטימען. אַלעמען ? !

אלעקסאנדער. אַ־לעמען... יא, אַלעמען. זיין פער־ברעכען איז אייער אַלעמענס פערברעכען.

ערסטער קנאי. דאָס ווערט שוין אינטערעסאנט.

אליעזר. זינדיגע, צו מיר שנעל אין מיין ווינקעל !

אלעקסאנדער. דו וועסט מיך מיט דיין שפּאס נישט אָבהאַלטען פון רעדען.

אליעזר. דאָס וויל איך גאָר נישט. דו רעד דיך אויס, איך וועל שוין רוהיג זיין. איך וויים, וואוהין דו ציעלסט, און עס איז וויכטיג, דאָס זאָל איינמאָל אויסגעשפּראָכען ווערען. מאַך עס קורץ נאָר, אויב דו קאָנסט.

אלעקסאנדער. איך וועל עס מאַכען קירצער, ווי דו דענקסט. — איהר אַלע ווילט אייך אין אונזער גרויסען קאַמפּף נישט גאַנץ פערגעסען. עפּעס טראָגט איהר אַלע אין זיך איבער אונזער זאַך — —

אליעזר. קירצער און דייטליכער: מיר אַלע האָבען מענשליכע שוואַכקייטען.

אלעקסאנדער. און אין דעם ליעגט די גרעסטע סכנה פאַר אונז, מיט דעם פער'משפּט איהר אונזער זאַך צום טויט, אונ־זער קאַמפּף צו א זיכערער מפּלה. אונזער פיינד איז גרויס און שטאַרק, און מיר זיינען ווינציג. מיט וואָס קאָנען מיר איהם בע־זיעגען, אויב נישט מיט אויפגעהן גאַנץ אין דעם קאַמפּף מיט איהם ? עס פּאַסט דעם רוימער שוואַכקייטען צו האָבען און זיינע שוואַכקייטען נאָכצוגעהן און נאָכצוגעבען, און וואָס מעהר ער וועט זיי האָבען און וואָס מעהר ער וועט זיי נאָכגעבען, אַלץ בע־סער איז פאַר אונז. מיר אָבער טאָרען פון שוואַכקייטען נישט

וויסען, וועלכע שוואכען אונז די כחות אָב. אליעזר האָט היים בלוט און שיינע פרויען מאַכען עס נאָך הייסער.

דריטער קנאי. דער עיקר נאָך, די שיינע מרים פון מגדלה.

אליעזר (קרעכצט אויף). אך, יא!

אלעקסאנדער. און איז היינט שיער נישט אומגעקומען.

אליעזר. דאָס וועט זיך מעהר מיט מיר נישט טרעפען.

דריטער קנאי. וועסט צו פרויען מעהר נישט געהן?

אליעזר. ניין, איך וועל ווייטער די טיר נישט לאָזען נישט־פערשלאָסען.

אלעקסאנדער. אבטליון יאָגט נאָך כבוד זיך און ווערט אין כעס לייכט. ביי דער קלענסטער געלעגענהייט ציהט ער שוין זיין שווערד געגען אונזערע אייגענע.

אבטליון. ווילסטו, פערשטאָפּ איך אויך דיר גלייך דאָס מויל!

אלעקסאנדער. שמעון ליעבט גאָר נישט זעלטען א טרונק צו טאָן מעהר, ווי פיעל זיין קערפּער קאָן פערטראָגען.

שמעון. פערנאכלעסיג איך צוליעב דעם מיין פליכט? ווער קאָן מיר אזא פאָרוואורף מאַכען?

אלעקסאנדער. איהר האָט עס קיינער נישט ביז יעצט, אלע האָט איהר אייערע פליכטען טריי געטאָן. און דאָך — קעמפּ־פער מיט שוואכקייטען דאַרפען בלייבען אין דער היים, מיט זיי געהט מען אין מלחמה נישט. פריער אָדער שפּעטער וועלען זיי מוזען אן אונגליק ווערען.

אליעזר. דו ווילסט בלייבען גאַנץ אליין, שיינט'ס!

אלעקסאנדער. איך וועל מיר אויסזוכען חברים אָהן שוואכקייטען, אָדער איהר וועט אייך מוזען גאַנץ פערגעסען, ווי איך האָב מיך פערגעסען.

אליעזר. חברים אָהן שוואכקייטען, אלעקסאנדער, וועסטו לײדער לאַנג מוזען זוכען.

ערסטער קנאי. וועט אויך נישט געפינען.

אליעזר. און אז מיר אלע זאָלען נאָכטאָן דיר און אויס־טאָן זיך פון זיך אליין —

שמעון. דאָס דארף ער גאָר נישט וועלען.

אליעזר. אך, וועלען מאָג ער שוין!

שמעון. ווען ער איז פארבען־בלינד און דערקענט קיין פארבען נישט, דארף ער נישט פאָרדערען, אז אלע ארום איהם זאָלען קיין פארבען נישט דערקענען. ווען ער איז טויב און מוזיק דערפרעהט איהם נישט, דארף ער נישט וועלען, אז קיינעמס הארץ זאָל זיך נישט דערוואַרמען פון שיינע פיעדעלטענער. און ווען זיין הארץ, צום ביישפיעל, איז צו פרויען קאלט, ווייל דער חוש פון פרויענליעבע ליגט טויט אין איהם, קאָן ער די פאָרדערונג נישט שטעלען, אז אויך מיר זאָלען אייזיג זיין צו פרויען.

אליעזר. ער קאָן און דארף, שמעון. נאָר מיר — — — —

שמעון. ניין, ער קאָן פון קיינעם קיין קרבן נישט פאָר־דערען דאָרטין, וואו איהם קאָסט גאָר קיין קרבן נישט!

שטימען. ריכטיג! ריכטיג!

אלעקסאנדער. בין איך נישט פלייש און בלוט? שלאָגט אין מיר נישט קיין ווארם הארץ? בין איך פון אן אנדער שטאָף, ווי איהר? פאר וואָס איז מיין הארץ צו פרויען קאלט, און מיין זין איז אָבגעקערט פון אלע תענוגים? איך געהער אין גאנצען צו מיין פאָלק און לעב מיין לעבען נאָר פאר אונזער לאנד. דאָס גאנצע פייער אין מיר ברענט פאר אונזער בעפרייאונג און אלע תענוגים זיינען מיר פערבאָטען. קאָן איך מיך אונזער ציעל אין גאנצען אוועקגעבען, פאר וואָס זאָלט איהר נישט קאָנען? מיר שטעהען טעגליך אין מלחמה, ווי קאָנט איהר נאָכגעהן נאָך אייערע שוואכקייטען? ווען איהר זייט קראנק, האָט איהר אין קאָפּ נאָר אייער קראנקהייט און ווי זי שנעל צו היילען. אונזער פאָלק איז קראנק, און נאָר זיין קריינק דארפען מיר אין זינען האָבען און

זיין שנעלע רפואה. ווילט איהר דעם פיינד בעזיעגען, מוזט איהר אלע אייערע כחות זאמלען, גאַרנישט אַן א זייט פערשווענדען — — —

דער קנעכט (קומט אַריין; צו אַלעקסאַנדער׳ן). א פרוי שטעהט דרויסען און וויל מיט דיר רעדען.

אלעקסאנדער. א פרוי? צו מיר?

שטימען. א פרוי?

אלעקסאנדער. איך האָב מיט איהר נישט וואָס צו רעדען.

דער קנעכט. זי זאָגט, זי מוז דיך זעהן.

אלעקסאנדער. מוז איך דען, ווען זי מוז? איך האָב מיט פרויען נישט צו טאָן. געה זאָג איהר....

מרים (קומט אַריין, דאָס געזיכט פערדעקט, נאָר די אויגען שיינען ארויס). זאָג עס מיר אליין. (בעוועגונג. די ליעגענדיגע זעצען זיך אויף. דער קנעכט רוקט זיך ארויס.)

אליעזר (שפּרינגט אויף, מאַכט א טריט צו מרים׳ען, האַלט זיך אָבער צוריק).

אלעקסאנדער. וואָס ביזטו אריינגעקומען, ווען איך האָב נאָך דיר נישט געשיקט?!

מרים. איך האָב קיין געדולד נישט געהאַט צו ווארטען.

אלעקסאנדער. ווער ביזטו? וואָס דארפסטו דאָ ביי מיר?

מרים. דאָס קאָן איך דיר זאָגען נאָר אויג אויף אויג.

אלעקסאנדער. מיינסט דאָך נישט, איך זאָל מיינע פריינד אוועקשיקען....

מרים. דאָס מיין איך גאַנץ געוויס.

אלעקסאנדער. דאַן קאָנסטו געהן צוריק! איך האָב מיט דיר קיין סודות נישט.

מרים. די סודות זיינען אין גאנצען מיינע און מיר אליין נוגע.

אלעקסאנדער. דאן געהען זיי מיך גישט אָן, און איך וויל זיי אויך נישט וויסען.

מרים. דאָך, דו וועסט מוזען אויסהערען מיך.

אליעזר (ווינקט צו די אַנדערע און רוקט זיך ארויס פון טיר. די אַנדערע געהען איהם נאָך).

אלעקסאנדער. איהר געהט נישט אוועק! איך בלייב נישט אליין מיט איהר! איהר גלויבט דאָך גישט... איך געה מיט אייך!

מרים (פערשטעלט איהם די טיר). דו געהסט נישט אוועק! דו געהסט נישט אוועק! (דעקט אויף איהר געזיכט.)

אלעקסאנדער (שפרינגט אָב). דו?!

מרים. איך.

אלעקסאנדער. דאָ ביי מיר?!

מרים. דאָ ביי דיר.

אלעקסאנדער. דאָס איז מעהר, וויפיעל דו האָסט געקאָנט פערברעכען. איך נעם דיך פאר דייגע האָר און שלעפּ דיך ארויס אין מיטען גאס, אויפ׳ן מיטען מארק, און מיין קינזשאַל אין דיין טריפ׳ער ברוסט זאָל עדות זאָגען, אז איך האָב דיך צו מיר נישט איינגעלאדען.

מרים. טו עס. איך ווארט אויף דיר.

אלעקסאנדער. זונה און טאָכטער פון א זונה!

מרים. מיין מוטער שילט נישט.

אלעקסאנדער. פערשאָלטען דער בויך, וועלכער האָט דיך געבאָרען!

מרים. אזוי יונג און אזוי שטריינג.

אלעקסאנדער. וואָס ביזטו געקומען צו מיר? וואָס זוכסטו דאָ ביי מיר?

מרים. א רעטענים.

אלעקסאנדער. איך פערגיב קיין רעטעניסען נישט און

פערענטפער זיי נישט. זוך קליגערע פאַר מיר. געה פון מיין הויז. מיינע אויערען זיינען פערמאכט פאַר דיינע סודות.

מרים. פאַר וואָס פּיהרסטו נישט אוים אויף מיר, וואָס דו האָסט געזאָגט? נעם מיך פאַר מיינע האָר — זעהסט, איך לאָז זיי פערנאַנדער — און שלעפּ מיך ארוים אין גאַס, אין מיטען מארק, און טויט מיך.

אלעקסאנדער. קאָנסטו צוויי טויטען שטארבען?

מרים. ניין.

אלעקסאנדער. ווען איך זאָל דיך טויטען פאַר דיין פערברעכען, וואָס דו ביזט אריבערגעטראָטען מיין שוועל, ווי זאָל איך דיך טויטען פאַר דיין זנות און פאַר דיין פערפיהרען אונזערע בעסטע מענער?

מרים. שטראָף מיך פאַר מיין גרעסטע עברה.

אלעקסאנדער. דיינע עברות שרייען אלע גלייך צום הימעל.

מרים. דאן דערשטעך מיך פאַר דאָס פערברעכען, וואָס איך בין בעגאַנגען געגען דיר.

אלעקסאנדער. וואָס ביזטו געקומען רייצען מיך? געה דיין וועג!

מרים. האַלט, וואָס דו האָסט געזאָגט.

אלעקסאנדער. געה פון מיר! איך קאָן עס נישט!

מרים. דו קאָנסט עס נישט? אויך דיין האַנד העבט זיך נישט אויף געגען מיר?

אלעקסאנדער. זי האָט זיך שוין איינמאָל אויפגע־הויבען. דו ווייסט עס גוט אליין.

מרים. פאַר וואָס קאָנסטו עס יעצט נישט?

אלעקסאנדער. איך האָב אליעזר'ן נישט בעשטראָפט און קאָן אויך דיין בעשטראָפען נישט זיין.

מרים. איך פערדיען דעם טויט פיעל מעהר. איך בין די פערפיהרערין, ווי דיין מויל אליין האָט עס געזאָגט, און איך האָב

דיין שוועל אריבערגעטראָטען. טויט מיך, אָדער איך וועל זאָגען, אלעקסאנדערס האנד האָט זיך נישט אויפגעהויבען געגען דער שיי־נער מרים, ווען ער האָט זיך נעהנטער צוגעקוקט צו איהר.

אלעקסאנדער. דער זונה'ס זינדען־מויל וועט עס קיי־נער קיינמאָל נישט גלויבען.

מרים. איך וועל נאָך זאָגען, אז ער האָט מורא געהאט צו קוקען איהר אין די אויגען, איהרע בליקען זאָלען זיין הארץ נישט פערוואונדען.

אלעקסאנדער. דאָס ווילסטו ?! (ער טרעט נעהנטער צו און עגבוירט זיך אריין אין איהר מיט די אויגען. זיי שטעהען ביידע א ווייל שטיל.)

מרים. יעצט האָסטו געדארפט נעמען דיין קינזשאל און דערשטעכען מיך. אזוי פיעל האס און פעראכטונג אין דיינע אויגען. דערשטעך מיך דאָך.

אלעקסאנדער. געה און זאָג יעצט, אז איך האָב מורא געהאט פאר דיינע אויגען. אָבער געה שנעל און פערלאָז מיין הויז.

מרים. איך וועל זאָגען, אז א דיקען שלייער פון כעס און בייזקייט האָט ער ווי א פאנצער ארויפגעלעגט אויף זיינע אויגען, אָבער צולעצט זיינען זיינע בליקען דאָך נישט אזוי שארף געוועזען ווי אין אנהעב. וועל איך א ליגען זאָגען ? — דו שווייגסט ? — איך וועל זאָגען, אז אלעקסאנדער'ס האנד האָט זיך נישט אויפ־געהויבען מיך צו טויטען, כאָטש ער האָט זיך אזוי בעריהמט, ער וועט עס טאָן. איך וועל זאָגען, אז אלעקסאנדער, וועלכער איז אזוי בעקאנט מיט זיין צניעות, איז בלויז א צבועק.

אלעקסאנדער. אצינד אָבער פערמאך איך ווירקליך דיין טמא מויל אויף אייביג ! (כאפט ארויס זיין קינזשאל.)

מרים (דעקט אויף איהר ברוסט). טו עס נאָר !

אלעקסאנדער (בלייבט שטעהן, ווי געבלענדט).

מרים. נו ?

אלעקסאנדער (שטאַמעלט קוים ארויס). זונה! (קערט זיך אַב פון איהר.)

מרים. דיין האנד האָט זיך דאָך אראָבגעלאָזען.

אלעקסאנדער. וואָס ביזטו געקומען צו מיר?

מרים. אַ רעטענים צו זוכען און אן ענטפער אויף אַ רע־טענים. באַלד האָב איך, וואָס איך זוך.

אלעקסאנדער. דאַן געה דאָך.

מרים. איך האָב עס נאָך נישט גאַנץ.

אלעקסאנדער. רעד מיר קלאָר, וואָס דו ווילסט.

מרים. איך דארף עס מיר קלאָר מאַכען, נישט דיר, און ביסלעכווייז ווערט עס מיר.

אלעקסאנדער. פאַר וואָס האָסטו מיך אויסגעקליבען, צו זוכען ביי מיר, וואָס דו זוכסט?

מרים. דו ביזט נישט דער איינציגער.

אלעקסאנדער. דאַן געה דאָך צו די אנדערע!

מרים. האָב נאָר געדולד.

אלעקסאנדער (טאַפּעט־אויף ווילד מיט'ן פוס. קערט זיך אום צו דער וואַנד, שטעהענדיג ביים רוה־בעט).

מרים. אזוי ווערט עס לייכטער דויערן.

אלעקסאנדער. איך רוף דעם קנעכט אריין — —

מרים. ער זאָל דיר העלפען אין דיין שוואַכקייט.

אלעקסאנדער (קלאַפּט מיט'ן פוס).

מרים (נאָך אַ קליינעם שווייגען). איך בין מיד פון היינ־טיגען טאָג, דארף איך מיך צוזעצען? אָדער מאָג איך מיך אויף אַ קליינע ווייִלע אריינלעגען אין דיין בעט?

אלעקסאנדער (דרעהט זיך האַסטיג אום). זונה, דאָס ווערסטו גאַנץ געוויס נישט!

מרים. דאָך — דו האָסט דיך אומגעדרעהט.

אלעקסאנדער (גאַנץ הייזעריג). יעצט אָבער געה!

מרים. איך וויל דיך עפּעס פרעגען.

אלעקסאנדער (טאפּעט מיט זיין פּוס). דעק צו דיין ברוסט!

מרים. וועסטו מיר אן ענטפער געבען?

אלעקסאנדער. רעד!

מרים. פאר וואָס האָסטו מיך פריער נישט דורכגעשטאָכען, ווען איך האָב מיין ברוסט אָבגעדעקט פאר דיר? — איך מוז עס וויסען. דו ביזט בעקאנט פאר זעהר מוטיג, און פאר א רויבער־ברוסט וואָלסטו געוויס דיין האנד מאכטלאָז נישט אראָבגעלאָזען. — איך מוז עס וויסען.

אלעקסאנדער (קוים וואָס עד רעדט ארויס). איך האָב נאָך קיינמאָל קיין נאקטע פרויענברוסט נישט געזעהן.

מרים. האָסטו קיינמאָל, אויך צופעליג, קיין זונה נישט געזעהן ביי איהר פענסטער?

אלעקסאנדער. איך האָב קיינמאָל אהינצו נישט געקוקט.

מרים. האָסטו סטאטועז נישט געזעהן, און בילדער אויך נישט, רוימישע און גריכישע?

אלעקסאנדער. איך האָב א ווענוס־סטאטוע געזעהן.

מרים (ענטציקט). יא?!

אלעקסאנדער (קוקט אויף). וואָס ווילסטו ווייטער וויסען?

מרים. ביזטו אויך פאר ווענוס אָבגעשפּרונגען?

אלעקסאנדער. איך האָב די ווענוס מיט מיין האנד צוטרימערט.

מרים. פאר וואָס ביזטו שטעהן געבליבען פאר מיר?

אלעקסאנדער (שווייגט).

מרים. ווייסט, איך בין א ווענוס־דיענערין.

אלעקסאנדער. איך ווייס, דו ביזט די טומאה אליין.

מרים. און אלע מענער מוזען זיך פאר מיר בוקען.

אלעקסאנדער. ביזטו אפשר דערפאר געקומען צו מיר?

מרים. יא.

אלעקסאנדער (פון צווישען די ציינער). יעצט — וועל איך — אָבער...

מרים. גוט, איך וועל מיך אויפדעקען פאר דיר און דו צו־טרימער מיך, ווי דו האָסט די נאקעטע געטין צוטרימערט.

אלעקסאנדער (שפּרינגט אָב מיט שרעק). טו עס נישט!

מרים. און אז איך וועל עס?

אלעקסאנדער. וואָס ווילסטו פון מיר?!

מרים. דער שטאַרקער אלעקסאנדער וועט דאכט זיך וויינען באלד.

אלעקסאנדער. פאר כעס! פאר גרימצאָרן! (ווארפט זיך צו איהר מיט די פויסטען.) צוטרימערן וועל איך דיך!

מרים (וויל זיך אויפדעקען). טו עס נאָר! טו עס נאָר!

אלעקסאנדער (כאַפּט זיך פאַר'ן קאָפּ).

מרים. באלד האָב איך, וואָס איך זוך.

אלעקסאנדער (שיפּעט אַרויס). געה!

מרים. באלד בלויז האָב איך עס.

אלעקסאנדער. וואָס זאָל דאָס אלץ הייסען? וואָס זאָל דאָס אלץ בעדייטען?

מרים. איך קען איינעם, וועלכער האָט זיך פאר מיין נאקעטקייט נישט דערשראָקען, און פאר וועמעס בליקען איך האָב געמוזט אראָבלאָזען מיינע בליקען פערשעמטערהייט. מען האָט מיר געזאָגט, אז דו ביזט אויך אזא איינער. מען האָט מיר געזאָגט, אז אויך אויף דיר האָט דער יצר הרע גאָר קיין שליטה נישט. ביזטו אזא איינער?

אלעקסאנדער. וואָס געהט עס דיך אָן?

מרים. איך מוז וויסען, ווער פון אונז איז דער שטאַרקע־רער: דו צו איך?

אלעקסאנדער. האָסט גענוג געזעהן פון מיר. מאַך דיר דעם ענטפער אוים, ווי דו ווילסט.

מרים. איך וויל געוויסהייט.

אלעקסאנדער. ווי קאָן איך זי דיר פערשאַפען?

מרים. העב אויף דיינע אויגען און קוק אין מיינע גלייך אריין, ביז עס וועט זיין גענוג פאַר מיר.

אלעקסאנדער (מיט האַס). אין דיינע אויגען קוקען! (עגבוירט זיך אַריין אין איהר מיט די אויגען.)

מרים. יא, יא, אָט אזוי! אָט אזוי! זאמעל צונויף דיין גאנצען כעס, נעם צונויף דיין גאנצען האַס, דערהיץ דיך ביז צו ווילדקייט.

אלעקסאנדער. אָה, דאָס בין איך שוין!

מרים. פערגרעסער עס, אויב דאָס איז דיר מעגליך.

אלעקסאנדער. און דאן וועסטו אוועקגעהן?

מרים. א גלויבען צו דערהאַלטען אָדער א גלויבען צו פער־ליערען, אויב דו וועסט מיך אַ־פריער נישט דערשטעכען.

אלעקסאנדער. רעטענים איבער רעטענים!

מרים. מרים פון מגדלה איז שוין לאנג א רעטענים גע־ווען. (טרעט נעהנטער צו, אַז ער מוז פיהלען איהר אָטעם.)

אלעקסאנדער (קוקט איהר פעסט אין די אויגען, דריקט די ציין און קרעמפט די פינגער).

מרים (שפרייט די ארמס פערנאַנדער, ווי צום אומארמען. איהר מאַנטעל רוקט זיך אַראָב, איהר ברוסט העבט זיך שטאַרק פון שטאַרקען אָטמען, ליידענשאַפטליך). יעצט שטארבען! יעצט דורכ־שטאָכען ווערען! אלעקסאנדער! העב דאָך דיין האנד אויף!...

אלעקסאנדער (שוידערט אויף, העבט אָן שווער צו אָטמען, ווערט וואקליג און שרייט פלוצלונג אויף, ליידענשאַפטליך, ווילד, מיט שרעק און טרערען). מרים! (וואַרפט זיך אויף דאָס בעט און צו־וויינט זיך.)

מרים (מיט נצחון). אההה! (העבט שנעל אויף איהר מאַנ־טעל און ציהט זיך צוריק צו דער טיר.) דער איז מיין זיגנער נישט! די צאָל איז מיט איינעם ווינציגער געוואָרען!

צ ו ו י י ט ע ס צ ע נ ע

אַ הויל צווישען הויבע פעלזען. אַ שמאָל שטעגעל, וואָס דרעהט זיך בארג אַראָב פון לינקס נאָך רעכטס, פיהרט צו איהר.

ע מ ר ם *(זיצט אויף אַ שטיינערנעם געלעגער, קלאַפּט זיך אין קאָפּ און אָטעמט שווער).* מעהר קאָן איך נישט! מעהר קאָן איך נישט! — ערגער ווי אין סדום, שלעכטער ווי אין עמורה! טו דיין ווילען, גאָט, איך דארף דיך מעהר נישט אָבהאַלטען! דיינע געזעצען האָבען זיי פערמיאוסט, פון דיינע געבאָטען האָבען זיי זיך אָבגעקערט, דיינע אָנזאָגען טוען זיי נישט, דעם בונד מיט דיר האָבען זיי צושטערט. שטראָף זיי זיעבען מאָל זיעבען פאר זייערע זינד! ציה נישט לייגגער, גאָט צבאות, מאַך דעם סוף וואָס גיכער! שיק אַראָב דיין נקמה־שווערד און פערטיליג זיי פון אונטערן הימעל! *(בלייבט זיצען אונמעכטיג. באַלד ציטערט אויף זיין קערפּער פאר געוויין.)* גאָט מיין גאָט, בין איך נישט צו שטריינג געוועזען? דו גרויסער געדולדיגער, שטראָף מיין בייזע צונג, אָבער נישט דיין פאָלק. דו האָסט סדום פערדארבען נישט געוואָלט, ווען דו וואָלסט דאָרטען נאָר צעהן צדיקים געפונען. און ווען די זינד פון ירושלים זיינען אויך גרויס, האָב איך דאָך בלויז אַ ליגען געזאָגט, אַז זיי זיינען גרעסער פון סדום. ווועסטו נישט דיין שטאָדט ראַטעווען צוליעב די צדיקים, וועלכע וואוינען אין איהר? גאָט פון ישראל, זעה, דיין קנעכט קניט פאר דיר און שיקט צו דיר זיין תפלה מיט טרערען און תחנונים.

מ ר י ם *(בעווייזט זיך אויבען אויפ׳ן שטעגעל און געהט לאַנגזאם אַראָב, רעכטס אויפ׳ן פערקער בלייבט זי שטעהן און קוקט אַראָב צו עמרם׳ען).*

ע מ ר ם. האָסט מיר געהייסען, איך זאָל מיין רייך הויז פערלאָזען, מיין ווייב און מיינע קינדער, און איך האָב דיך גע־

פאָלגט. איך זאָל א פעל פון חיות אָנטאָן אויף זיך און צווישען וויסטע פעלזען וואוינען, און איך, דער מפונק פון קינדהייט אָן, טראָג א שווער פעל אויף מיר און הויז צווישען גרויע שטיינער. גאָט דער האר, לעג אויף מיר נאָך שווערערעס ארויף און איך וועל עס טאָן. נאָר ראטעווע דיין פאָלק, בעפריי דיין לאנד, מאַך נישט חרוב דיין הויז! האלט אויף דאָס פערניכטענדיגע שווערד און ציה צוריק דיין נקמה־נעמענדיגע האנד! (פערדעקט דאָס געזיכט מיט ביידע הענד און בלייבט ווי פערגליווערט.)

מרים. ווי הייליג איז דער מאן! איז נישט גאָט דאָ ארום איהם? דארף איך דאָ מיינע שיך נישט אראָבנעמען, ווייל הייליג איז דער אָרט? — ער טראָגט נאָך די וואונדען אויף זיך, וועלכע ער האָט פריער אין מיין הויז געקראָגען. דארף איך איהם נישט פאלען פאר די פיס און בעטען ביי איהם מחילה? — ווי ווערט מיר מאָדנע אזוי צו מוט! וואָס שטעה איך נאָך דאָ? וואָס וויל איך דאָ פון איהם? וואָס זאָל איך איהם זאָגען און וואָס זאָל איך מיט איהם רעדען? ווי קאָן איך יעצט וועלען דעם אזוי געפייניגטען נאָך מעהר פייניגען? ווי קאָן איך האָפען דאָ אויף זיעג? — אָך, באלד וויל איך עס, דער דאָ זאָל מיין זיעגער זיין. דאן מייד איך יענעם אוים. — דאן — מייד — איך — יענעם — אוים. — — — יענעם — — — (לויפט פלוצלונג אראָב און ווארפט זיך פאר עמרם'ען אויף די קני.) ראטעווע מיך!

עמרם (ציטערט אויף, נעמט אראָב די הענד פון געזיכט, קוקט אָן פערוואונדערט די קניענדיגע, דערקענט זי און שרייט אויף). די זינדיגע אשת־איש!

מרים. יא, די זינדיגע אשת־איש קניט יעצט פאר דיר און בעט דיך, דו זאָלסט זי ראטעווען פון זיך אליין!

עמרם. געה — און לאָז — דיך — פערשטייניגען!

מרים. ניין, נישט דאָס!

עמרם. געה און לאָז דיך פערשטייניגען. און דו און דאָס גאנצע אידישע פאָלק זיינען געראטעוועט פון דיר!

מרים. גאָט וויל נישט דעם טויט פון דעם רשע. ער וויל נאָר, ער זאָל אויפהערען צו זינדיגען. העלף מיר, ראַטעווע מיך, און איך בין קיין זינדיגערין נישט מעהר.

עמרם. גאָט האָט אָנגעזאָגט, אז די פרוי, וועלכע שענדט איהר מאַנס געלעגער, מוז געטויט ווערען. ווילסטו געראַטעוועט ווערען פון דיר אליין, דאַן טו דיר אָן א כח און געה ארויס אין מיטען מארק, שריי אויס, אז דו ביזט חייב מיתה, און לאָז דיך פערשטייניגען. און ווילסטו תשובה טאָן און טאָן נאָך גאָטס גע־באָט, דאַן געה און נעם אויף זיך זיין שטראָף.

מרים. פערשטויס מיך נישט פון דיר. תשובה פול אין הארצען שטעה איך יעצט פאר דיר, און עס איז אין דיין האנד צו ברייננען מיך צו א נייעם לעבען. עס זאָלען אלע אויף מיר ווייזען: זי איז געוועזען א שווערע זינדיגעריז, אָבער גאָט האָט איהר הארץ אומגעקערט צו גוטען און יעצט געהערט זי אין גאַנצען צו איהם. און גאָטס מעשים וועלען דורך דיר בעוואונדערט ווערען, און געהייליגט וועט ווערען זיין נאָמען.

עמרם. ווי שטאַרקער נאָך וועט ווירקען דיין טויט שטראָף, וועלכע דו וועסט מיט גוטען ווילען אויף דיר נעמען!

מרים. „איך וויל נישט שטאַרבען, נאָר לעבען און דער־צעהלען די מעשים פון גאָט. גאָט קאָן מיך בעשטראָפען, אָבער דעם טויט גיט ער מיך נישט איבער. עפען אויף די טויערן פון פרומ־קייט, איך וועל אריין אין זיי און גאָט דאַנקען.“

עמרם. ווער ביזטו, וואָס דו האָסט א צונג פול מיט גאָטס ווערטער און א נשמה שווער טריפענדיג פון זינד?

מרים. פון גאַנצען הארצען רוף איך צו דיר: ראַטעווע מיך פון מיר אליין! דו ווייסט גאַרנישט, ווי טיעף איך זיץ אין זינד!

עמרם. אשת־איש און זונה!

מרים. דאָס איז דער קלענסטער טייל בלויז.

עמרם. דער קלענסטער בלויז?!

מרים. און אויך בשוגג מעהר. עס האבען תורה־ווערטער מיך פערפיהרט.

עמרם. דו לעסטערין, וואס ווערסטו מעהר נאך זאגען?!

מרים. מיין פאטער איז געוועזען א גרויסער תורה־לערנער אין מגדלה און א פרומער מאן, וועלכער איז פרום געגאנגען אין גאטס וועגען. און פון איהם האב איך געהערט, אז קיין מצוה שטעהט נישט העכער פאר א מענשענלעבען. שבת, האט ער געזאגט, איז פון די מצוות די גרעסטע, און דאך איז א מענשענלעבען בילכער פיעל פאר שבת, און געהט עס א מענשענלעבען צו ראטעווען, הערט דער שבת אויף.

עמרם. פון הלל'ס תלמידים! א גרויסער גארטען איז אונזער תורה, און אום איהם אבצוהיטען מוז מען בויען א צוים ארום א צוים. הלל אבער און זיינע תלמידים האבען אבגעשוואכט די צוימען און עס האבען זיך אריינגעריסען אין אונזער לעבען אזעלכע שרעקליכע בעשעפעניסען, ווי דו!

מרים. דעם מענשענס לעבען איז דער יסוד פון דעם גאנצען בנין גאטס, האט ער געלערנט. און „ליעב דעם אנדערן ווי זיך אליין" איז דער הויפט־פונקט פון דער תורה.

עמרם. הלל! הלל! — דאך וואס האט עס מיט דיינע שווערע זינד צו טאן?

מרים. דו ווערסט עס הערען גלייך. עס האט מיך גאט געבענשט מיט שיינהייט — —

עמרם. געבענשט?!

מרים. און יאהרענלאנג האב איך געלעבט און איהם געלויבט פאר זיין בענשונג. ער זאל דאך געלויבט ווערען דערפאר, וואס ער האט אבגעטיילט פון זיין שיינהייט א חלק צו א בשר ודם?

עמרם. גאט, ווי זי שפאט!

מרים. אבער באלד איז איינער געקומען צו מיר, מיט טויט אין זיין הארצען און מיט טויט־געוועהר אין זיין האנד, און מיט געבעט האט ער זיך געווארפען פאר מיר און הארצרייסענד

ארויסגערעדט די שרעקליכע ווערטער: „געהער מיר, אָדער איך טויט מיך!״ — „איך טאָר נישט,״ האָב איך איהם געענט־פערט, „איך בין אן אשת־איש.״ דאָך ער האָט מיך נישט גע־וואָלט הערען און פאר מיינע ווערטער האָט ער פערמאַכט זיינע אויערן. „געהערסטו מיר נישט, טויט איך מיך און גלייך דאָ פאר דיינע אויגען.״ און ער האָט אויפגעהויבען צו זיין ברוסט זיין שווערד, דאָס דאָפּעלטגעשליפענע. וואָס האָב איך געזאָלט טאָן?

עמרם. דו פרעגסט?! דו אונפערשעמטע!

מרים. איז אשת־איש מעהר פאר שבת?

עמרם. ביזטו געקומען מיך צו פערלאַכען און דיין זנות ביי מיר צו הייליגען?!

מרים. איך דערצעהל דיר, ווי איך בין געוואָרען, וואָס איך בין.

עמרם. דו אויסוואורף, עס האָט אין דיר די לוסט גע־רעדט און די תאוה האָט דיך צו זינד געטריבען. ווען ער וואָלט צו דיר געקומען און דיר געזאָגט: גיב גיפטיג וואסער דיר אויף דאָס געזיכט, דיינע שיינע אויגען זאָלען בלינדע לעבער ווערען, דיינע ווייסע באַקען זאָלען ווי פון פייער אויסגעגעסען ווערען. פערניכט דיין שיינהייט אָדער איך טויט מיך!—וואָלסטו דאָס גע־טאָן און דאָס מענשענלעבען געראַטעוועט? דו האָסט נאָר געטאָן, נאָך וואָס דיין זינדיג הארץ האָט געביינקט און וואָס דיין זינדיגען גוף איז אנגענעם געוועזען.

מרים. אך, ער איז געוועזען יונג און שיין און קרעפטיג...

עמרם. אהאָ!

מרים. און איך האָב נישט געוואָלט, עס זאָל דורך מיר אַ בליהענד לעבען פערניכטעט ווערען.

עמרם. דו ביזט די זנות אליין!

מרים. און דאן זיינען אויך געקומען אנדערע מענער מיט פערצווייפלונג אין זייער הארצען און ווילדקייט אין זייערע אויגען און האָבען געשאָלטען מיך און מיין שיינהייט, ווייל זי האָט אוועק־

געראַבּט בײַ זײַ זײער רוה און צושטערט דעם פריעדען פון זײער נשמה. און איך האָב מיר געזאָגט אין מײַן הארצען: האָט מיך גאָט בעשאפען, איך זאָל א קללה זײַן אין לעבען אָדער א ברכה אויף דער וועלט? און איך האָב אויסגעמאַכט בײַ מיר, איך דאַרף נישט זײַן קײַן קללה.

עמרם. שווידערט, איהר הימלען!

מרים. איך האָב אָנגעהויבען צו פיהלען, אז איך בין געבאָרען געוואָרען די מענער צו בעגליקען, און וועננס איז געוואָרען מיר מײַן גאָט.

עמרם. וועה, וואָס איך הער! ערד, פערשלינג זי! פעלזען, בעגראָבּט זי אונטער אײַך!

מרים (נאָך א קלײַנעם געשפּאַנטען שווײַגען). די ערד האָט איהר מויל נישט אויפגעטאָן, און די פעלזען שטעהען שטארק. גאָט וויל מײַן טויט נישט.

עמרם. שרעקליכע, וואָס ביזטו געקומען צו מיר?!

מרים. דו זאָלסט מיך ראַטעווען פון מיר אַלײַן. עס האָט געלעבּט אין מיר א גלויבען, אז קײַן מאַן קאָן מיר נישט בײַשטעהן. איך בין אַלמעכטיג, און א בליק פון מײַנע אויגען מאכט יעדען מאַן זיך צאַפּלען אין מײַן נעץ. און דער דאָזיגער גלויבען האָט מיך אַלץ מעהר געטריבען אויף דעם וועג פון זינד. ער האָט געוועקט מײַן לוסט און איז געוועזען מײַן גרעסטע פרײד. דאָס איז געוועזען די פרייד פון א וואַלדפײַער, ווען עס זעהט קײַן סוף נישט צו זײַן פערצעהרונג. דאָך זאָל דער גלויבען אין מיר געבראָכען ווערען, דאַן בין איך מעהר די זונה נישט, דאַן בין איך נישט מעהר קײַן זינדיגערין. דו ביזט דער מאַן, וועלכער קאָן אין מיר מײַן גלויבען ברעכען. דו ביזט שטארק אין גאָט און ביזט דער אײַנציגער, וועלכער האָט אויף מיר זײַן האַנד אויפגעהויבען מיט א שטײַן און דעם שטײַן אויך געוואָרפען אויף מיר.

עמרם. פאַר וואָס איז מײַן וואָרף אַזוי שוואַך געוועזען און האָט דיך נישט געטויט!

מרים. גאָט וויל מיין טויט נישט. אויך מיין מאַן האָט מיט זיין שווערד מיך געוואָלט דערשטעכען און פערפעהלט זיין ציעל, און היינט אליין בין איך שוין עטליכע מאָל געראַטע־וועט געוואָרען פון טויט. עס איז דיר בעשערט מיין נשמה צו ראַטעווען.

עמרם. וואָס דו ווילסט איז הפקרות. דיך האָט דער שטן צו מיר געשיקט, דו זאָלסט מיך פערפיהרען.

מרים. דו פיהלסט דיך שטאַרק גענוג אין גאָט און האָסט פאַר דעם שטן מורא?

עמרם. אויך דער שטאַרקסטער זאָל זיך אָבהיטען פון א זאַך, וואָס קאָן איהם בריינגען צו אן עברה, און טעגליך בעט איך אין מיינע תפלות, איך זאָל אָבגעהיט ווערען דערפון.

מרים. עס זיצט א בייזער גייסט אין מיר, און דו קאָנסט איהם ארויסטרייבען. בעפריי מיך פון דעם שלעכטען געדאַנק, וואָס בעוועלטיגט מיך. טוסטו עס, בין איך געראַטעוועט, און דו האָסט אויפגעשטעלט א נשמה אין ישראל.

עמרם. עס רעדט דער שטן מיט דיינע ליפּען! דו ביזט געשיקט פון איהם מיך צו פערפיהרען!

מרים. דערמאָן דעם שטן נישט, איך רעד צו דיר נישט אין זיין נאָמען. בענעמסט זיך ווי א נביא און זעהסט די צוקונפט פון א פאָלק, און ווייסט נישט, וואָס עס טוט זיך אין הארצען פון א פרוי. איך שווער דיר, היינטיגער טאָג קאָן מיין לעצטער טאָג זיין אין מיינע זינד, און וועניג בעלי־תשובות וועלען מעהר טאָן ווי מרים פון מגדלה. העלף מיר נאָר, און קיין בעסערע זאַך קאָנסטו נישט אויפטאָן אין די אויגען פון גאָט. הייסט עס דאָך, אז ווער עס שטעלט אויף איין נשמה אין ישראל, איז גלייך ווי ער וואָלט אויפגעשטעלט די גאַנצע וועלט.

עמרם (געפייניגט). וואָס ווילסטו, זאָל איך טאָן?

מרים. פאַנצער זיך מיט דיין גאַנצער פרומקייט, טו דיך אריין מיט דיינע געדאַנקען אין גאָט, און קוק מיר אריין אין מיינע

אויגען. ווערסטו אויסהאלטען מיין בליק און קיין מחשבה זרה וועט אין דיר נישט אריינקומען, און דיינע אויגען, פרום און ערנסט, מיט גאָטס פייער אין זיי, וועלען צווינגען מיך מיינע אויגען אראָב־צולאָזען פאר דיר, בין איך געראטעוועט. דאן זינג איך „הלל" פריי פאר גאָט און לויב איהם הויך פאר'ן גאנצען פאָלק.

עמרם. איך האָב שוין עטליכע מאָל דיין געזיכט מיט מיינע בליקען בעריהרט, און וואָס דו האָסט אויפגעוועקט אין מיר, איז נאָר עקעל און כעס. איך זעה אין דיר א וואָרים ווערט צו־טראָטען צו ווערען, די שאנדע פון דער מענשהייט. מיינע אויגען מאכען זיך מיר צו פאר מיאוסקייט, און מיין נאָז איז פול פון דעם ריח פון נבלה.

מרים. אך, דאָס איז גוט, און פרייד פילט אָן מיין הארץ! איך האָב קיין טעות אין דיר נישט געהאט, גאָט האָט מיך געפיהרט דעם ריכטיגען וועג. דו ביזט דער היכטיגער מאן, וועלכער קאָן מיך בעפרייען פון מיר אליין. איך פיהל, דער בייזער גייסט וועט באלד פון מיר ארויס, און מרים פון מגדלה וועט אנהעבען גאָט צו דיענען מיט איהר גאנצען הארצען און וועזען. קום, דו היי־ליגער, קום, דו גבור אין ישראל, און דערשטעך מיט דיינע שארפע שפּיזען־בליקען דעם בייזען גייסט אין מיר. טויט איהם אין מיר! איך וויל געראטעוועט ווערען! איך וויל געראטעוועט ווערען! (מאכט א בעוועגונג ווי אויפצונעמען זיינע בליקען.)

עמרם. עס איז א זינד צו קוקען אויף א נקבה. ווי קאָן איך מיט א זינד רייניגען א נשמה? איך וועל מיך בעפלעקען, און א בעפלעקטער וועל איך דעם כח נישט האָבען דיין בייזען גייסט צו טויטען.

מרים. עס איז די זינד א קלייניגקייט בלויז געגען דער גרויסער מצוה, וועלכע דו ווערסט דיר פערדיענען.

עמרם. ווער ביזטו צו מעסטען, וואָס גרויס איז און וואָס קליין? עס זיינען די אויגען שטענדיג געוועזען פיהרער צו עבירות

און ניט איינער איז דורך זיינע אויגען געשטרויכעלט געוואָרען.
איך וועל אין דיינע אויגען נישט קוקען. דו ביזט פון שטן.

מרים. דאָך איינער — — (פערכאַפּט זיך.) איז עס גאַנץ אונמעגליך אריינצוקוקען אין די אויגען פון א פרוי און נישט קומען אויף מחשבות זרות.

עמרם. דאָס וואָלט הייסען, גאָט צו פּרובען.

מרים. און ווען גאָט וויל דיך דערמיט פרובען?

עמרם. גאָט פרובט זיינע גערעכטע מיט דעם אליין שוין, וואָס ער האָט די פרוי בעשאפען. זי איז דער יצר הרע, זי איז די אייביגע פערפיהרונג. איך קוק זי אָבער נישט אָן! איהר ריח איז מיר דער ריח פון נבלה, איהר שטים איז מיר צואווידער, און גאַנצען איז זי פאַר מיר אַן אונריינער טאָפּ, און איך בין פון דער זינד געראַטעוועט.

מרים. ווי דאַרף איינער פרום און ריין זיין, ער זאָל קאָנען גלייכגילטיג אָנקוקען א פרוי, אפילו די פערפיהרערישסטע, און זאָל דעם יצר הרע נישט דערזעהן און נישט די פערפיהרונג?

עמרם. וואָלט איינער דאָס געקאָנט, ער וואָלט דאָך גאָט נערייצט. איינמאָל וועט עס איהם געלינגען, דאָס צווייטע מאָל וועט ער געשטרויכעלט ווערען.

מרים. דאָס צווייטע מאָל וועט ער געשטרויכעלט ווערען?!

עמרם. וואָס האָסטו דיך דערפרעהט? די רשעות האָט אויפגעשריען אין דיר.

מרים. אך, דו מוזט מיר העלפען! דו מוזט מיר העל-פען! — — פערשטויסטו מיך פון דיר, קער איך מיך ווידער אום צו מיינע זינד. איך וועל זאָגען, אויך דער פרומסטער קאָן נישט ביישטעהן מיר, אויך ד ע ר נישט, וועמעס לייב איז אָב-געשוואכט פון תעניתים! ווענום האָט מיר פון איהר קראַפט גע-געבען, און איהר וועל איך דיענען פון היינט און אייביג. ווילסטו

מיינע נייע עברות נעמען אויף דיר? דו וועסט אין זיי שולדיג זיין.

עמרם. גנה אוועק פון מיר, פערפיהרונג! איך וועל מיך אין אַן אויגען־שפּיעל מיט דיר נישט אריינלאָזען.

מרים. דו האָסט גאָט געבעטען, ער זאָל נאָך שווערערעס ארויפלעגען אויף דיר. פּילייכט שיקט מיך גאָט צו דיר און וויל, דו זאָלסט אויפשטעלען מיין נשמה. און איז דיר אונמעגליך גאַנץ, מיר אין די אויגען אריינצוקוקען, וויל איך עס דיר לייכ־טער מאַכען: דו לאָז מיך וואשען דיינע פיס.

עמרם. ווי?!

מרים. לאָז מיך וואשען דיינע פיס, אויסוואַשען לאָז מיך דיינע וואונדען. דו נעם אַ הייליגען ספר, די תורה נעם און לערן זי פאר מיר. פערטרייב דיר דורך דאָס לערנען יעדע מעגליכקייט פון א מחשבה זרה, און איך וועל טאָן מיין ארבייט. און וועסט דיין פוס אין מיינע הענד נישט א ציטער טאָן, וועל איך וויסען, אז די שלאַנג, וועלכע איז אין מיר געזעסען, איז צוטראָטען גע־וואָרען, און קוסען וועל איך די ערד, אויף וועלכער דו טרעטסט. דיינע פיס נאָר וויל איך, און זאָלען דיינע אויגען דיר דיינע העל־פער זיין.

עמרם. רעדט גאָט אין דיר, אָדער רעדט אין דיר דער שטן?

מרים. וואָס טוט דער צווייפעל און דאָס פרעגען יעצט? איך וויל פון דיר א קליינינגקייט און גיב אין דיינע הענד דאָס שווערסטע געוועהר. איז דען די תורה נישט פאנצער גענוג פאר דיר, און איז נישט גאָטס וואָרט דיין גרויסער שוץ? איך לאָז פון דיר יעצט נישט אָב, דו וועסט מיך פון דיר נישט פערטרייבען. מיין נשמה שרייט נאָך רעטונג, און דו ביזט דער פעלזען, אָן וועל־כען מיין בזיזער גייסט מוז זיך צושלאָגען. דו העב די תפילות אָן, בעשווער דעם רוח אין מיר, טרייב ארויס פון מיר די טומאה.

דאָס וואסער דאָ ביי דיר אין קרוג שטעהט ווי אַנגעגרייט פאר מיר. איך נעם עס גלייך און רייניג דיך און מיך.

עמרם. גאָט, איז דאָס דיין ווילען? שיקסט דו דאָס זי צו מיר? שטארק מיך, גאָט, און גיב מיר קראפט גענוג. דו ווילסט דאָך נישט, איך זאָל נעשטרויכעלט ווערען, און אַנשטאָט א שטראָפער צו זיין, זאָל איך נאָך ציון׳ס זינד פערמעהרען. איך וויל איהר גלויבען, זי איז דאָך א טאָכטער פון דיין פאָלק. און טו איך יעצט איהר ווילען, דאן זעהסטו דאָך מיין הארץ, אז איך טו עס בלויז, אום איהר נשמה צו ראטעווען. פאנצער מיך, בע־שיץ מיך, לאָז צו מיר נישט צו קיין שלעכטען געדאנק און קיין שאָטען נישט פון א מחשבה זרה. (ער נעמט פון א ווינקעל א דיק פארמעט.)

מרים (שטעלט זיך פאר איהם אויף די קני). די ריינינגונג פון דיינע פיס זאָל זיין די ריינינגונג פון מיין נשמה און פון מיין פערשטאָפּטען הארץ. (וואַשט איהם די פיס.)

עמרם (העבט אָן צו לייענען). „ווער עס זיצט אין דער פערבאָרגענהייט פון דעם אויבערסטען און נעכטיגט אין דעם שאָטען פון דעם אלמעכטיגען, דער זאָגט צו גאָט: מיין שוץ ביזטו און ביזט מיין פעסטונג, גאָט, אויף וועלכען איך פערלאָז מיך. ווארום ער ראטעוועט דיך פון אן אָנגעשטעלטען נעץ און פון א טויטליכער מגפה. מיט זיין פעדער בעשיצט ער דיך, און אונטער זיינע פלי־געל ועסטו זיך בעשירמען; שילד און שירם איז זיין אמת...“

מרים (לאָזט פערנאַנדער איהרע האָר און העבט אָן צו ווישען מיט זיי זיינע פיס).

עמרם׳ס (שטימע ברעכט. ער בלייבט שטעהן, ווי ער וואָלט פערלאָרען דעם פלאַץ, וואו ער האָט געלייענט).

מרים. דיין פוס האָט אויפגעציטערט... פאר וואָס האָט דיין שטים זיך אָבגעריסען? פיהלסטו די בעריהרונג פון מיינע הענד? זיינען זיי נישט צארט, ווי די הויט פון א יונגען קינד? טריפען מיינע הענד נישט מור, און זיינען מיינע פינגער נישט

קיין ערקוויקונג? זיינען מיינע האָר נישט ווייכער זייד, און שמעקען זיי נישט ווי דער לבנון?

עמרם (ווי ער וואָלט זי און זיך וועלען אריבערשרייען). „א ריין הארץ שאף מיר, גאָט, בעניי אין מיר אן אמת'ן גייסט. פערוואַרף מיך נישט פון דיר און דיין הייליגען גייסט נעם נישט אוועק פון מיר. קער מיר אום צוריק די פרייד פון דיין הילף און א וואָלטעטיגער גייסט זאָל מיך אונטערשטיצען. זינדיגע וועל איך דיינע וועגען לערנען, רשעים זאָלען זיך אומקערען צו דיר..."

מרים. עס ציטערעןביידע פיס דיר און קאַלט זיינען זיי געוואָרען, ווי מיינע פינגער וואָלטען אייז געוועזען. זאָל איך זיי דיר אָנוואַרמען? איך דריק זיי צו צו מיינע בריסט, ווי צווישען יונגע טויבען צוויי וועלען זיי זיך דערוואַרמען...

עמרם (קרעכצט אויף, וויל ווייטער בעטען, שפּרינגט אויף און צושרייט זיך). א שרפה אין דיר, עמרם! א שרפה אין דיר, עמרם! (צו מרים'ן.) לאָז אָב! (גאַנץ ווילד, אויפהעבענדיג שטיינער פון דער ערד.) איך פערשטייניג דיך! דו ביזט פון שטן! דיין טויט זאָל דאָ זיין!

מרים (ווילד אויפלאַכענדיג, מיט די הענד בעשיצענדיג זיך, געהט שנעל צום שטעגעל און ארויף באַרג).

עמרם (ווילד, מיט צוגעמאַכטע אויגען, וואַרפט איהר נאָך די שטיינער). איך פערשטייניג דיך! איך פערשטייניג דיך! (אוועקוואַרפענדיג דעם לעצטען שטיין, לאָזט ער זיך אראָב קראַפטלאָז אויף זיין געלעגער און פערבאָרגט זיין געזיכט אין די הענד.)

מרים (בלייבט שטעהן אויפ'ן פערקער און בעטראַכט איהם). דו פּיעלגעפייניגטער, לייכטער רויב ביזטו געוועזען אין די הענד פון דער מענערבעזיעגערין מרים פון מגדלה. נישט דיין גייסט, צוגעקערט צו גאָט, און נישט דיין נאָז, וועלכער האָט געפיהלט אין מיר דעם ריח פון נבלה, האָבען דיר נישט געהאָלפען פון דעם

פייער. איך בין די זיעגערין! קיין מאן — — אך, יענער נאך! — — דאך צום צווייטען מאל וועט ער געשטרויכעלט ווע־רען — — פאר וואס ליעגען זיינע בליקען מיר אין די אויגען? און זיין שטים, פאר וואס קלינגט זי מיר אין די אויערן? פאר וואס ריהרט ער אלין אויף אין מיר מיט שרעק? — ניין, איך וועל קעמפפען — — איך וועל זיין שטארק — — איך געה צו איהם! עי, הא, וועט עס זיין א קאמפף!

דריטער אקט

מרים'ס צימער.

ערסטער ליעבהאָבער (שטעהט אין דער זייטען־טיר מיט אן אָנגעצונדענעם ליכט אין דער האַנד). מרים! מרים! ביזטו דאָ? האָסטו דיך בעהאַלטען? איך האָב וויין א סך געבראכט, דעם נס, וועלכער איז דיר געשעהן, צו פערטרינקען. און איך האָב פרוכטען פיעל געבראכט און פריש און זיס געבעק, דאָס טרינקען צו פערבייסען. רייצט עס דיך נישט? ווילסט דיך אלץ נאָך נישט בעווייזען? ביזט אפשר ברוגז, וואָס איך בין געקומען אונגערו־פען? — — אך, איך רעד דאָך בלויז צו די פיער ווענד! זי איז אין שטוב ניטאָ. (שטעלט אַריין דאָס ליכט אין דעם היינגלייכטער.) די שטובטיר איז געוועזען אָפען. וואו — — שאַ, עמיץ קומט. דאָס קומט זי געוויס. איך בעהאַלט מיך שנעל... (עס קומט אַריין דער צווייטער ליעבהאָבער מיט אַ קאָרב אויפ'ן אָרם.) עי, אַ מאן גאָר! וועלכער רוח האָט דיך געבראכט? איך דארף דיך דאָ ווי אַ קרעץ אויף דעם קליינעם פינגער פון מיין לינקען פוס.

צווייטער. עי, ווי פריינדליך! אזוי בעגעגענט מען מיך געוועהנליך נישט. ווען איך קום אריין, שטעהט דער אנדערער אויף און געהט מיט שלום־גרוס אוועק.

ערסטער. און איך שמיים דעם אריינקומענדען ארויס. ווען איך בין דאָ, הייסט עס: ליעבער פריינד, עפען די טיר פון יענער זייט נישט אויף, אז נישט עפענסטו זי אויף פון דער זייט און מיט'ן קאָפּ.

צווייטער. מיט דיין קאָפּ, דאָס טו איך גאנץ געוויס. דו שטעל דעם וויין אוועק און טראָג דיך שנעל ארויס.

ערסטער. דו מוילוואורף, דו מויזענעק, דו פערזעהענים,

איך גיב אויף דיר א בלאָז, פליהסטו דאָך ארויס, קאָפּ אראָב און פיס ארויף, דורך דעם שפּעלטעל פון דער טיר.

צווייטער. דיין קאָפּ איז — וואָס זאָג איך „קאָפּ“! — דער מאָגען, וועלכער זיצט אויף דיינע פּלייצעס, האָט זיך ווייט פערנאַנדערגעצויגען פון דעם אויסגעטרונקענעם וויין, דערפאַר ביזטו ביי דיר אזוי גרויס געוואָרען. פערשטעהסט דערפאַר אויך נישט, וואָס איך רעד צו דיר. איך וועל עס דיר מוזען קלאָר מאַכען אויף מיין פּויסטשפּראַך.

ערסטער. דו רוח, ארויסגעטריבען פון א נפל, דו מפּיל-קינד, דיין פּויסט האָט א שפּראַך, ווי דיין שפּראַך א פּויסט. ביידע וואַרטען זיי כּאַר שוואַכקייט אויף א טראָפּען פון מיין וויין, און ערסט דאַמאָלס וועלען זיי בלויז שרעקען די קינדער אין די גאַסען.

צווייטער. דאַן מוז איך דיך אָבער גלייך בעקאַנט מאַכען מיט מיין בערעדעוודיגקייט, און דיין שפּראַך וועט ווערען אי! און אָי! און וועה! און העלף! ווי ווילסטו עס? אין זיצען אָדער שטעהן? דו שטעה בעסער אויף, איך ברייננ דיך דאַן צום זיצען און באַלד גלייך אויף צום ליעגען.

ערסטער. פּאַר לאַכען. איך בין קיצעלדיג. איך פּיהל שוין דיינע שטרויעלעך און העב שוין אָן צו לאַכען. דו וואַרף דיך בעסער גלייך אליין ארויס. פערשפּאָר די טרחה מיר, דערפאַר קאָנסטו דיר אויך נעמען א טרונק וויין... (גיט איהם אַ גלאָז וויין.)

צווייטער (שמייסט דאָס ווייןגלאָז צו דער אויסענטיר). דער וויין געהט צוערסט — (כאַפּט דעם ערסטען.) דערנאָך געהסט דו...

דריטער ליעבהאָבער (אין דער טיר, מיט אַ קאָרב אויפ'ן אָרם, געטראָפען פון דעם גלאָז). אַ־או! אַ־או! איך בין קיין מזבח נישט און וויין ווערט אויף מיר נישט נעגאָסען. איך גיס דעם וויין אין מיר. וואָס טוט זיך דאָ? איז עס העגער־שטרייט? וואו איז די הון? טשיפּ, טשיפּ, טשיפּ...

ערסטער (צום צווייטען). דו לאָזט מיך גלייך אָב.

צווייטער. פאר וואס לאכסטו נישט?

ערסטער (כאפט דעם צווייטענ פאר'ן האלז). גלייך דריק איך פון דיר ארויס דאס ביסעל לעבענס־אטעם.

דריטער. עי, עי, ווען צוויי שלאגען זיך, האב איך פיינט צו שטעהן פון ווייטען! (ווארפט זיך אריין צווישען זיי און רייסט זיי פערנאנדער, אבווארפענדיג איינעם אין איין זייט, דעם אנדערען אין אן אנדער זייט.) יעצט זאגט מיר, וואס קאנט איהר אייך נישט צוטיילען.

ערסטער. איך בין צוערסט געקומען, דארף ער אהער נישט אריין.

צווייטער. בין איך אריינגעקומען, מוז ער מיר גלייך פערשווינדען.

דריטער. און איך ווארף אייך אלע ביידע אויף דעם מיסט ארויס. אבער וואס זאגט מרים? זי האט דאך פיינט צו שוויי־גען. זעהט זי גלייכגילטיג אייער קאמפף צו און זאגט קיין ווארט נישט? זאל דער שטארקערער זי האבען? אי, דאן בעזיץ איך זי גאנץ געוויס.

ערסטער. און דו הער אויף מיט דיין גאוה, זי קאן דיר שלעכט בעקומען.

צווייטער. וואס האסטו איבערהויפט אריינצומישען זיך? ביזט מיר דא נישט ווענינער איבעריג ווי ער.

דריטער. זעהט נאר, ביידע יעצט אויף מיר! נאר רוהיג, פריינד! איך האב א לוסטיגע חברותא זעהר ליעב, און מרים האט זי אויך נישט פיינט. מיר ווילען צוזאמען איהר רעטונג גוט בע־טרינקען. איך האב ווייך געבראכט פון דעם בעסטען סארט, און פערבייסען אויך א סך.

ערסטער. אויך איך האב וויין געבראכט, און מיינער איז געוויס נישט שלעכט. דא שטעהט ער — קאנסט איהם גלייך פערזוכען.

דריטער. גוט! דאפעלט וויין מאכט די שמחה גרעסער.

צווייטער. זאָג דריי מאָל ווייז. אויך איך בין מיט לייז־דיגע הענד נישט געקומען. מיין האנד איז מיר יעצט נאָך שווער פון דעם שווערען קאָרב, וועלכען זי האָט געהאט צו טראָגען.

דריטער. דאן מאכען מיר א סעודה, ווי הורדוס האָט אזא קיינמאָל נישט געהאט. אָבער וואו איז די בעל־שמחה'טע? איך זעה זי אלץ נאָך נישט.

צווייטער. אויך איך האָב זיי נאָך נישט געזעהן.

ערסטער. און איך האָב זי געזוכט אפילו אויפ'ן דאך.

דריטער. דאן איז זי איבערהויפט אין דער היים נישטאָ!

צווייטער. אין דער היים נישטאָ?

ערסטער. נישטאָ! וואו אָבער קאָן זי זיין?

דריטער. ביי מרים'ען איז עס שווער צו וויסען. זי איז א פויגעל מיט א סך נעסטען. אָבער מיר ווילען אונז די שמחה נישט פערשטערען. מיר טרינקען איהר געזונדהייט איהר אונטער די אויגען. דעם ווייז, וועלכען מיר האָבען געבראכט, ווילען מיר צוריק נישט טראָגען, און נישט־געטרונקען ווילען מיר איהם אויך נישט לאָזען. מאכען מיר אונז דאָ גאנץ היימיש. די גלעזער אָנגעפילט, און אויסגעפאקט זאָלען ווערען אונזערע קערב. — — אזוי! שנעלער בלויז, איך ווער דורסטיג שוין. איך גיס אָן די גלעזער. לחיים! (זיי טרינקען.) אה, גוט! דער ווייז טוט גוט. א צווייט גלאָז גלייך איז זעהר נויטיג. (גיסט אָן. זיי טרינקען.) און וואָס דענקט איהר פון א דריטען אָהן אן אָבשטעל? (גיסט אָן.)

ערסטער. גיס נאָר אָן. איך בין אין טרינקען שטארק.

צווייטער. ביים טרינקען איז מיר דאָס אויפהערען נאָר פיינליך.

דריטער. דאָס איז גוט. אזוי האָב איך אייך ליעב. (זיי טרינקען.) דאָס רוף איך אָנטרעפען אויף רעכטע מענשען. אלזאָ, מיר קעלטערן ווייטער. (גיסט אָן, זיי טרינקען.) נא, ווי פיהלט איהר אייך? גאָר אנדערע מענשען, ווי? א שאָד, וואָס מרים איז נישטאָ יעצט.

ערסטער (אַ קלאַפּ טוענדיג אין טיש). עס איז צום הימעל שרייען!

צווייטער. דער ווין וואָלט מיר אנדערס גאָר געשמעקט.

דריטער. מיר וועלען אונזערע טרערען לויפען לאָזען און אונזער פּערדרוס דערטרינקען אין אונזער ווין. (גיסט אָן. זיך טרינקען.) יעצט ווינען מיר. (זיי העבען אָן צו וויינען.) יעצט ווישען מיר אונז אָב די טרערען און, ווייל זי איז נישטאָ, וועלען מיר פון איהר רעדען. (צום ערסטען.) ווי לאַנג קענסטו די מרים? (צום צווייטען.) און דו ביזט אָפט געוועזען איהר בעזוכער?

ערסטער. אַך, לאַנג צוריק איז עס געוועזען. איך בין געשטאַנען אויף אַן עק גאַס און זי איז פאַרבייגעגאַנגען. „דו ביזט שיין,“ — האָט זי צו מיר געזאָגט — „אָבער זעהסט אויך נאַריש אויס,“ און אַ שנעל געטאָן מיר אין נאָז. אין יענעם אָוועגד האָב איך זי צום ערסטען מאָל בעזוכט און — — אַך! — — — אויך צום לעצטען מאָל איז דאָס געוועזען. זי האָט געזאָגט, זי וועט נאָך מיר שוין שיקען.

צווייטער. אויך איך קאָן פון אַן איינציגען בעזוך בלויז שפּרעכען, ווייל איך בין אַ זעלטענער גאַסט אין ירושלים. איך האָב זי אָנגעטראָפען ביי מיין לעצטען ירושלים־בעזוך, און איך בין דאַן געווען אַן אבל. אָבער אַז איך האָב זי דערזעהן, האָב איך מיין אבלות גלייך פערגעסען.

דריטער. דאָס גלויב איך דיר. איך האָב זי צום ערסטען מאָל דערזעהן אין אַ לוסטיגער געזעלשאַפט און נישט געקאָנט מיינע אויגען אוועקרייסען פון איהר. זי האָט מיך קוים בעמערקט, אָבער פּלוצלונג האָט זי אויפגעהויבען אויף מיר איהרע ימים־אויגען און איינגעקוקט זיך שטאַרק. אַ שמייכעל איז ערשיענען אויף איהרע ליפּען, און זי האָט געזאָגט: „זעהט דער מאַן נישט ווי אַ שמשון אויס? אויב נישט קיין שטאָדטטויער, מיך וואָלט ער געוויס אוועקטראָגען געקאָנט.“ איך האָב זי אויפגעהויבען און אוועקגעטראָגען.

ערסטער. אך, מרים! א, מרים! וואו ביזטו, דו אונ־פערגלייכליכע? א, מרים, דו תמצית פון אונזער ווין! א, פערל פון מגדלה...

דריטער. דאס איז א בעליידיגונג! זי איז די פערל פון ירושלים, און אויך אין רוים וואָלט זי געווען אן ערסטע.

ערסטער. איז גוט! אה, פערל פון ירושלים און קרוין פון רוים...

צווייטער. רוים דערמאָן נישט. רוים האָט מיר מיין פאָטער געטויט און צוויי ברידער.

ערסטער. איך קאָן זי אָבער יעצט נישט מעהר פער־קלענערען. ווייסטו עטוואס גרעסערעס פאר רוים?

צווייטער. דו ביזט א רוימער־קנעכט! דו דערמאָנסט מיר מיינע צינזען.

דריטער. לאָז רוים פאלען און נעם אויף די גאנצע וועלט.

ערסטער. אָ, פערל פון ירושלים און קרוין פון דער גאנ־צער וועלט! — — — איך האָב א ליבגעזאנג געוואָלט מרים'ען זינגען, האָט מיך דער אבל אָבער גאנץ צומישט.

דריטער. דו נעם דעם לויף פון אָנהעב, מיר וועלען דיך אונטערשטופען.

ערסטער (העבט אָן, די אַנדערע זינגען איהם נאָך). מרים, אָ, מרים, דו תמצית פון אונזער ווין... (איזבל קומט אריין. די ליעבהאָבער שפּרינגען אויף און שרייען.) אה, פערל פון ירושלים...

איזבל. עס איז א סעודה דאָ גאָר אָהן דער בעל־הבית'טע!

ערסטער (פאַלט אויף זיין זיץ). נישט זי!

צווייטער. איך וועל מיין קאָפּ באָלד מיט אש בע־שטרויען און טרויערן איבער איהר נישט־קומען.

דריטער. דאס איז איזבל, א ווייב פון ווייבערלאנד! קום, איזבל, און טרינק מיט אונז מיט.

איזבל. צוויי מאָל וועל איך מיך נישט לאָזען בעטען.

אבער וואס טוט איהר דא? ווי קומט איהר גאר אהער? האט מרים אייך אהער בעשטעלט?

ע ר ס ט ע ר. מרים!

צ ו ו י י ט ע ר. אך, מרים! אה, פערל פון ירושלים...

ד ר י ט ע ר. מיר זיינען געקומען איינציגווייז און נישט־גערופען, אלס טרייע פריינד פון דער מגדלה׳ער, צו יום־טוב׳ען איהר רעטונג. זי איז נישטא, יום־טוב׳ן מיר אהן איהר, און יעצט וועסטו אונז העלפען די שמחה צו פערגרעסערען. און איידער דו טוסט אויף דיין מויל אן אנדער ווארט צו זאגען, מוזטו דיין גאר־געל דורכשווייבקען מיט איין גלאז און א צווייטען. (גיסט אן אלע פיער.)

א י ז ב ל. איך מוז...

ד ר י ט ע ר. ניין, נישט רעדען, צוערסט טרינקען.

א י ז ב ל. איך וויל...

ד ר י ט ע ר. איך שלאג דיך אויף דאס מויל, רעדסטו פאר׳ן טרינקען. (זיי טרינקען.) און גלייך נאך איינס. (גיסט אן.)

ע ר ס ט ע ר. אה, מרים!

צ ו ו י י ט ע ר. פערל פון ירושלים...

ד ר י ט ע ר. שטיל זיין! טרינקען! (זיי טרינקען. צו איזבל׳ן.) יעצט קאנסטו רעדען.

א י ז ב ל. איך מוז אייך א שלעכטע בשורה אנזאגען און אייך די גאנצע שמחה פערשטערן.

ע ר ס ט ע ר. דאן שווייג בעסער און הער נישט אויף צו טרינקען.

צ ו ו י י ט ע ר. א שלעכטע בשורה און גוטער וויין זיינען א גרויסע סתירה, און די קאן איך נישט צולאזען.

ד ר י ט ע ר. מיין מאגען קאן אלץ פערטראגען. און צו א שלעכטער בשורה איז גוטער וויין ווי א רפואה צו א מכה.

א י ז ב ל. איהר יום־טוב׳ט מרים׳ס רעטונג, און איהר האט זי פערלארען.

אלע דריי. פערלארען?! מרים'ען?!

איזבל. זי איז פאר אייך אזוי גוט ווי געשטארבען.

ערסטער. ברררר... דאן מוז איך טרינקען שנעל!...

צווייטער. פאר מיר איז ווענינ ווייו דא, אזא בשורה צו פערטרינקען! רעד, דו שלעכטע צונג, וואס ווייסטו פון מרים'ן!

דריטער. טרינק נאך וויין און בעגייסטער דיך צו דעם אנזאג.

איזבל. זי האט זיך מיט דעם נייעם נביא ארייננעלאזען.

ערסטער. מיט דעם נייעם נביא?

איזבל. מיט דעם נוצרי, וועלכער האט זי היינט פון זי־בערן טויט געראטעוועט. זי האט דעם גאנצען טאג פון איהם גע־רעדט און אויף איהם פערנאנדערגעפרעגט זיך. יעצט איז זי וויע־דער ביי איהם.

דריטער. ווארום איז זי דען פאר אונז פערלארען?

איזבל. נאך קיינע פון מיינע חבר'טעס איז ניט געקומען צוריק צו איהר פריערדיגען לעבען, בעקענענדיג זיך מיט איהם. פרומע ווייבער זיינען דאס געווארען, צנועות מיט פערוויינטע אויגען פון פיעל תשובה־טאן, הייליגע נשמות, פון וועלכע עס ווערט מיר איבעל. ברררר!... וויין אויף גיך!

צווייטער (שיכור). טויט דעם פערפיהרער, וועלכער נעמט ביי אונז די פריידענווייבער אוועק.

ערסטער. טויט! טויט!

דריטער. איך בין נאך נישט פערצווייפעלט. איך קען די מרים. די תאוה זיצט אין איהר צו טיעף, אז אין איין טאג זאל זי זי פערליערען.

איזבל. דערוואראם דיך נישט אומזיסט. וועסט זי יעצט דערזעהן, וועסטו גלייך פערפרארען ווערען, כאטש דיין בויך איז יעצט א גאנצער קעלטער.

צווייטער. אה, מרים! אה, קרוין! אה, וויין!

מרים (קומט אַריין, שטיל, געלאַסען, איינגעוויקעלט אין איהר מאַנטעל. מען זעהט נאָר די פערוויינטע אויגען, וועלכע זי העבט אויף פערוואונדערט אויף איהרע בעזוכער. הינטער איהר געהט חולדה, אויך איינגעוויקעלט און אויך מיט פערוויינטע אויגען, נאָכמאַכענדיג מרים׳ן אין אַלע איהרע בעוועגונגען).

די דריי (שרייען אויף). מרים!

ערסטער. אה, תמצית!

צווייטער. אה, פערל!

דריטער (צו איזבל׳ן). איך גלויב, דו ביזט גערעכט.

מרים. וואָס טוט איהר דאָ? ווער האָט אייך גערופען?

ערסטער און צווייטער. אה, מרים! אה, פערל...

מרים. ווער האָט אייך גערופען? וואָס טוט איהר דאָ?

צווייטער. זעהסטו דען נישט? דו זעהסט דאָך! מיר טרינקען וויין און זיינען פרעהליך.

ערסטער. מיר יום־טוב׳ן דיין רעטונג. קום און טרינק מיט אונז.

מרים. איך דאנק אייך פאר אייער פריינדליכקייט. ביי מיר איז שטוב אָבער ווערט נישט מעהר געטרונקען.

צווייטער. ווערט נישט מעהר געטרונקען?! העי, דער שפאס איז גוט!

איזבל. דו זעה דאָך נאָר די צנועה אָן. זי האָט דאָך שוין פערוויינטע אויגען. און זעהט די אנדערע אָן, די חולדה! אַי, מיר ווערט נישט גוט אויף זיי צו קוקען. האָט איהר קרבנות שוין גע־בראכט און קטרת שוין גערויכערט?

מרים (קוקט זי שטום אָן).

איזבל. איך וועל דיין בליק אויסהאלטען און פאר דיינע אויגען מיך נישט דערשרעקען. קוקט, מענער, יעצט איהר אין די אויגען. וועקען זיי אין אייך די תאוה נישט אויף? ברדר, איך פריר, איך פריר... איך מוז מיט וויין זיך גלייך דערוואַרמען.

טרינקט איהר אויך, אויב איהר ווילט נישט אין אייז פערוואנדעלט ווערען.

מרים. איך וואלט געוואלט יעצט בלייבען גאנץ אליין.

איזבל. דאס מיינט מען אייך, איהר מענער. זוכט אייך פון היינט אן און ווייטער אן אנדער ארט פאר אייער לוסט און פרעהליכקייט.

מרים. דו האסט מיינע ווערטער גוט דערקלערט.

דריטער. מיינסט עס ערנסט, מרים?

ערסטער. איך גלויב אין איהרע ווערטער נישט. איך האב אין די ווערטער פון א זונה קיינמאל נישט געגלויבט.

מרים. נישט קיין זונה רעדט צו אייך יעצט. איך וויל אליין בלייבען.

דריטער. קומט, מיר האבען דא מעהר נישט וואס צו טאן.

צווייטער. איך לאז מיך פון דאנען נישט פעריאגען. איך ברויך געוואלט.

ערסטער. איך לאז מיך אויך נישט אוועקרעדען פון דאנען. איך האב איהר א רינג געשיינקט, א זעהר קאסטבארען און רייכען.

מרים. דאס האסטו גוט געטאן, מיך אויף מיין זונה־גאב׳ צו דערמאנען. דו קריגסט דיין רינג גלייך צוריק. (שליסט אויף א שראנק, נעמט ארויס א קעסטעל מיט צירונג און עפענט עס אויף.) דערקען דיין רינג און נעם איהם דיר צוריק. (צום צווייטען.) קוק אויך אריין — — פיעלייכט האסטו מיר וואס געשיינקט.

צווייטער. א האלזבאנד האב איך דיר. געדענקסט דאך, א האלזבאנד מיט...

מרים. איך גלויב דיר. קלייב דיר אוים דעם בעסטען.

צווייטער. ניין, איך וויל נאר מיינעם.

מרים (צום דריטען). שטעה דו נישט אזוי פון ווייטען.

דריטער. וואָס איך האָב ווען געשיינקט, נעם איך נישט צוריק.

מרים. נעם׳ס דאָך יעצט. איך וועל עס סיי ווי סיי נישט בעהאלטען. איהר קאָנט וויסען לאָזען, מרים פון מגדלה גיט צוריק אלע מתנות, וועלכע זי האָט ווען בעקומען. זאָל יעדער קומען נאָך דער זייניגער, אז נישט זאָל ער זי זוכען אויף דעם נאָהענטסטען בערגעל מיסט.

איזבל. זי איז משוגע!

דריטער (צו איזבל׳ן). דו פאלסט באלד אין חלשות.

איזבל (צום צווייטען, וועלכער זוכט נאָך אַלץ, אָנצייגענדיג איהם אויף אַ האַלזבאַנד). דאָס איז זיכער דיינער.

צווייטער. דאָס איז ער, מיינסטו? איך גלויב, דו האָסט ריכטיג געטראָפען. יאָ, דאָס איז ער גאַנץ געווים.

ערסטער (צו איזבל׳ן). קאָנסטו אויך פיעלייכט מיין רינג דערקענען?

איזבל. דאָס וועט מיר זיין א לייכטע זאך. (קוקט זיך איין, נעמט אַרויס אַ רינג.) איז דאָס נישט דער?

ערסטער. אַזוי שיין איז מיינער נישט...

איזבל. אָך, דיינער איז עס גאַנץ געווים. דו האָסט גע־שמאַק, דאָס זעהט מען גלייך דיר אָן. און רייך ביזטו אויך גאַנץ געווים.

ערסטער. יאָ, דאָס איז מיין רינג. איך דערקען איהם יעצט.

איזבל. איהר האָטביידע אייערע מתנות נישט דערקאַנט, ווייל די אויגען זיינען אייך פערצויגען פון דעם פיעלען וויין. אפשר האָט איהר נאָך מתנות איהר געגעבען און קאָנט אייך נישט דער־מאָנען יעצט? זאָל איך אייך העלפען אויף אין דיזם? זאָל איך אויפפרישען אייער זכרון?

ערסטער (צו מרים׳ן). הא, וואָס מיינסטו? איך האָב דיך איינמאָל בלויז בעזוכט. געדענקסט, דו האָסט אַ שנעל...

מרים. פיל דיר אָן די קעשענעס. עס איז הפקר.

איזבל. ווי? דארף איך, מרים? (מעסט זיך אָן עפּליכע פינגערלעך.)

מרים (קערט זיך אָב פון איהר).

איזבל. עס איז דאָך הפקר, זאָגסטו, אָדער האָסטו שוין חרטה? (טוט זיך אָן אַן ארמבאַנד.)

מרים. וואָס ווילסטו נאָך פרעמדע אונווירדיגע מתנות האָבען? ווארף אויך דיינע פון דיר אוועק.

איזבל. איך דאנק דיר פאר דער עצה. איך האָב נאָך נישט קיין לוסט א בעל־תשובה׳ניצע צו ווערען. פוי, די לופט דאָ העבט אָן צו שמעקען נאָך קרבנות און נאָך קטרת! איך וועל דער־שטיקט! איך לויף אוועק!

ערסטער. דו נעם מיך מיט. איך געה מיט דיר.

צווייטער. און איך וויל אויך זיין דיין גאַסט. איך האָב דעם אָוועגד פרעהליך אָנגעהויבען און וויל איהם פרעהליך ענ־דיגען. איך נעם נאָר מיט מיין וויין. (צו מרים׳ן.) דו דארפסט איהם דאָך נישט האָבען?

ערסטער. איך נעם אויך מיינעם מיט.

דריטער. דאָס איז אפילו מיין וויין, קאָנסט איהם אָבער נעמען.

איזבל (אָנפּאַקענדיג זיך מיט ציערונג). א גוטע נאכט אייך, צדקניות! אייער תשובה איז טאקע א גוטע זאך געוועזען — פאר מיר! האהאהא! (איילט ארויס.)

ערסטער. נישט אזוי שנעל — — מיינע פיס זיינען מיר...

צווייטער (אונטערשטיפענדיג איהם). אה, מרים! אה, פערל!... אה, תמצית פון אונזער וויין!... (געהען ביידע ארויס.)

דריטער (ענטפערנדיג מרים׳ס בליק). איך געה גלייך אוועק. איך האָב בלויז נישט געוואָלט ארויסגעהן צוזאמען מיט

די דאָרט... גאָט זאָל דיך בענשען, מרים, און דיך היטען. פריע־דען מיט דיר! (געהט אַרויס.)

מרים (אטעמט פריי אויף).

חולדה (שטיל). דארף איך אויך אוועקגעהן, מרים?

מרים. ווילסטו וואָס פון מיר, חולדה?

חולדה. איך וועל אויך ארויסוואַרפען מיינע מתנות, מרים.

מרים. וואויל דיר, חולדה.

חולדה. איך בין דיר שטיל נאָכגעגאנגען דעם גאנצען וועג, מרים.

מרים. דאָס ווייס איך, חולדה.

חולדה. איך האָב דיך געוואָלט עפּעס פרעגען, אָבער איך האָב דיין שטילקייט צושטערען נישט געוואָלט.

מרים. דאָס איז געוועזען שיין פון דיר.

חולדה. דיינע אויגען זיינען געווען פערוויינט, און איך האָב אויך געוויינט. פאַר וואָס האָסטו געוויינט, מרים? — — האָט ער דיר הארבעס וואָס געזאָגט?

מרים. ער האָט מיר געזאָגט, אז מיינע זינד זיינען מיר פערגעבען.

חולדה (ברעכט אויס אין טרערען).

מרים. אָבער איך האָב נאָך פריער געוויינט.

חולדה. דיינע זינד זיינען דיר פערגעבען! לאָז מיך א קוש טאָן דיין האנד, מרים!

מרים. ווייל עס נישט, חולדה, וועל איך מיך פרייער פיה־לען מיט דיר.

חולדה. דיינע זינד זיינען שוין פערגעבען...

מרים. ביזט געוועזען ביים לעהרער?

חולדה. ניין.

מרים. פאַר וואָס ביזטו ביי איהם נישט געוועזען?

חולדה. איך האָב נאָך אלץ דעם מוט אין מיר נישט גע־פונען. אָבער איך בין איהם נאָכגעגאנגען דעם גאנצען טאָג און

בעגלייט איהם ביז צו דעם פרוש שמעון'ס הויז. איך האב דיך גע־זעהן אריינגעהן צו שמעון'ען און דיר מקנא געווען און דיך געבענשט.

מרים. וואלסטו געוואוסט, מיט וועלכע געדאנקען איך ביז צום לעהרער געגאנגען, דו וואלסט מיך נישט געבענשט.

חולדה. האסטו דען געקאנט געהן צו איהם מיט שלעכטע געדאנקען ?

מרים. מיט זעהר שלעכטע, חולדה.

חולדה. גאט! און ער האט דאך דיין לעבען גע־ראטעוועט.

מרים. און ווען ? ווי בענעמען מיר אונז מיט גאט, וועל־כער האט אונז דאס לעבען געגעבען ?

חולדה. וועלכע שלעכטע געדאנקען האסטו געהאט, מרים ?

מרים. נאך א מאל צו פרובען איהם.

חולדה. איהם צו פרובען ? !

מרים. לוסט אין איהם אויפצואוועקען, מחשבות זרות אויפצוהעבען אין איהם.

חולדה. און דיינע זינד זיינען דיר פערגעבען ?

מרים. אזוי האט ער געזאגט.

חולדה. פאר וואס האסטו עס ווידער געוואלט, מרים ?

מרים. איך האב א גלויבען אין מיר געהאט, חולדה.

חולדה. איך — פערשטעה — דיך. דו האסט נאך אמאל פערזוכען געוואלט, צי ועסטו איהם בעזיעגען.

מרים. האסטו דאס אונטערטענצלען אין מיין גאנג ניט בעמערקט, און האסטו נישט געזעהן, ווי שלאנגענארטיג מיין קער־פער האט זיך בעוועגט ?

חולדה. דיינע פיס זיינען געגאנגען שטילע מיושב'דיגע טריט, און דיין קערפער איז געווען צוזאמענגעדרעהט, ווי דיך וואלט געפרארען.

מרים. האבען מיינע באקען נישט געפלאמט, ווי דער

מערב־הימעל ביים זונאונטערגאנג, און האָבען נישט מיינע אויגען שארפע קלינגען געוואָרפען?

חולדה. דיין געזיכט איז געוועזן אין דיין מאנטעל פער־הילט, אָבער דיינע אויגען האָבען אויסגעדריקט מורא.

מרים. עס האָט די מענער־פערשלינגעריין אין מיר גע־שריען, און מיינע פולסען האָבען זיעגעסבעוואוסט געקלאפט. האָסטו דען מיין הארץ־קלאפען נישט געהערט, און האָסטו נישט געזעהן, ווי הויך מיין ברוסט האָט זיך געהויבען?

חולדה. אויך מיין הארץ האָט שטארק געקלאפט, ווען איך בין נאָהנט צוגעגאנגען צו איהם, און אויך מיין ברוסט האָט מעכטיג זיך געוואָרפען.

מרים. אך, עטוואָס איז געוועזען אין מיר געגען מיין גאנג, עטוואָס פון מורא און פחד. דאָך איך האָב געוואָלט זיעגען! איך האָב געוואָלט זיעגען! איך האָב עמרם'ען פון זיינע תפלות ארויס־געריסען מיט וואשען איהם די פיס, און דאָס האָב איך געוואָלט יעצט אויף'ן לעהרער אויספּרובירען.

חולדה. איך האָב געזעהן אין דיינע הענד אן אלעבאסטער־פלאש מיט זאלב.

מרים. דאָך באלד האָב איך מיין עראָבערונגס־פּלאן גע־ענדערט. אויף איהם דארף איך שטארקערע מיטלען אָנווענדען, האָב איך מיר געזאָגט, און בעשלאָסען ארויסצוקריגען ביי איהם א קוס מיר אויף די ליפּען. וואָס איך וועל זאָגען, האָב איך געוואוסט, און וואָס ער וועט מיר ענטפערען און וואָס איך וועל ווידער זאָגען. ער וועט מוזען דעם קוס מיר געבען, ער וועט פון מיין ווערטער־נעץ נישט ענטרינען. און וועל איך זיינע ליפּען אויף מיינע האָבען — אה, וועל איך דאָס דאמאָלס זיעגען!

חולדה. גאָט, אה, גאָט!

מרים. ווי א לויבינטע גרייט אָנצופאלען אויף איהר רויב, שלאנק און בויגיג אין קערפּער, מיט פינקלענדיגע אויגען און גע־שארפטען ווילען, בין איך ארויין צו שמעונ'ען. איך האָב געהאט

בדעה צו בעטען, אז אלע זאָלען ארויסגעהן, איך וויל בלייבען מיט'ן לעהרער אויג אויף אויג. אָבער ווי איך האָב איהם דערזעהן —— (שווידערט אויף.)

חולדה (ווארפט זיך פאַר איהר אויף די קני).

מרים (פיהרט זיך מיט דער האַנד איבער שטערן און געזיכט). האָב איך דאָ ערסט גערעדט? האָט נישט א שלעכטער טאָן אריינגעקלונגען אין מיינע רעד? איך גלויב, איך האָב אויף א ווײַלע זיין געשטאַלט פערגעסען.

חולדה (בעהאַלט איהר געזיכט אין מרים'ס שויס).

מרים. ער האָט הארציג עפּעס גערעדט, די רעכטע האנד אויפגעהויבען צום הימעל. א ווארמקייט האָט פון איהם ארויסגעשטראַלט, און זיינע אויגען האָבען מיט געטליכער גוטסקייט געלויכטען. א גאַנצער ליעבע-שטראָם האָט זיך פון זיי געצווייגען און פערפלייצט און דורכגעדרונגען זיינע צוהערער. אין איין מאָמענט האָב איך מיך דערמאָנט אלץ, וואָס איך האָב געהערט פון זיינע רעד און דרשות, און איך האָב גלייך געוואוסט, ער וועט דעם ליפּען-קוס מיר געבען און דאָך זיעגער בלייבען. און ווען ער האָט מיט זיינע אונענדליך גוטע אויגען ביי מיר געפרעגט, וואָס איך וויל, האָט מיין זיעגעסבעוואוסטזיין מיך פּלוצלונג גאַנץ פערלאָזען, מיין הארץ האָט אָנגעהויבען אין מיר צו ציטערן, און מיינע הענד האָבען זיך מיר אראָבגעלאָזען צו דער ערד. א שרעק איז מיך בעפאַלען — צי האָט ער מיין שלעכטע כונה נישט ארויסגעלייענט?! — די שעמעוודיגקייט איז ווידער אויפגעשטיגען אין מיר. און אָנשטאָט צו שטעהן פאר איהם אלס העזה'דיגע פערפיהרערין, האָב איך מיך געשטעלט הינטען צו זיינע פיס מיט אראָבגעלאָזענע אויגען און א געבראָכענעם הארץ. אין שטראָמען האָבען זיך ביי מיר די טרערען ארויסגעריסען, און איך האָב קיין אנדער וואַסער נישט געברויכט זיינע פיס צו וואשען.

חולדה (אויפהעבענדיג דעם קאָפּ). די פיס האָסטו איהם דאָך געוואשען!

מרים. דאָס האָט זיך געטאָן פון זעלבסט. איך בין גע־פאַלען פאר איהם אויף די קני, בעגאָסען זיינע פיס מיט מיינע טרערען, אָבגעווישט זיי מיט מיינע האר. און געקוסט זיי און גע־זאַלבט זיי מיט דער זאַלב. מיין הארץ איז מיר אין מיר צוגאנגען און איך האָב די טרערען אבשטעלען נישט געקאָנט, און אויך גאָר נישט געוואָלט. איך האָב געפיהלט, אז איך וואש מיט זיי ארויס די אלטע מרים, און אן אנדערע, פריי פון זינד און שולד, פערנעמט איהר פלאַץ.

חולדה. און דו האָסט ווירקליך אָהן דעם שלעכטען גע־דאנק — ?

מרים. דאָס דארפסטו מעהר נישט פרעגען. ערסט שפּע־טער אין גאס איז מיר אויפגעקומען דאָס בעוואוסטזיין, אז זיינע פיס האָבען נישט איין מאָל א ציטער געטאָן אין מיינע הענד און אויך נישט אונטער מיינע קוסען, און זיין קול איז געבליבען גלייך און רוהיג. אָבער תיכף האָב איך מיך פערשעמט פאר דעם גע־דאנק און פערגאָסען טרערען פון חרטה.

חולדה. גאָט זאָל דיך דערפאר בענשען, מרים. יעצט זאָג מיר אָבער, ווען און ווי האָט ער דיר געזאָגט, אז דיינע זינד זיי־נען דיר פערגעבען.

מרים. מיט א משל האָט ער דאָס ארויסגעבראַכט, ווענ־דענדיג זיך צו שמעון'ען. פון א מלוה האָט ער דערצעהלט און זיינע צוויי בעלי־חובות. דער איינער איז איהם שולדיג געוועזען פינף הונדערט דינאר, דער אנדערער נאָר פופציג, און ביידען האָט ער זיי זייערע חובות געשיינקט, ווען זיי האָבען איהם נישט געקאָנט בעצאָלען. ווער פון די ביידע וועט דעם מלוה מעהר ליעבען ? דאָך דער, וועמען ער האָט מעהר געשיינקט. און ווייל איך האָב איהם אזויפיעל ליעבע ארויסגעוויזען, האָט ער ארויס־געדרונגען, אז מיינע פיעלע זינד זיינען מיר פערגעבען. און ער האָט זיך געווענדט צו מיר און מיר געזאָגט: „דיינע זינד זיינען

דיר פערגעבען. דיין גלויבען האט דיר געהאָלפען. געה מיט פריעדען."

חולדה (בעוועגענדיג די ליפען, ווי נאָכרעדענדיג די ווערטער, חזר'ט איבער אין עקסטאז). דיינע זינד זיינען דיר פערגעבען. דיין גלויבען האט דיר געהאָלפען. געה מיט פריעדען.

מרים (פערדעקט זיך דאָס געזיכט).

חולדה (פאלט איהר אויפ'ן האלז). דו גליקליכע, איבער־גליקליכע!

מרים (נאָך א ווײלע שווייגען). ווי זעה איך אויס, חולדה? איך וועל אין קיין שפיגעל מעהר נישט אריינקוקען. בין איך אלט געוואָרען? בין איך געוואָרען יונג? עס דוכט מיר׳ אויס, איך בין יעצט גרוי, אָבער עטוואָס זינגט אין מיר, און דאָס זיינען פריה־לינגס־טענער. — — בין איך מרים פון מגדלה? ווער האט מיך אזוי פלוצלונג אומגעביטען? געבענשט זאָל זיין זיין נאָמען פון היינט און אייביג!

חולדה. געבענשט זאָל זיין זיין נאָמען!... מרים, איך געה און שאַף מיר זאלב פון דעם בעסטען סאָרט און געה צו איהם. דו האסט די פיס געזאלבט איהם, איך וועל דעם קאָפ איהם זאלבען.

מרים. טו עס נאָר, חולדה, טו עס נאָר.

חולדה. מיר וועלען דאן אויך די זינד פערגעבען ווערען, מרים!

מרים. נישט פאר דיין זאלב, חולדה, און נישט פאר דאָס זאלבען. דיינע זינד זיינען דיר שוין פערגעבען ווי די מיינע. דער־פאר קאָנסטו איהם דאָך אזוי ליעבען.

חולדה. גאָט זאָל דיך דערפרעהען, ווי דו דערפרעהסט מיך. איך געה יעצט צו איהם, ער וועט עס מיר געוויס זאָגען.

מרים. וואָס ער וועט דיר זאָגען, וועט דיר וואויל טאָן.

חולדה. נאָר נאָך איין פראגע, מרים.

מרים. פרעג, חולדה.

חולדה. וועסטו בלייבען דא? אדער דו וועסט ארויס־ציהען אין א נייע שטאדט, וואו מען קען דיך נישט?

מרים. פאר וואס פרעגסטו דאס?

חולדה. אין א פרעמדער שטאדט וועט לייכטער זיין א נייע לעבען אנצוהעבען.

מרים. דאס נייע לעבען איז אין אונז, חולדה. אבער איך וועל געהן, וואו ער וועט געהן, וועל זיין, וואו ער וועט זיין. איך געהער צו איהם, איך בין זיין דיענסט.

חולדה. דארף איך זיין לעבען דיר, מרים?

מרים. וועסט מיר זיין א ליעבע שוועסטער, חולדה.

חולדה (קוסט איהר די האנד). גאט זאל דיך בענשען און דיך היטען, מרים.

מרים. געה מיט פריעדען, חולדה.

חולדה (געהט אוועק).

מרים (א ווײלע פערזונקען אין געדאנקען). א נײ לעבען אנהעבען... דאס האט זיך לאנג שוין אנגעהויבען... איך בין שוין אלט אין איהם... האב איך ווען אן אנדער לעבען געפיהרט? — איך האב נישט קיין געדעכטניס פאר דאס אלטע. איך האב גע־טרוימט יאהרענלאנג און פלוצלונג בין איך אויפגעוואכט און האב דעם חלום אין גאנצען פערגעסען. דארף איך דען אנטלויפען פון דער שטאדט? (קוקט זיך ארום.) אויך פון שטוב נישט. איך בין ערגיץ ווייט... ערגיץ ווייט אין גאט... מיט גאט... און מיט איהם. ער איז מיין וועגווייזער. ער איז מיין פיהרער. (עס הערט זיך א קלאפ מיט א טיר. שנעלע טריט. זי שוידערט אויף.) עמיץ געהט. וועה וויל מיך דאס אן מיין חלום דערמאנען?!

אלעקסאנדער (קומט האסטיג אריין, ווי געטריבען פון עמיצען).

מרים. אלעקסאנדער?!

אלעקסאנדער. איך!

מרים. וואס ווילסטו דא ביי מיר?

אלעקסאנדער. וואס זאל מען וועלען ביי דיר, זונה?

מרים. עס איז געוועזען א מאל א זונה מרים — — איז זי א מאל געוועזען? — — א בייזער חלום איז עס געוועזען אין איהר לעבען. די, וועלכע שטעהט יעצט פאר דיר, איז קיין זונה נישט.

אלעקסאנדער. עס גערט מיך ווייניג אן, וואס דו זאגסט מיר. איך בין דא דיינע פריידען צו געניסען, דו גרויסע פריידענ־ברייגנערין.

מרים. איך האב גרעסערע פריידען דערקאנט און א גרע־סערען פריידענברייגנער...

אלעקסאנדער. איך קען דעם סוף פסוק, דערצעהל מיר ווייטער נישט. זונה, וועסט מיך מיט דיינע פרומע ווערטער נישט פערטרייבען. עס שמעקט נאך וויין דא ביי דיר אין צימער, און וויינגלעזער, נישט אויסגעטרונקען, שטעהען אויפ'ן טיש. איך קען דיינע פריידען און דיינע פריידענברייגנער. דו וועסט זיך פון מיר נישט ארויסדרעהען. דו האסט א פייער אנגעצונדען אין מיר, דו מוזט עס לעשען.

מרים. דעם וויין, וועלכען דו זעהסט, האב איך נישט גע־טרונקען. איך בין אין דער היים נישט געוועזען, ווען מענער הא־בען זיך דא פערזאמעלט...

אלעקסאנדער. רעד נישט פיעל. איך גלויב דיר נישט קיין ווארט.

מרים. ביי וואס זאל איך דיר שווערען?

אלעקסאנדער. איך גלויב דיין שבועה נישט מעהרער ווי דיין ווארט. איך וויל דיך האבען און דו וועסט מיר מוזען געהע־רען, און זאל אויך זיין, אז דו ביזט דורך א נס גאנץ פלוצלונג פרום געווארען.

מרים. וועסטו דו ברויכען געוואלט?

אלעקסאנדער. ווען דו וועסט מיט גוטען מיר נישט וועלען געהערען.

מרים. איך בעט דיך, אלעקסאנדער, אין נאָמען פון גאָט, אין נאָמען פון אונזער פאָלק...

אלעקסאנדער. לאָז גאָט און אונזער פאָלק! דו האָסט מיין נשמה־רוה צושטערט, דו האָסט מיר מיין זיכערהייט גע־רויבט. ווי דלילה ביזטו געקומען צו מיר און מיר מיין קראפט צו־בראָכען. איך בין נישט מעהר איך. דו האָסט מיינע געדאנקען פון זייער גלייכען וועג אראָבגעפיהרט...

מרים. דו זיי מיר מוחל! איך בעט עס דיך פון טיעפען הארצען. איך בין שלעכט געוועזען...

אלעקסאנדער. און איך וויל ווערען שלעכט! איך בין ווילד ארומגעלאָפען אין מיין צימער און אין די גאסען און אויף די וועגען אויסער שטאָדט. האָב געקעמפפט מיט מיר, און אט שטעה איך דאָ! האָסט ווײן אין שטוב, לאָמיר טרינקען. איך בין נאָך קיינמאָל שיכור נישט געוועזען, ווײן איז קיינמאָל איבער מיינע ליפען נישט אריבער. זאָל יעצט אלץ געבראָכען ווערען! — דו שטעהסט און ציטערסט! דיין קרבן שרייט צו דיר נאָך דיר! גיב מיר יעצט דיינע אויגען, גיב מיר דיינע בליקען! שארפער זיינען זיי פון שפיזען, שטארקער פיעל פאר ווײן. דעק מיר דיין ברוסט אויף, גיב מיר דיין נאקעטקייט! אה, ווייב! (ער הייבט זי אויף אויף זיינע ארמס און טראָגט זי צום בעט.)

מרים (שרייט אויף). העלף מיר, גאָט, אין מיינע נויטען!

אלעקסאנדער (ווארפט זי פלוצלונג אַוועק פון זיך, ווילד אויפשרייענדיג). ניין! ניין! ניין! (מיט ווילדער בעוועגונג לאָזט ער זיך צו דער טיר.)

אליעזר (קומט אַריין, בלייבט שטעהן גאנץ ערשטוינט). אלעקסאנדער!

מרים (שעפטשעט אַרויס). איך דאנק דיר, גאָט!

אלעקסאנדער (קעמפפט שווער מיט זיין אָטעם).

אליעזר. דו — דאָ? — — אויפגערעגט — ווילד — — —

אלעקסאנדער (שטעמט ארוים). נישט מעהר — נישט מעהר! —

אליעזר. העב נאר דיינע אויגען אויף צו מיר.

אלעקסאנדער. הא, איך קאן עס! נאך קאן איך עס! אה, גאט!... (רייסט זיך ארויס.)

אליעזר (קוקט איהם נאך). אן אייזערנער יונג. און איך וויל עס אויך פערזוכען צו זיין. ווען וועט עס שווערער פאלען? ער איז שטענדיג הארט געוועזען, איך מוז מיך ערסט פערהארטע־ווען. ווער איז דאן דער שטארקערער? ווי מיינסטו, מרים?

מרים. איך פערשטעה דיך קוים.

אליעזר. וועסט עס גלייך פערשטעהן. הא, שטעל וויין אויפ'ן טיש, פון דעם בעסטען און דעם שטארקסטען, זיין ריח אליין זאל שוין בעטרונקען מאכען. און שטעה נישט אזוי ווי אוועקצו־געהן. נעם דעם מאנטעל פון דיר אראב, און די איבעריגע קליידער, וועלכע בעהאלטען פערברעכעריש דעם שענסטען פרויען־קערפער. איך וויל פון די שיכור ווערען. זאמעל אן דיין גאנץ פייער אין דיינע אויגען, ברייננ ארויס דעם גאנצען רייץ פון דיינע גליעדער. איך וויל שיכור ווערען פון דיר! קום, מאך עס שנעל און זעץ דיך אויף מיינע קני, נעם מיך ארום מיט דיינע נאקטע ארמס... וואס שטעהסטו, ווי צו אייז פערגליווערט? מרים, הערסטו מיך? מרים!

מרים. האסטו גערעדט צו מיר?

אליעזר. ווי?

מרים. איך האב דיך נישט געהערט.

אליעזר. דו האסט מיך נישט געהערט?

מרים. די מרים, וועלכע האט דיך געדארפט דערהערען, איז נישטא דא מעהר.

אליעזר. וואס זאל דאס בעדייטען?

מרים. קיין מאן וועט מעהר מיך נישט בעריהרען.

אליעזר. דער נוצרי! — — מיינסט עס ערנסט?

מאכסטו שפאס? העב נאָר דיינע קלוגע אויגען אויף און לאָז מיך זעהן די פונקען, וועלכע שפריצען לוסטיג פון זיי.

מ ר י ם (העבט אויף די אויגען, קוקט איהם אַן רוהיג, פרעמד, פערקלערט).

א ל י ע ז ר. מרים! — — די אויגען מאכען נישט קיין שפאס! — — און פלוצלונג אויף איינמאָל, אַהן קראפטאַנוועג־דונג? ווי האָסטו אזוי לייכט איבערגעריסען די שטריק, וועלכע האָבען דיך געהאלטען צו דיין לעבען?

מ ר י ם. דאָס זיינען קיין שטריק נישט געוועזען.

א ל י ע ז ר. דיין ווענוס־גלויבען?

מ ר י ם. איך האָב איהם מיר אליין בעשאפען. יעצט איז ער טויט אין מיר.

א ל י ע ז ר. דאָך די תאוות, וועלכע זיינען אין דיר געזעסען, האָבען זיי דיך דען נישט בעהערשט און האָבען זיי דען נישט אונ־טערגעיאָכט דיין ווילען? האָסטו דען דורך זיי נישט געמוזט טאָן, וואָס דו האָסט געטאָן?

מ ר י ם. איך וויים נישט מעהר, צו האָב איך דאָס געמוזט.

א ל י ע ז ר. ביזטו גאנץ זיכער, דו וועסט מעהר דיך צו דיין זינדען־לעבען נישט אומקערען?

מ ר י ם. קיינמאָל נישט מעהר! קיינמאָל נישט מעהר! א שטארקערער האָט יעצט זיין מאכט איבער מיר, אַן איהם שארף איך מיין ווילען.

א ל י ע ז ר. און זיכער און אָהן צווייפעל געהסטו איבער אין א נייע לעבען! — — זעה — ווען דו ביזט היינט אריינגעקומען צו אלעקסאנדערן, האָב איך גלייך פערשטאַנען דיין מיין און ארויס־געוואונקען אלע פריינד פון צימער, דו זאָלסט בלייבען מיט איהם אליין. איך האָב געוואוסט, דו וועסט מסתמא איהם בעזיעגען, און זיין שטריינגקייט וועט דאן געבראָכען ווערען. דאָס איז געוועזען נעמיין פון מיר און נידערטרעכטיג, און איך האָב צו מיר געזאָגט: דיינע שוואכקייטען האָבען דיך צום פערעטער פון דיין פריינד

געמאכט, יעצט מוזטו דיך פון זיי בעפרייען. בעזיעג אין דיר די תאוות — —

מרים. און ביזט געקומען צו מיר!

אליעזר. עס האט אן אינערע שטימע צו מיר געזאגט: געה צו דער פערפיהרערישסטער פון אלע פרויען, לאז דיך פון איהר גאנץ שיכור מאכען און רייס דיך דאן פון איהר אוועק. דאס וועסטו דיך פון דיינע שוואכקייטען אוועקרייסען, דיין נצחון איבער דיר אליין וועט זיין אן ערבות דיר אויף ווייטער. איך האב געפאלגט דער אינערער שטימע און בין אוועק צו דיר, דאך האבען מיך געוויסע צווייפעל דעם גאנצען וועג בעגלייט. איך האב צו לאנג מיינע שוואכקייטען נאכגעגעבען, צו לאנג האבען די תאוות מיך בעהערשט.

מרים. מיין גלויבען, וועלכען איך האב היינט געפונען, פילט מיך מעהר אוים, ווי דיך דיין טעטיגקייט. איך האב קיין צווייפעל נישט.

אליעזר. איך וואלט געוואלט אין דיין הארצען אריינקוקען, פרובען דיינע געדאנקען. ביזטו ווירקליך אזוי זיכער און ריהרען זיך אין דיר קיין צווייפעל נישט? ערגיץ טיעף אין דיר העבען די תאוות נישט אויף זייערע קעפ, ווי די שלאנגען פון זייערע הוילען? ברענגען זיי דיך נישט דורך מיט זייערע גרינע אויגען און קאכט די זינד אין דיר נישט אויף? דערמאן איך דיר אן גאר נישט? וועק איך גאר נישט אין דיר אויף?

מרים. געה, אליעזר.

אליעזר. געהט נישט דורך א זיסער שוידער איבער דיין לייב, ווייל דו דערמאנסט דיך אונזער ערסטען צוזאמענקום, און ליעגט דיר נישט נאך אין די גליעדער אונזער לעצטער? היינט אין דער פריה איז עס דאך געוועזען — — בלויז היינט אין דער פריה! אך, ווי האט דער טאג פאר אונז זיך אנגעהויבען! געדענקסטו דעם פריהמארגען? דו האסט געיובעלט אין מיינע ארמס און ווי האסטו מיך געליעבט! ווי רוהיג דו הערסט עס! וויינ! —

(אָטעמט שווער, אויפגערעגט, קוקט זי ווילד ליידענשאַפטליך אַן און רופט פלוצלונג אויס.) לעב אין פריעדען, מרים! (איילט אַוועק.)

מרים (אַ וויילע שטיל שטעהענדיג). יעצט וועל איך צו־שליסען די טירען. עס קאָן נאָך עמיץ אנדערם קומען. (געהט צו דער טיר, בלייבט שטעהן.) ניין, איך וועל מיך נישט פערשליסען. זאָלען זיי קומען. גאָט שיקט מיר זיינע נסיונות צו, איך וועל מיך פון זיי נישט פערשליסען. (זעצט זיך.) ווי איז דער טאָג אָבער לאנג געוועזען! ווען און ווי האָט ער זיך אָנגעהויבען? א חלום! א חלום! איך האָב'ם פערגעסען! — א לאנגער, לאנגער טאָג! און איך בין מיד. יעצט וועט גוט זיין שלאָפען! — שלאָפען! (שטעהט אויף און געהט צום בעט, נעמט אַראָב פון זיך דעם מאַנטעל, העבט אָן אראָבצונעמען פון זיך די שיך.) מען זאָגט, אז ער שלאָפט אויף דער הוילער ערד. זיינע תלמידים טוען עס אויך. מיין בעט איז צו וועיך. — — איך האָב פאר אייך קיין מורא נישט, מיינע קיסענס, איהר דערמאָנט מיך אָן גאָר נישט. אָבער איך וועל אויף אייך נישט שלאָפען. איך וועל דאָך נישט ליעגען ווייך, ווען ער ליעגט הארט. איך שמיים אייך גלייך פון בעט ארוים. — — ניין — איך לעג מיך אויף הוילער ערד. דעם מאַנטעל בלויז וועל איך מיר צוקאָפּענס לעגען. (געהט נאָך פאָרנט און לעגט זיך אויף דער ערד.) אך, די גליעדער זיינען מיד! דאָך די געדאנקען לויפען מיר דורך דעם קאָפּ און טרייבען דעם שלאָף פון מיר. — ווי וואָלט איך געוואָלט א י ה ם יעצט רעדען הערען! וואו איז ער יעצט? ווער האָט דאָם גליק יעצט איהם צו הערען? — — אך, קאָן איך איהם יעצט נישט הערען, קאָן איך אָבער זיין מיט גאָטס וואָרט. (שטעהט אויף, געהט צו צום שראַנק און נעמט ארוים א פּארמעט, נעמט אַ ברענענד ליכט און שטעלט אויף דער ערד ביי זיך צוקאָפּענס, לעגט זיך אוועק און העבט אָן צו לייענען.) אין אָנהעב האָט גאָט בעשאפען דעם הימעל און די ערד...

נינא מארדענ׳ס ליעבע׳ס

(21 יולי — 14 אוגוסט, 1915)

ערשטער עפּיזאָד.

דער חתונה־אָוונד

פערזאנען:

גינא.
דזשעסי מארדען.
ערנסט שעפער.
פיליפ וועגדזשער.
דזשארדזש סטוירן, א מאלער.
העלען בוקמען.

א גרויס, רייך ביבליאָטעק־צימער. — ערנסט שעפער און פוליס וועגדזשער קומען אריין.

שעפער. דאָ קאָנען מיר האָבען אונזער איינזאמקייט און אונזערע סיגארען. (גיט וועגדזשערן אַ סיגאר און נעמט זיך אויכע, פערריכערן, לאָזען לאַנגזאַם ארויס דעם רויך, קוקען זיך דערביי אָן און לאַכען אויף.)

וועגדזשער. פון וואנען האָט איהר געוואוסט, אז איך האָב געוואָלט לאַכען?

שעפער. ווייל איך פיהל דעמזעלבען קיצעל.

וועגדזשער. דעמזעלבען קיצעל?

שעפער. און דעמזעלבען שטאָך.

וועגדזשער. דאָ שטעהען מיר ביידע — ארויסגעוואָרפענע, אָבגעטרייסעלטע, בעזייטיגטע. ווי זאָל איך עס זאָגען? — שנעל־אין־נאָז־מענשען.

שעפער. און ווי איז דאָס געקומען? איך האָב געזעהן די געפאהר פאר מיר נאָר פון אייער זייט.

וועגדזשער. ווי איך פון אייערער. און זי האָט אויסגעקליבען דעם גרויסען אונבעקאנטען.

שעפער. און גראָד אין א מאָמענט, ווען איך בין געוועזען זיכער, אז איך האָב זי.

וועגדזשער. האָט איהר אויך געהאַט דעם מאָמענט?

שעפער. איך האָב געהאַט דאָס פולע רעכט צו דענקען, אז זי איז מיינע.

וו ע נ ד ז ש ע ר. האט זי אונזביידען, הייסט עס —

ש ע פ ע ר. ארייננגעלעגט א רינג אין נאז און ארומגעפיהרט.

וו ע נ ד ז ש ע ר. איז נישט מיין נאז לענגער געווארען?

ש ע פ ע ר. איז נישט מיין נאז דורכגעלעכערט? (לאכען, רויכערן, — פאוזע.) איהר וועט דאך מיר ענטשולדיגען, וואס איך האב אייך אפט געשיקט צום טייפעל?

וו ע נ ד ז ש ע ר. און איך דארף ביי אייך בעטען אום פערצייאונג, וואס איך האב אייך אפט געלאזט דורכגעהן דעמזעלבען מהלך.

ש ע פ ע ר. איהר זייט מיר געוועזען דער איבעריגסטער מענש אויף דער וועלט.

וו ע נ ד ז ש ע ר. און איך האב מיך געוואונדערט, וואס די ערד טראגט אייך.

ש ע פ ע ר. זי איז געוועזען א זיס מיידעל.

וו ע נ ד ז ש ע ר. איהר רעדט ווי איינער, וועלכען עס פעהלט ענטוזיאזם.

ש ע פ ע ר. איצט, אין ד ע ם מאמענט — גאנץ געוויס. איצטער האב איך א ביטערען נאכגעשמאק. קאנט א י ה ר בעגייסטערט רעדען?

וו ע נ ד ז ש ע ר. איך קאן בעגייסטערט שווייגען, אבער אין מיר פיהל איך זי אזוי שטארק, אזוי שטארק —

ש ע פ ע ר. קענט איהר א י ה ם?

וו ע נ ד ז ש ע ר. דעם גרויסען אונבעקאנטען?

ש ע פ ע ר. דעם גליקליכען עראבערער.

וו ע נ ד ז ש ע ר. ניין, איך האב איהם קיינמאל נישט געטראפען. פאר מיר איז ער ווי פון הימעל אראבגעפאלען. קענט איהר איהם?

ש ע פ ע ר. זעהר גוט.

וו ע נ ד ז ש ע ר. און?

ש ע פ ע ר. א גארנישט. א נול.

וועגדזשער. דאס האב איך שוין געהערט פון פערשיע־דענע זייטען. קאנט איהר בעגרייפען?

שעפער. א פרויענקאפריז. מיר זיינען געוועזען איהר קאפריז אויף צו שפיעלען זיך און פלירטען, ער איז איהר קאפריז אויף חתונה צו האבען.

וועגדזשער. צו פערבינדען זיך אויף דאס גאנצע לעבען?

שעפער. ווארט נאך אב, ווי די פערבינדונג וועט אויספאלען.

וועגדזשער. אפשר האט זי ענטדעקט אין איהם זיי־טען, וועלכע זיינען נישט בעמערקט געווארען פון אייך און די אנדערע, וועלכע האלטען איהם פאר א נול?

שעפער. אה, אויב דאס קאן אייך טרייסטען —

וועגדזשער. זי איז מיר צו קלוג, זי זאל חתונה האבען מיט א נול.

שעפער. אפשר דערפאר.

וועגדזשער. עס וועט דאך איהר אזוי לאנגווייליג זיין.

שעפער. האהאהאהאהא!...

וועגדזשער. אייער ענטפער איז מיר נישט בעזונדערס קלאר. איהר ווילט דאך נישט חושד זיין, אז זי וועט —

שעפער. אה, איך וויל זי נישט חושד זיין אין גארנישט און בין זי חושד אין אלץ. זאגט מיר בעסער, ווי אזוי זיינען מיר היינט דא. פאר וואס זיינען מיר געקומען?

וועגדזשער. איינמאל אלס אינגעל האב איך געהאט א געשלעג און בין שרעקליך צושלאגען געווארען. מען האט גע־מיינט, איך וועל מיט'ן לעבען נישט דורך. און דערנאך האב איך ליעב געהאט צו געהן צו דעם פלאץ, וואו איך בין אזוי געשלאגען געווארען, און שטעהן דארטען און ארומקוקען, און טראכטען, ווי מען איז מיך בעפאלען, ווי מען האט מיך געשלאגען, ווי איך האב זיך פערטיידיגט.

שעפער. דערפאר זיינען מיר היינט דאַ.

וועגדזשער. איך גלויב אזוי. איך געווים.

שעפער. ווייסט איהר וואָס? לאָ׳מיר זיך אַבטראָגען פון דאנען. (שטעהט אויף). קומט, מיר געהען צו מארטען —

וועגדזשער. דאָס איז א גוטער געדאנק. (שטעהט אויף.) ביי אן איינזאמען טישעל און שאמפאניער — —

נינא (קומט אַריין). שטער איך?

ביידע (שטעהען גאַנץ איבערראַשט, קוקענדיג אויף איהר, ווי נישט גלויבענדיג זייערע אויגען).

נינא (לאַכט). נא, נו, וואָס עפּעס אזוי, ווי דעם אלטען האמלעט׳ס גייסט וואָלט אייך איבערראשט? דאָס בין איך: מרס. דזשעסי מארדען, געבאָרענע נינא מייערס, אין דעם אָוועגד פון איהר חתונה, א קליינע ווייל פאר איהר אַבפאָהר אויף איהר האָניג־חדש. נו, וואָס שטעהט איהר און קוקט אזוי? אָדער זעה איך אוים ווי א גייסט? זעצט זיך. אָדער איהר האָט געוואָלט אוועקגעהן? עס מאכט נישט, בלייבט נאָך. מיר וועלען א ווייל א רעד טאָן, איך האָב אייך ביידען שוין לאנג נישט געזעהן — זינט די גרויסע קאטאסטראָפע פון מיין פערלאָבונג מיט מיין יעצ־טיגען ערסט אָנגע׳חתונה׳טען הערר און הערשער.

שעפער. מרס. דזשעסי מארדען, געבאָרענע נינא מייערס, איז עס צופאל אָדער געזוכטער איבערפאל?

נינא. מיין אריינקומען יעצט אהער? געזוכטער איבער־פאל. איך האָב בעמערקט, ווי איהר ביידע זייט אהער פערשוואונ־דען, האָב איך גלייך גענומען מאנעווירען, איך זאָל מיך קאָנען ארייגשמוגלען צו אייך.

שעפער. צו וואָס?

נינא. אָט זעצט זיך. איך בעט אייך, נעמט פּלאַץ.

וועגדזשער (זעצט זיך).

שעפער (צו וועגדזשער). זעהען מיר נישט אוים, ווי גרויסע נארען?

וועגדזשער. איך האב אייך פריער פערגעסען צו זאגען, אז דער עיקר האב איך ליעב געהאט צו קוקען אויף די, וועלכע האבען מיך געשלאגען.

שעפער. איך טייל אבער נישט אייערע געפיהלען. ווילט איהר נישט מיט מיר?

נינא. אה, ערנסט, נישט אזוי אונהעפליך און אונפריינדליך.

שעפער. עס קאן נישט זיין אונהעפליכער און אונפריינדליכער, ווי דיין יעצטיגער אריינקום אהער.

נינא. עס האט מיך געטריבען.

שעפער. נעהנטער אנצוקוקען דיינע אפפער? צו לאבען זיי אין געזיכט? מכבד צו זיין זיי צום לעצטען מאל מיט דעם קיצעל פון דיין פלירט?

נינא. איז דאס לעצטע דיר אונאנגענעם?

שעפער. קומט, וועגדזשער.

וועגדזשער. עס איז דאך אינטערעסאנט צו וויסען, וואס האט זי געבראכט אהער.

נינא. זעהסטו, פיליפ איז קליגער און פריינדליכער פאר דיר. זעץ זיך, איך בעט דיך.

שעפער (קוקט זי אן שארף, בייז, האלב פערעכטליך).

נינא. היהי... האט איהר אייך עפעס אמוזירט? איז עס נישט שיין געוועזען, ווי? ווי האב איך עפעס אויסגעזעהן? — אה, קוקט נישט אזוי אויף מירביידע!

וועגדזשער. איך ווארט, דו זאלסט אונז זאגען, פאר וואס דו ביזט געקומען.

נינא. פערדריסט דיך, וואס איך בין אריינגעקומען?

וועגדזשער. ניין.

נינא. דו זיסער יונג!

שעפער (הארט און שטרייננג). פאר וואס ביזטו אריינגעקומען?

נ י נ א (נאכמאכענדיג). „פאר וואס ביזטו אריינגעקומען ?“ איך האב מיר געדאכט, אז איהר וועט דא רעדען וועגען מיר, האב איך געוואלט וויסען, וואס איהר האט דא גערעדט וועגען מיר.

ש ע פ ע ר. ווילסטו אונז נישט זאגען, פאר וואס האסט דו די גאנצע צייט געלאכט פון אונז — פון מיר ווי פון איהם ? פאר וואס דו האסט געמאכט מיך גלויבען —

נ י נ א. דיך אזוי ווי איהם.

ש ע פ ע ר. אז דו ליעבסט מיך, אז —

נ י נ א. אז איך ליעב דיך ? — דאס איז נישט אמת, מיין יונג.

ש ע פ ע ר. נישט אמת ?

נ י נ א. דאס האסטו פון מיר קיינמאל נישט געהערט.

ש ע פ ע ר. האב איך דיך נישט — (תאקט אב.)

נ י נ א. געקוסט ? קאנסט עס ארויסרעדען. פיליפ האט מיך אויך געקוסט.

וו ע נ ד ז ש ע ר. און ווי !

נ י נ א. איך האב מיך פון אייךביידען געלאזט קוסען — אבער האב איך אייך געקוסט ?

ש ע פ ע ר און וו ע נ ד ז ש ע ר (קוקען זיך איינער דעם צווייטען אן און לאזען אראב די קעפ).

נ י נ א (לאכט אויף).

ש ע פ ע ר. אבער דו האסט זיך געלאזט קוסען און דו האסט —

נ י נ א. אה, בעזוכט דיך אין דיין וואוינונג, זאג עס ארויס. איך האב איהם אויך בעזוכט.

וו ע נ ד ז ש ע ר. מיר דוכט, אז איך פיהל דארטין נאך יעצט דיין אטעם און דיין פארפיום, נינא.

נ י נ א. דו ליעבער, ליעבער יונג !

ש ע פ ע ר. האב איך נישט געזאלט גלויבען, אז ווען איך וועל בעטען דיין האנד —

נינא. פאר וואָס האַסטו נישט געבעטען?

שעפער. פאר וואָס האָב איך נישט — — ? (פּלויטס גאַנץ פערגלייווערט.)

נינא. נו, פאר וואָס?

וועגדזשער (לאַנגזאַם). אויך איך האָב נישט געבעטען.

נינא (לאַכט).

וועגדזשער. און ווען איך וואָלט געבעטען?

שעפער. אָה, זי האָט אייך נישט געליעבט, ווי זי האָט מיך נישט געליעבט. זי האָט זיך דאָך בלויז געלאָזט אָנקוקען און אליין אונז נישט געקוקט!

וועגדזשער. און ווען איך וואָלט געבעטען דיין האַנד, נינא?

נינא. דו וואָלסט זי דאָך נישט געקראָגען, ליעבער יונג, און ער אויך נישט.

וועגדזשער. פאר וואָס?

נינא. ווייל איהר האָט מיךביידע שלעכט געליעבט

שעפער און וועגדזשער. שלעכט געליעבט?!

נינא. איהר האָט מיך צו ליכט גענומען. ווי אַ שפּיעל־צייג. ווי אַ מעטרעסע. ווי בלויז אַ קיצעל. ווען איך האָב מיט אייך געפלירט, האָב איך אייך אויך געשטודירט אלס — מיינע — מעגליכקייטען. איך האָב אייך ביידען געלאָזט מיך קוסען — „אייך ביידען" קלינגט אונאנשטענדיג, ווי? האהא! אָבער וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, אז איהר האָט מיך ביידע צו גלייכער צייט אטאַקירט? — איך האָב אָנגענומען אייער איינלאַדונג צו בעזוכען אייך אין אייערע רעספּעקטיווע וואוינונגען, און איהר האָט זיך דאָרטין בענומען, איך מוז עס אייך יעצט זאָגען, גאַנץ אונאנשטענדיג. דער עיקר דו, ערנסט. אָבער אזוי האָב איך אייך דער־קאַנט. ווייסט איהר, וואָס איך האָב געפיהלט אין אייערע בע־ריהרונגען? דאָס פלייש פון די נקבות, וועלכע איהר האָט בע־ריהרט פאר מיר.

שעפער (גראָב). איך האָב די געוועהנהייט מיינע הענד גוט צו וואַשען.

ניִנאַ. פאַראַן מענשען, וועלכע קאָנען זייערע הענד קיינמאָל נישט ריין מאַכען.

שעפער (שרייט אויף). דאָס איז אַ בעליידיגונג.

ניִנאַ. איך האָב דיר געענטפערט אויף דיין טאָן.

שעפער. איך האָב דיר געוואָלט זאָגען, אַז דו האָסט דיך דאָס איינגערעדט — דאָס מיט דעם פלייש פון נקבות, אַז דו האָסט געליטען פון אַ בעזונדער בעריהרונג־האַלוצינאַציע.

ניִנאַ. פיליכט, אָבער אייער בענעמען־זיך איז געוועזען אַזאַ — —

וועגדזשער. און מר. מאָרדען?

שעפער. דער טעמפעראַמענטלאָזער מענש! די אייזשטאַנג!

ניִנאַ. עס איז מיר, ווי ווען איך וואָלט געוועזען זיין ערסטע, זיין איינציגע און דער עיקר — זיין גאַנצע צוקונפט. איך בין ביי איהם קיין קאַפּריז נישט.

שעפער. אָבער ער ביי דיר.

ניִנאַ. אויך נישט.

וועגדזשער. ליעבסטו איהם?

שעפער (גראָב). אַך, וואָס, ליעבען! איהם ליעבען! יענער איז —

דזשעסי מאָרדען (קומט אַריין, בלייבט אונענטשלאָסען אין דער טיר).

ניִנאַ. אָה, קום אַריין, דזשעסי!

מאָרדען (אַריינקומענדיג אין צימער). איהר׳ט מיר ענטשולדיגען, אָבער איך האָב געוואָלט דערמאָנען מרס. מאָרדען, אַז מיר דאַרפען שוין באַלד פאָהרען.

ניִנאַ. יאַ, דזשעסי ליעבער! מיר וועלען נאָר ענדיגען אונזער געשפּרעך. קום זעץ זיך לעבען מיר.

מ א ר ד ע ן (זעצט זיך צו לעבען איהר).

נ י נ א (נעמט זיין האַנד). איך נעם דאַ נעמליך אבשייד פון דיינע געוועזענע קאָנקורענטען. (צו שעפער'ן.) ענדיג, וואָס דו האָסט געוואָלט זאָגען. (צו מאַרדען.) מר. שעפער האָט געוואָלט זאָגען זיין מיינונג וועגען דיר, ווען דו ביזט אריינגעקומען.

מ א ר ד ע ן (לאַכענדיג). זעצט פּאָרט! זעצט פּאָרט! איך בין געשפּאַנט צו הערען.

ש ע פ ע ר (צו נינא'ן). ווי זאָל איך דאָס אָנרופען?

נ י נ א. ענדיג. דעם נאָמען וועלען מיר שוין צוטראַכטען.

מ א ר ד ע ן. אַזא פערלעגענהייט. די מיינונג מוז מסתמא נישט זעהר קיין גלענצענדע זיין.

ש ע פ ע ר. קומט, וועגדזשער.

ו ו ע נ ד ז ש ע ר. איך דענק אויך, מיר געהען בעסער.

מ א ר ד ע ן. אָה, איך האָב ווירקליך נישט געדענקט אייך צו פערטרייבען.

ש ע פ ע ר. אדיע!

ו ו ע נ ד ז ש ע ר. אדיע, גליקליכע רייזע! (ביידע אָב.)

נ י נ א (ברעכט אויס אין אַ געלעכטער). ד י וועל איך שוין קיינמאָל נישט זעהן.

מ א ר ד ע ן (קוסט איהר האַנד).

נ י נ א. ביזטו צופריעדען? אויף די ועסטו נישט דארפען אייפערזיכטיג זיין.

מ א ר ד ע ן. ניין, אויף ד י נישט.

נ י נ א. ווי דו האָסט עס געזאָגט!

מ א ר ד ע ן. האהאהא...

נ י נ א. דו ווייסט, זיי האָבען מיך געפרעגט, צו איך ליעב דיך.

מ א ר ד ע ן. און וואָס האָסטו זיי געענטפערט?

נ י נ א. גראד ביזטו אריינגעקומען.

מ א ר ד ע ן. א שאָד. איך וואָלט אויך געוואָלט וויסען דעם ענטפער.

נ י נ א. דו וואָלסט געוואָלט?

מ א ר ד ע ן. ניין. איך מאַך שפּאַס. איך האָב דיר דאָך קיינמאָל די פראַגע נישט געשטעלט.

נ י נ א. דו ווייסט, דו ביזט מיר באַלד א רעטענים.

מ א ר ד ע ן. א רעטענים? נישטאָ דאַכט זיך קיין איינ־פאַכערער ווי איך. אַלץ קלאָר און דייטליך. איך האָב דיך גע־וואָלט פאַר א ווייב, דו האָסט איינגעווילינט. איך האָב מיינס דערגרייכט און איך ווער — (האַקט אָב און בלייבט זיצען מיט דעם בליק אָנגעשטעלט אין דער ווייט.)

נ י נ א. וואָס קוקסטו אזוי? וואָס האָסטו געוואָלט זאָגען? דזשעסי ליעבער, דערענדיג דאָך.

מ א ר ד ע ן (אַריבערטראָגענדיג אויף איהר דעם בליק מיט א לייכטען, טרויעריגען שמייכעל). פיליכט זאָל איך עס דערענדיגען מיט יאָהרען שפּעטער?

נ י נ א. גאָט בעוואהר! דיין בליק און דיין נישט דער־ענדיגטער זאַץ וועלען מיך פערפאָלגען דורך דאָס גאַנצע לעבען. איך וועל אונרוהיג זיין. איך וועל מיך פיהלען, ווי לעבען א געהיימנים.

מ א ר ד ע ן. האהא... ווי דו ווילסט... איך קאָן עס דיר דערענדיגען.

נ י נ א. טו עס, דזשעסי, ליעבער!

מ א ר ד ע ן (אַריינקוקענדיג איהר אין די אויגען, מילד און צאַרט). איך האָב מיינס דערגרייכט און איך ווער — נעמען אויף מיר די קאָנסעקווענצען.

נ י נ א (גאַנץ ערשטוינט). די קאָנסעקווענצען?!

מ א ר ד ע ן (גוטמוטיג). אָה, אַלץ דערקלערען און פער־נאַנדערקייען וויל איך דאָך נישט.

נ י נ א. איך — פערשטעה — דיך.

מ א ר ד ע ן (א ביסעל טרויעריג). הם — ווירקליך?

נ י נ א. איך האב עס דערקאנט אין דיר.

מ א ר ד ע ן. דערפאר האסטו אפשר איינגעוויליגט מיך צו נעמען?

נ י נ א. אה, דארפסט דיר נישט מאכען קיין געדאנקען.

מ א ר ד ע ן. איך מאך מיר זיי אויך נישט.

נ י נ א. עס איז אמת, איך ליעב מענער־געזעלשאפט, איך ליעב אויך דעם פלירט. עס איז דאס זאלץ פון לעבען.

מ א ר ד ע ן (לאכט). נאר נישט איבערזאלצען.

נ י נ א. איך ווייס — און דאס איז מיין פילאזאפיע אין א נוס־שאלעכטס — יעדע פרוי קאן קריגען יעדען מאן, אבער נישט יעדער מאן קאן קריגען יעדע פרוי, און עס איז דאך אינטערעסאנט דורכצונישטערן צווישען די מענער און אנטרעפען אזעלכע, וועלכע איך וואלט ג ע וו א ל ט האבען.

מ א ר ד ע ן. דאס איז פיעל פערשפרעכענדיג.

נ י נ א. א מאל קאן מען דורכגעהן דאס גאנצע לעבען און נישט געפינען קיין איינציגען.

מ א ר ד ע ן. דאמאלס לאנגווייליגט מען זיך ווי עס איז דורך מיט׳ן מאן — איך וויל עס האפען...

נ י נ א. פוי, ווי מיר האבען זיך ביידע צורעדט!

מ א ר ד ע ן. האהא... אין דעם חתונה־אווענד ביי׳ם איינטריט פון דעם האניג־חדש, האהאהא... מיר זיינען נייע מענשען אין אנהעב פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט. מיר זיינען אריגינאלען.

נ י נ א. נעם מיך ארום און גיב מיר א קוש.

מ א ר ד ע ן. דאס וו י ל ס ט ו פון מ י ר?!

נ י נ א. שטארק!

מ א ר ד ע ן (גאנץ שווינדליג, מיט דער האנד אויף דער שטערן). דאס איז מעהר, ווי איך האב דערוואַרט.

נ י נ א (פול לאַסקע). מיין אָרמער, טייערער דזשעסי!
(דריקט זיך צו איהם צו און דריקט אַרויף איהרע ליפּען אויף זיינע.)

מ א ר ד ע ן (נעמט זי אַרום און קוסט זי ליידענשאַפטליך). בעסטען דאנק. דו האָסט מיר פיעל געגעבען. דו האָסט אַ בעטּ־לער רייך געמאַכט. איך האָב שוין מיין גרויסען טייל.

נ י נ א. ביזט אַ מערקווירדיגער. איך האָב דיך גאַרנישט געקאָנט. און קיינער קען דיך נישט. דו ביזט פיעל מעהר, ווי דאָס, פאַר וואָס מען האלט דיך.

מ א ר ד ע ן. די נול האָט זיך צוגעשטעלט צו אַן איינס.

נ י נ א. האָב איך דיך ווירקליך אזוי רייך געמאַכט?

מ א ר ד ע ן. דו ווייסט נישט, ווי דו קאָנסט רייך מאַכען! מיט אַ וואָרט, אַ בליק, אַ בעריהרונג. יעדער, וואָס — — —

נ י נ א. דאָך נישט די, וועלכע זיינען ערשט אוועקגעגאנגען.

מ א ר ד ע ן. די האָבען מסתמא געמוזט זיין לעבערדיגע זעק.

נ י נ א. האהאהא...

מ א ר ד ע ן. יעדער מוז פון דיר בערייכערט ווערען. יעדער, וואָס...

ד ז ש אָ ר ד ז ש ס ט ו י ר ן (קומט אַריין). אָה, פּערצייאונג, איך האָב נישט געוואוסט — (וויל צוריק.)

מ א ר ד ע ן. עס מאַכט נישט. איהר האָט אונז אפילו דער־מאָנט, אז מיר מוזען שוין פערשווינדען.

ס ט ו י ר ן. פאר דאָס פערשווינדען האָב איך מורא געהאַט, און איך זוך אייך שוין ארום, מרס. מאַרדען —

נ י נ א. מיך?

ס ט ו י ר ן. יא. איך ווייס גאָרנישט, ווי איך האָב אייך פריער פערלאָרען פון מיינע אויגען.

מ א ר ד ע ן. איך וועל מיך געהן פאַרבערייטען, טייערע.

נ י נ א. יא, ליעבער. איך וויל נאָר אויסהערען, פאַר וואָס מר. סטוירן האָט מיך געזוכט.

סטוירן. איך וועל אייך נישט לאנג האלטען.

מארדען. אויף וויעדערזעהן, סטוירן.

סטוירן. אויף וויעדערזעהן, מארדען! איהר׳ט׳אד מיר ענטשולדיגען.

מארדען (אב).

נינא. זעצט זיך, מר. סטוירן. וואס האט איהר מיך געזוכט?

סטוירן. איך וויל אייך מאלען.

נינא. איך פאהר דאך אוועק.

סטוירן. איך מיין, ווען איהר וועט צוריקקומען.

נינא. דארפט איהר אייך שוין יעצט פערוואָרענען?

סטוירן. איהר קענט די קינסטלער נישט.

נינא. אין וועלכער הינזיכט?

סטוירן. איהר האט מיך היינט אריינגעבראכט אין דער גרעסטער שאפענדער שטימונג. עטוואס אין אייך האט מיך, אזוי־צו־זאגען, צורייצט, אויפגערעגט, אויפגעוועקט אין מיר די גאנצע שאפונגסלוסט, ווי איך האב זי דאכט זיך נאך קיינמאל נישט פערשפירט. ווען איהר וואלט נישט געדארפט אוועקפאהרען — אה, ווען איהר וואלט נישט געדארפט אוועקפאהרען! אבער אזוי באטש וויל איך מיט אייך בעשטימען טאג און שעה און פלאץ, און דאס וועט מיר געבען כח צוווארטען, ביז איהר וועט קומען צוריק.

נינא. דארף איך וויסען, וואס אזוינס אין מיר האט צורייצט און אויפגערעגט דעם קינסטלער?

סטוירן. דאס וועל איך אייך ענטפערען מיט מיינע פארבען.

נינא. האט איהר עס ביז היינט גאר נישט בעמערקט? מיר האבען אונז געטראפען א שיין פאר מאל.

סטוירן. דעם אמת געזאגט, האב איך שוין דאס געפיהל דערפון אין מיר געהאט. אבער היינט איז עס מיר גאנץ קלאר געווארען. וואס איז געלעגען אין דער קנאספע, האט זיך צובליהט,

ווי די ליעבע, וועלכע שטייגט אן ביסלעכווייז. ווי א גרויסע ביינקענים. דאס איז עטוואס, וואס האט דעם קינסטלער אין מיר אזוי אונגעהייער אנגעשפארענט, רייך געמאכט....

נינא (לאכט). רייך געמאכט?

סטוירן. אונגעהייער רייך געמאכט, פליגלען געגעבען —

נינא. רייך געמאכט...

סטוירן. איהר גלויבט מיר נישט? דאס קלינגט אייך אזוי אונגלויבליך? קאנט איהר אין קינסטלער־אויגען לייענען?! קאנט איהר פיהלען דעם פולס פון א קינסטלער, ווען ער פיהלט זיך בערייכערט און בעפליגעלט?

נינא. מיין „רייך מאכען" הער איך יעצט צום צווייטען מאל.

סטוירן. איך וואונדער מיך נישט. איך ווייס אויך, מען וועט עס אייך נאך זאגען און זאגען, יעדער, וואס —

נינא. האהאהא, איהר העבט אן, וואו מיין מאן איז שטעהן געבליבען.

סטוירן. און איך ווייס אויך, אז דאס בילד, וואס איך געה פון אייך מאלען, וועט זיין מיין מייסטערווערק. דאס וועט נישט זיין קיין בלויז טעכנישע ארבייט, א ווירטואזיטעט אין פארבען, נאר א טעגליכע בעגייסטערונג, א טעגליכע בערייכערונג.

נינא. איך האב נאך אייך נישט געזאגט, אז איך וועל מיך לאזען מאלען.

סטוירן. ווי?

נינא. איך ווייס נאך נישט, צו וועל איך עס.

סטוירן. דאס מוזט איהר וועלען.

נינא. איך האב קיין געדולד נישט.

סטוירן. ניין, ניין, ניין! רעדט נישט אזוי...

נינא. און גלאט, וואס וועל איך האבען דערפון? וואס פאר א שפאס וועט עס מיר מאכען?

סטוירן (העבט אויף איהר אויף די אויגען און קוקט זי אַן שאַרף און לאַנג).

מיס העלען בוקמען (אין דער טיר). נינא! — אַה, ענטשולדיגט, מר. סטוירן! — נינא, קום דאָך איבערטאָן זיך.

נינא. גלייך, העלען טייערע! (שטעהט אויף, מאַכט אַ בעוועגונג צו דער טיר, צו סטוירן.) איך קום צוריק אין צוויי חדשים ארום.

סטוירן. איך וועל צעהלען די טעג.

נינא (גיט איהם די האַנד). די ערסטע זיצונג אויף׳ן דריטען טאָג נאָך מיין קומען.

סטוירן. בעסטען דאנק. (קוסט די האַנד מיט אַ לאַנגען קוס.)

נינא. אויף ווידערזעהן, מר. סטוירן. (געהט אַב מיט אַ לאַנגען פערשפרעכענדיגען בליק.)

העלען. גודביי, מר. סטוירן. (לאַכט פיעלדייטיג, קיצליג, בעגריופענדיג.)

סטוירן (בעגלייט נינא׳ן מיט ווייט פערנאַנדערגעעפענטע אויגען).

צווייטער עפּיזאָד

דער שוישפּילער

פערזאָנען:

נינאַ.

טאמי, איהר פינף־יעהריגער זוהן.

מרס. אליוו אוירווין.

מרס. העלען ספילבוירג.

ראלף עדגאַר הענדערסאָן, אַ שוישפּיעלער.

אַ צימערמיידעל.

נינא'ס בודואר. איין טיר אין דער הינטערוואנד, א צווייטע לינקס, רעכטס פענסטער.

נ י נ א (נעמט־אויף מרס. אליוו אוירוויין אין דער הינטערוואנד־טיר, צוקוסט זיך מיט איהר). ווי געהט'ס, טייערסטע? — דו ביזט אבער געקומען אויף א קליינע ווײלע, אליוו.

א ל י ו ו. ווי? איך האב גערעכענט צו פערברײנגען מיט דיר —

נ י נ א. דאס זאג איך דיר גלייך אן. דו זאלסט עס וויסען. קאנסט דיך צוזעצען, אבער איך וועל דיך נישט בעטען אראבצונעמען הוט און מאנטעל, ווייל איך וועל דיך באלד משלח זיין פון מיר.

א ל י ו ו. דו דערוואַרטסט —

נ י נ א. נישט ארויסגערעדט. מיר פערשטעהען זיך שוין. (זיי זעצען זיך.)

א ל י ו ו. וועמען?

נ י נ א (פערגלאָצט די אויגען צום באלקען).

א ל י ו ו. האב איך צופיעל געפרעגט? געוועהנליך בע־האלטסטו זיך דאך נישט פון מיר.

נ י נ א. הענדערסאן.

א ל י ו ו. ווער?!

נ י נ א. ראלף עדגאר הענדערסאן. ביזטו אזוי איבער־ראשט?

א ל י ו ו. דער פראָווינצפּראָפעסער! ד ע ר קאן דאך דיין אי־דעאל נישט זיין. ד ע ר וועט דיר קיינמאל נישט געהערען אין גאנצען. אויף א טאג נישט.

נ י נ א. אט דאס איז, וואס רייצט מיך. בינדען אט די

גרויסע, פייערדיגע, דעמאָנישע נשמה, אריינגעמען זי גאנץ אין מיינע הענד, ווערען הערריך איבער איהר.

אליוו. דאָס וועט דיר נישט געלינגען.

נינא (הארט). זיי נישט קיין ראָב. קאָרקע נישט.

אליוו. אָה, דו האַלטסט אָבער ווייט!

נינא. איך האָב קיינמאָל נישט איבערגעלעבט, וואָס איך לעב יעצט איבער. מיין גאנצער ווילען איז אָנגעשטרענגט, ווי צו היפּנאָטיזירען — ענטשולדיג מיין אונגעדולד.

אליוו. ער דאַרף באַלד קומען?

נינא (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ).

אליוו. דאָס וועט זיין צום ווי־פיעלטען מאָל?

נינא. אונזער פיערטער צוזאַמענקום.

אליוו. וואָס האָסטו דערגרייכט ביז היינט?

נינא. אז ער קומט צו מיר — מיך צו עראָבערן. אָבער איך וועל איהם עראָבערן. וועל איהם בייקומען. ער וועט נישט טריאומפירען איבער מיר, נאָר איך וועל איהם מאַכען פרום און גוט ווי א לעמעשקע, ער וועט עסען פון מיינע הענד. איך מוז פיהלען, אז איך האָב איהם אָנגעטיילט מיט מיין רייכקייט, ווי איך האָב אָנגעטיילט אַל די אַנדערע.

אליוו. דו מיינסט, אז איך האָב דיך פערשטאַנען?

נינא. איך מוז איהם ווערען א נויטווענדיגקייט. ער מוז מיך וועלען ארום זיך אזוי אָפּט ווי מעגליך — שטענדיג. ער מוז ווערען אויסגעפּילט מיט בייגקענים נאָך מיר, און די בייגקענים מוז איהם טרייבען, טרייבען, טרייבען...

אליוו. אין משוגעים־הויז.

נינא. צו גרויסע טאַטען, צום שאַפען.

אליוו. איז ער דיר נאָך נישט גרוים גענוג, דער גרויסער שוישפּיעלער?

נינא. דו ביזט דום ווי א קאַסטאַניע.

אליוו (לאַכט). פאַר וואָס עפּעס ווי א קאַסטאַניע?

נינא. פון וואנען זאָל איך וויסען? אָבער אזוי איז עס. ווי עפּעס נאַריש מוזטו דאָך זיין. און איך האס קאסטאַניען.

אליוו. פיין בעסטען דאנק.

נינא. דו האָסט קיין אהנונג נישט, וואָס הענדערסאָן איז.

אליוו. דאָס גיב איך צו. איך האָב גאָר אויך די געלעגענהייט נישט געהאט מיט איהם בעקאנט צו ווערען, בין איך אויך נישט געקומען אין דער לאגע פון איהם ערְאבערט צו ווערען אָדער איהם ערְאבערן צו ווען. פילייכט זאָל איך דאָ בלייבען, ביז ער קומט, און דו וועסט מיך איהם פאָרשטעלען?

נינא. דו טראָגסט דיך באלד אוועק פון דאנען. פינף מינוטען צו פיער ביזטו דאָ מעהר נישטאָ.

אליוו. ער קומט פיער, הייסט עס. (קוקט אויף איהר בראַסלעט-זייגער.) אָה, האָב איך נאָך גאָר וועניג צייט אויסצוהערען פון דיר, וואָס הענדערסאָן איז.

נינא. איך וועל עס דיר סיי ווי סיי נישט זאָגען. אָבער איך וועל מיך קאָריגירען: ניט „וואָס הענדערסאָן איז", נאָר וואָס מיט איהם איז.

אליוו. אָה, ליידט ער פון עפּעס?

נינא. שטארק.

אליוו. קרעבס? שווינדזוכט? טרונקזוכט?

נינא. שאפּונגסזוכט.

אליוו. וואָס איז דאָס פאר אַ קריינק?

נינא (מיט אַ בליק אויפ'ן זייגער). יעצט טראָג דיך אָב.

אליוו. אָה, עס איז דאָך מעהר ווי פינף מינוטען צו פיער.

נינא. איך וויל פון דיר פריי זיין, איך וויל אויסלופטערן דאָס צימער נאָך דיר.

אליוו. דארפסט דיך צוגרייטען צו בעגעגענען דעם גרויסען מאן מיט דער גרויסער נשמה.

נינא. דיינע בעמערקונגען זיינען אזוי באנאל ווי גאסען-ליעדער. איך מוז קומען צו זיך.

אליוו. וואָס האָב איך אייגענטליך אזוינס געזאָגט?

נינא. א דאַנק דיר, וואָס דו האָסט נאָך מעהר נישט גע־רעדט. טראָג דיך אוועק. איך בעגרייף גאָר נישט, ווי אזוי האָב איך געקאָנט ארייננלאָזען זיך מיט דיר וועגען הענדערסאָן און וועגען מיינע געפיהלען — —

אליוו. דו ווערסט אויך דעמאָניש. די בלוטארמע דאמע מיט דעם איבעררייכען הארץ, די דאמע מיט די נישט־אויסגע־פּאָרשטע נשמה־טיעפקייטען, די—

נינא. טראָג דיך אוועק!

אליוו (אויפשטעהענדיג). איך וועל דיר טאָן די טובה. איך וועל מיך אוועקטראָגען און איבערלאָזען דיר עטליכע פרייע מינוטען צו קאָנצענטראציאָן. אָבער צוערסט וועסטו מיר דער־קלערען, וואָס „שאפּונגסזוכט" איז. ביזטו זיכער, אז איך האָב זי נישט? וואָס זיינען די סימפּטאָמען? אָרמער הענדערסאָן! קאָנסטו מיר נישט דאָ אין דער טיר—

נינא. אדיע, אליוו.

אליוו (צולאכט זיך, קוסט נינא׳ן און פערשווינדט).

נינא (שטעהט אַ ווײלע אין דער טיר, פערטראַכט; באַלד געהט זי צו צום פענסטער און קוקט ארויס).

טאמי (לויפט האסטיג אריין און שטורמט צו איהר צו). העללאָ, מאמא!

נינא (ציטערט אויף). אָה, דאָס איז געוועזען שלעכט פון דיר, האָסט מיך דערשראָקען.

טאמי. איך האָב עס נישט געוואָלט.

נינא. וואו איז מיסס עלים? פאר וואָס האָט זי דיך גע־לאָזען אזוי לויפען?

טאמי. איך האָב מיך אוועקגעגנב׳עט פון איהר. איך האָב דיך געוואָלט זעהן.

נינא. ליעבלינג! קום מיך און געה צו מיסס עלים.

טאמי. איך וויל זיין מיט דיר. איך בין מיט מיסס עלים געוועזען דעם גאנצען טאָג.

נינא (אַרומנעמענדיג דאָס קינד). אָבער ווען איך וועל דיר הייסען אוועקגעהן, וועסטו אוועקגעהן.

טאמי. אָבער נישט יעצט. לאָז מיך זיצען ביי דיר פופ־צעהן הונדערט און צוועלף טויזענד און דרייצעהן מינוטען. יאָ, מאמי?

נינא. ווילסטו אזוי זיצען מיט מאמא?

טאמי. זעהר שטארק. איך וואָלט געוואָלט מיט דיר זיצען דרייסיג און צוואנציג און אכטצעהן און הונדערט שעה.

נינא. אזוי לאנג?

טאמי. אָה, נאָך פיעל לענגער! צעהן און—

נינא. ליעבסטו אזוי מאמא?

טאמי. אה, איך ליעב אזוי מאמא! (נעמט זי אַרום.)

נינא. קום מיך, ליעבלינג, און—

טאמי. די דרייצעהן און אכטצעהן טויזענד מינוטען זיינען דאָך נאָך נישט פאַראיבער!

נינא (דריקענדיג איהם שטאַרק צו זיך). אוי־אוי, דו טייער־סטער! — — דו טייערסטער! — — דו טייערסטער! — — —

טאמי. וואוהין קוקסטו, מאמא?

נינא (ווי אויפגעוואכט). וואוהין איך קוק?

טאמי. דו האָסט עס געמאכט אזוי: „דו טייערסטער! — דו טייערסטער! — —"

נינא. יא, דיין מאמא האָט געקוקט ווייט, ווייט, ווייט.

טאמי. וואוהין?

נינא. צו דער טיר און אויף יענער זייט טיר —

טאמי. די טיר איז דאָך פערהאנגען!

נינא. און אראָב צו דער גאסטיר און אין גאס אריין.

טאמי. ווי קאָנסטו עס?

נינא. אָט אזוי.

ט א מ י. טאָ זאָג מיר, וואָס פאר אן אויטאָמאָביל איז איצט פאַרבייגעפאָהרען אויפ׳ן גאס.

נ י נ א. אה, איך קאָן דיר זאָגען, וואָס פאר אן אויטאָמאָביל עס וועט באלד צופאָהרען צו אונזער הויז. א גרויסער ברוינער אויטאָמאָביל וועט צופאָהרען און פון איהם וועט ארויס א הויכער מאַן —

ט א מ י. אָה, איך וויים ווער!

נ י נ א. ווירקליך?

ט א מ י. פאפא! פאָס אויף! הער! אן אויטאָמאָביל איז טאקע שטעהן געבליבען אונטען פאר דער טיר. (גיט זיך א לאָז צו דער הינטערטיר און פון צימער אַרויס.) פאפא! פאפא! פאפא!

נ י נ א (כאַפּט אויף גיך א קוק אין שפּיגעל, דריקט־אָב אן עלעקטרישען קנאָפּ, שטעלט זיך אין דער טיר און רופט אַרויס). אננא, זאָגט דער מיסס, זי זאָל האלטען טאמי׳ן ביי זיך. (מען הערט א פּרויען־געלעכטער. נינא ציהט זיך צוריק אונצופריעדען, טופּעט מיט׳ן פוס, מאַכט אונגעדולדיגע בעוועגונגען.)

מ ר ס ה ע ל ע ן ס פּ י ל ב ו י ר ג (לויפט אריין מיט אימפּעט). אָה, טייערע, איך קום צו דיר נאָר אויף א קורצע ווייל! אָה, איך האָב נאָר קיין צייט נישט אויף א מינוט, אָבער איך האָב דיר געמוזט זאָגען, וואָס פאר א בעגעגענים איך האָב ערסט געהאט! אָה, וואָס פאר אן ערלעבנים! וואָס פאר אן ערלעבנים! שטעל דיר פּאָר, איך האָב בעגעגענט — אה! אה!

נ י נ א. נו דאָך! ווען?

ה ע ל ע ן. הענדערסאָנ׳ען!!

נ י נ א. הענדערסאָנ׳ען?!

ה ע ל ע ן. דעם גרויסען! דעם ערהאבענעם! דעם וואונדערבארען! דעם געטליכען!

נ י נ א. הענדערסאָנ׳ען...

ה ע ל ע ן. ראלף עדגאר הענדערסאָן! דעם הערליכען! דעם —

נ י נ א. וואו האסטו איהם בעגעגענט?

ה ע ל ע ן. אין סענטראל פארק.

נ י נ א. ווען?

ה ע ל ע ן. אט ערסט. איך קום דאס ערסט פון איהם. שטעל דיר פאר, מיר האבען פערבראכט איבער א שטונדע צוזאמען —

נ י נ א (מאכט א בעוועגונג צו א שטול).

ה ע ל ע ן. ניין, איך וועל מיך ניט צוזעצען. איך וויל דיר עס דערצעהלען אויף איין פוס. בעט מיך ניט זיצען. איך האב אזוי קיין צייט ניט. אה, הערסט — ניין, קוק נישט אריין אין בוך! אה, טייערע! — הערסט, איך פאהר אין סענטראל פארק און פלוצלונג זעה איך, הענדערסאן פאהרט אנטקעגען. האב איך נאטירליך אויסגעשטעלט מיינעביידע קוקער, אט אזוי א, און נעם זיי פון איהם ניט אראב. און ער דערזעהט מיך —

נ י נ א. איהר זייט בעקאנט?

ה ע ל ע ן. ניין. אבער איך קען איהם פון טעאטער און פון די בילדער —

נ י נ א. און ער קען דיך גאר נישט?

ה ע ל ע ן. יעצט קען ער מיך שוין!

נ י נ א. אבער פריער?

ה ע ל ע ן. דאס האבען מיר זיך צום ערסטען מאל בעגעגענט! ווי ער האט מיך דערזעהן, האט ער אויסגעשטעלט זיינע קוקער — זיינע ברענענדיגע, דורכדרינגענדע קוקער! — און נישט אראבגענומען זיי פון מיר. או־ו, איז עס מיר דורכגעלאפען, ווען מיר זיינען פארביינגעפאהרען איינס פארביי דעם אנדערען! מיין גאנץ געזיכט האט זיך אנגעצונדען, און איך קוק מיך אום און זעה, ער קוקט זיך אויך אום, און ער זאגט עפעס זיין שאופער, קוקענדיג אויף מיר, און זיין שאופער העבט אן אויסקירעווען, הייס איך דזשאהנ׳ען, ער זאל זיך אויך אומקערען צוריק. פאהרען מיר ווידער פארביי. יעצט האט ער מיך געגריסט. ענטפער איך איהם אב זיין גרוס און לאך. און מיר קערען זיך ווידער אום. פוילט

ער זיך ניט און הייסט זיין שאָופער שטעהן בלייבען, און שפּרינגט ארויס פון זיין אויטאָ און געהט גלייך צו מיר. נאַטירליך, וועל איך נישט אַנטלויפען. הייס איך דזשאהנ׳ען שטעהן בלייבען. און הענדערסאָן — אוי, וואָס פאר א מאן! — שפּרינגט ארויף אויפ׳ן טריט פון מיין אויטאָ, נאָך איידער עס איז שטעהן געבליבען, און שטעלט זיך פאָר: „הענדערסאָן.“ לאך איך און זאָג איהם: „איך וויים.“ זאָגט ער: „דארף איך אייך דערקלערען מיין אויפ־פיהרונג?“

נ י נ א. האָסטו איהם נישט געזאָגט דיין נאָמען?

ה ע ל ע ן. וואַרט אויס, דו וועסט עס נאָך הערען.

נ י נ א. אלזאָ, ווייטער.

ה ע ל ע ן. אָה, איך וועל עס מאַכען גאַנץ דראַמאַטיש. ער, מיט אויגען ווי שפּיזען (מאַכט נאָך זיין שטימע.): „דארף איך אייך דערקלערען מיין אויפפיהרונג?“ איך: „אָה, געוויס!“ — „איהר געפעלט מיר!“ — „ווירקליך?“ — „און אייערע אויגען זיינען געווען געדרוקטע איינלאַדונגס־קאַרטען“. — „איז עס מעגליך?“ — „אָבער איך וואָלט עס געטאָן אָהן די איינלאַדונגס־קאַרטען, ווייל איהר געפעלט מיר.“ — „אָהן די איינלאַדונגס־קאַרטען וואָלט איהר דעם וועג נישט געטראָפען,“ — לאַך איך. „נישט ריכטיג,“ זאָגט ער, „עס וואָלט מיר נאָר אָנגעקומען א ביסעל שווערער.“ און ער זעצט זיך אריין לעבען מיר אין אויטאָ. „וואוהין האָט איהר געוואָלט פאָהרען?“ פרעגט ער. „אָהן צוועק אוז ציעל, דעם שיקזאל איבערגעבען — א שפּאַציר אין פּאַרק,“ ענטפער איך. נעמט ער און הייסט דזשאהן׳ען פאָהרען צום פּאַרק־רעסטאָראַן. בררר, איך בין פאַף, איך ווער גאַנץ שטום. און ווען מיר פאָהרען שוין, פרעגט ער, צי האָב איך אויף איהם קיין פאראיבעל נישט, וואָס ער האָט זיך ארייגגעזעצט צו מיר אין אויטאָ אָהן מיין ערלויבניס. „און אז איך האָב?“ — „איז שוין צו שפּעט.“ אה! דו — דו קענסט דאָך א ביסעל הענדערסאָן׳ען. דו האָסט דאָך איהם שוין א מאָל געטראָפען, יאָ?

נינאַ. יאָ.

העלען. איז עס ניט גאַנץ וואונדערבאר לעבען איהם צו זיצען? זיין אָרט און ווייזע, ווי ער גיט זיך צו פיהלען, זיין בע־ריהרונג, זיין בעקוקען דיך! אה! און ווי וויציג ער איז! אה, איך וואונדער מיך נישט, וואָס אַלע זיינען אַזוי משוגע נאָך איהם!

נינאַ. ווייטער.

העלען. יאָ, ווייטער. אָה, איך האָב אַזוי קיין צייט נישט! מיר זיינען געקומען אין רעסטאָראַן, זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישעל, געלאָזען זיך געבען אייזקרים און—און—און עס איז געוואָרען אַזוי הייס!

נינאַ. וואָס איז געוואָרען?

העלען. הייס. זעהר הייס. ער, הענדערסאָן, האהאהאַ..... אָבער איז ער געוואָרען הייס, האהאהאַ!... מען האָט געקאָנט לעבען איהם פערברענט ווערען. און איצט האָט ער געוואָלט, איך זאָל איהם זאָגען מיין נאָמען און מיין אַדרעס, האָב איך איהם געגעבען מיין נאָמען — און וויסטו, ווי? בוירגספּיל, האהאהאַ!... איך האָב מיין נאָמען אומגעדרעהט. דעם אַדרעס, האָב איך גע־זאָגט, וועט ער קריגען, ווען ער וועט ווערט זיין. דערווייל, אויב ער וויל, קאָן ער מיך טרעפען אויף מיין שפּאַציר אין סענטראַל פּאַרק. אָבער איז ער אומגעדולדיג געוואָרען!

נינאַ. ווי האָט איהר זיך צושיידט?

העלען. אָה, זעהר הייס!

נינאַ. איך מיין, פאַר וואָס האָט איהר אייך אַזוי שנעל צושיידט?

העלען. אָה, פּלוצלונג האָט ער אַ קוק געטאָן אויפ׳ן זייגער און זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז ער האָט אַ ראַנדעוואו און מוז נאָך צוריק צו זיך אין זיין וואוינונג.

נינאַ. אַזוי איז ער צוליעב דעם ראַנדעוואו פּלוצלונג אָב־געקיהלט געוואָרען?

העלען. אָה, אָבגעקיהלט געוואָרען איז ער נישט, אָבער אַ ראַנדעוואו איז אַ ראַנדעוואו!

נינא (אויפגעלעבט). האָט ער דיר געזאָגט, וואָס פאַר אַ ראַנדעוואו?

העלען. איך האָב געזעהן אין זיינע אויגען, אַז מיט אַ פרוי, און איך האָב אויך געזעהן, אַז ער איז נישט גערן אוועק־געגאַנגען צו איהר, אַז ער וואָלט בעסער געוואָלט בלייבען מיט מיר.

נינא. דאָס האָסטו געזעהן אין זיינע אויגען?

העלען. אָ, יאָ. איך האָב עס אויך גוט געפיהלט. און ווען איך וואָלט געוואָלט — — אָבער איך האָב געפיהלט, אַז פאַר דאָס ערשטע מאָל איז עס געוועזען גענוג. און דאַן האָב איך מעהר קיין צייט נישט געהאַט.... וואו, וואו, וואו, איך מוז שוין לויפען!... (וויל צו דער טיר.)

נינא (ווערט אויפמערקזאַם אויף אַ גערויש אין דרויסען, איילט צו צום פענסטער און דאַן שנעל צו מרס. ספּילבורג). וואַרט, העלען! קום ארויס פון דאַנען. קום, איך וועל דיך בעגלייטען. (פיהרט זי צו דער טיר לינקס.)

העלען. דו ווילסט נישט — — אה! — — ווער? (לאַכט. ביידע געהען אַרויס. דאָס צימער איז אַ ווייַלע לעדיג.)

אַ צימערמיידעל (עפענענדיג די טיר און אַריינלאָזענדיג הענדערסאָן'ען). מרס. מאָרדען וועט גלייך אַריין. (פערשווינדט.)

הענדערסאָן (טרעט אַריין ביז אין מיטען צימער, געהט צו צום טישעל, וויל עפּעס נעמען אין האַנד, דערמאַנט זיך עפּעס, געהט־צו צום פענסטער און קוקט אַרויס. באַלד קערט ער זיך אום, זעצט זיך, קוקט זיך אַרום, בעמערקט דאָס טעלעפאָן־בוך ביים טעלעפאָן־טישעל, נעמט עס שנעל און תעבט אָן צו בלעטערען, חזרנדיג: „בוירגספּיל... בוירגספּיל...“ בלייבט שטעהן אויף דער זייט, וואו דער נאָמען דאַרף זיין אַלפאַבעטיש. זוכט, זוכט. זיין געזיכט בעקומט אַן אונצופריעדענעם אויסדרוק, רעדט אַרויס). נישטאָ גאָר אין בוך....

נ י נ א (בעוווייזט זיך לינקס, בלייבט שטעהן אין טיר און בע־טראַכט איהם, ווי זי וואָלט איבערגעלעגט, וואָס צו טאָן).

ה ע נ ד ע ר ס אָ ן (בעמערקט זי). דאָ זייט איהר דאָך, נינא מאָרדען! (וואַרפט אַוועק דאָס בוך און שטעהט אויף.) גוטען טאָג!

נ י נ א (שמייכעלט איהם צו, גיט איהם די האַנד). גוטען טאָג, הענדערסאָן! אזוי פערטיעפט אין טעלעפאָן־בוך?

ה ע נ ד ע ר ס אָ ן (קוסט איהר די האַנד). אָן אדרעס געזוכט.

נ י נ א. הע־ע! און נישט געפונען.

ה ע נ ד ע ר ס אָ ן. און נישט געפונען. פון וואַנען ווייסט איהר עס?

נ י נ א. אָה, איך האָב געזעהן אין אייער זוכען. (זיי זעצען זיך.)

ה ע נ ד ע ר ס אָ ן. איהר זייט פערשטימט, נינא מאָרדען.

נ י נ א. איך בין פערשטימט, ראַלף עדגאר הענדערסאָן.

ה ע נ ד ע ר ס אָ ן. אָבער איך האָב דערוואַרט צו געפינען אייך ניט קיין פערשטימטע, לוסטיגע, וויציגע, לעבען־שפּריצענדיגע נינא מאָרדען. פאַר וואָס האָט איהר אייך נישט בעסער פאַר־בערייט פאַר מיר?

נ י נ א. אָה, איך בין לאַנג געשטאַנען פאַר׳ן שפּיגעל, האָב מיך אָנגעטאָן אין פארבען, וועלכע מאַכען מיך וואָס שענער — עטוואָס, וואָס איז מיר פערבליבען פון דזשאָרדזש סטוירן — אַרויפגעזעצט אויף מיר מיין שענסטען פאַרוק — נינא מאָרדען זאָל אויסזעהן ענטציקענד און פערפיהרעריש, ווען זי וועט אויפ־נעמען ראַלף עדגאַר הענדערסאָן.

ה ע נ ד ע ר ס אָ ן. און איהר זייט עס אויך, נינא. (לעגט אַרויף זיין האַנד אויף איהרע.) בעסטען דאַנק, דאָך די אויגען פּייערן נישט, ווייל איהר זייט פערשטימט, און מיר פעהלט דער פייערגלאַנץ פון אייערע אויגען.

נ י נ א (בויגט זיך אָן און עפּט זיך איין אין איהם מיט איהרע אויגען).

העענדערסאָן (נעמט אין זיך אויף איהר בליק אַ לענגערע ווײלע און רעדט ענדליך אַרויס). נינאַ מאַרדען.

נינא. געפעלט אייך אַזוי מיין נאָמען?

העענדערסאָן. נאָמען און אַלץ.

נינא. האהא!

העענדערסאָן. איך ווייס דעם זין פון אייער אויפלאַכען, נינא מאַרדען. דאָך זייט איהר נישט גערעכט. איך זאָג שטענדיג, וואָס איך מיין. האָט איהר דען מיין נשמה ניט געפיהלט הינטער מיינע ווערטער?

נינא. פון דער נשמה ארויס האָט איהר געזאָגט, אַז אייך געפעלט נינא מאַרדען, נאָמען און אַלץ?

העענדערסאָן. יאָ. דאָך דאָס זיינען נישט מיינע ווערטער.

נינא. ווי?

העענדערסאָן (מיט אַ בעזונדער וואַרימקייט, די אויגען אַנגעשטעלט אויף איהר). איך וואָלט געזאָגט: איך ליעב נינא מאַרדען, נאָמען און אַלץ.

נינא. ווירקליך... אַה, איך האָב גאָר פערגעסען: איך האָב אייך אַ גרוס צו בעשטעלען.

העענדערסאָן. געהט מיך איצטער נישט אָן.

נינא. פון אַ שיינער, יונגער דאַמע.

העענדערסאָן. איך ווייס.

נינא. מיט וועמען איהר זייט ערסט געוועזען אין סענטראַל פּארק.

העענדערסאָן. און וועמעס אדרעס איך האָב ערסט געזוכט אין טעלעפאָן־בוך. איך האָב דאָך אייך געזאָגט, איך ווייס. איהר אויטאָמאָביל איז געשטאַנען פאַר אייער טיר.

נינא. פאַר וואָס זייט איהר געקומען צו מיר, העענדערסאָן?

העענדערסאָן. ווייל נינא מאַרדען איז נישט מרס. בוירג־

ספּיל און אלע אנדערע פּרויען, און מרם. בוירגספּיל און אלע אנ־דערע פּרויען זיינען נישט נינא מאַרדען.

נ י נ א. איך בין הייסט עס א גרויסע אויסנאַמע?

ה ע נ ד ע ר ס אָ ן. ניין, אָבער אן אנדער גיואַנסע. די אונ־צעהליגע גיואַנסען, נינא, זיי זוך איך. זיי זיינען מיין פּערלאַנג, מיין צוציהונגס־קראַפט. די גיואַנסע נינא מאַרדען קאָן מיר קיין פּרוי נישט געבען. איהר פּלאַץ אין מיינע געפיהלען קאָן קיינע נישט פּערנעמען. די בייגקענים, וועלכע זי רופט אין מיר ארוים, קאָן קיינע נישט שטילען. (ער נעמט זי אָן פאר די הענד און וויל זי צוציהען צו זיך.)

נ י נ א (דרעהט זיך פון איהם אַוועק). ניין! (עסט זיך וויע־דער איין אין זיינע אויגען.) נינא מאַרדען וויל מעהר זיין ווי א גיואַנסע!

ה ע נ ד ע ר ס אָ ן. מעהר זיין?

נ י נ א. יאָ, איך וויל דיר מעהר זיין, ראַלף עדגאַר.

ה ע נ ד ע ר ס אָ ן. האהא!

נ י נ א. דו לאַכסט?

ה ע נ ד ע ר ס אָ ן. דו קענסט מיך נישט.

נ י נ א. איך קען דיך.

ה ע נ ד ע ר ס אָ ן. דאָס איז בלויז געזאָגט.

נ י נ א. ניין, איך קען דיך. איך וויים, פון וואָס דו ליידסט. איך וויים, פאַר וואָס דו פערברענסט אזוי דיין קראַפט אויף פרויען.

ה ע נ ד ע ר ס אָ ן. דו וויסט עס?

נ י נ א. דו ווילסט זיין מעהר ווי א שוישפּיעלער. עס ליעגט אין דיר א גרויסע בייגקענים נאָך אייגענעם שאַפען. דו וואָלסט געוואָלט זיין א דיכטער, א גאָט און נישט א גאָט׳ס שליח.

ה ע נ ד ע ר ס אָ ן. דאָס האָסטו באַלד גוט געזאָגט. „א גאָט, און נישט א גאָט׳ס שליח.״ אליין שאַפען — אליין שאַפען — אליין שאַפען, פון זיך ארוים, פון דער אייגענער טיעפקייט פון דער נשמה און פאַנטאַזיע. אָבער איך בין א קינדערלאָזער, די קראַפט

פון שאפען איז מיר נישט בעשערט, איך קאן בלויז אדאפטירען פרעמדע קינדער.

נ י נ א. און דו זוכסט זיך טרייסט, דו זוכסט בערוהיגונג, דו זוכסט פערגעסונג, און דו בעטרינקסט זיך מיט — פרויען.

ה ע נ ד ע ר ס א ן (גאנץ שפראכלאז). נינא מארדען!

נ י נ א. דו ביזט נישט גליקליך, ראלף עדגאר.

ה ע נ ד ע ר ס א ן. אזוי האט מיך נאך קיין פרוי נישט געזעהן!

נ י נ א. דו מוזט געראטעוועט ווערען. דו מוזט פראדוקטיוו ווערען. דו מוזט א גאט ווערען. דו מוזט וואס גרויסעס שאפען. דאס וועט זיין דיין גליק און דיין דערלייזונג.

ה ע נ ד ע ר ס א ן. העהע... ווי זאל דאס געשעהן, נינא? ווי.....

נ י נ א (קוקט איהם אן פול ברען, שווער אטמענדיג).

ה ע נ ד ע ר ס א ן (פערוואונדערט). האסטו פאר מיר די רעטונג?

נ י נ א. יא.

ה ע נ ד ע ר ס א ן. און זי איז?

נ י נ א. איך!

ה ע נ ד ע ר ס א ן. דו?

נ י נ א. איך אליין. די ניואנסע נינא מארדען מוז דיר ווע־רען אלץ, דיין איינציגע ליעבע, דיין איינציגע בייגקענים.

ה ע נ ד ע ר ס א ן. און דאס וועט מיך פרוכטבאר מאכען?

נ י נ א. איך וועל אויפוועקען אין דיין נשמה די אלע כחות, וועלכע שלאפען אין דיר און האלטען־אויף דאס שאפען. איך וועל דיך רייך מאכען, ווי דו ביזט עס נאך קיינמאל נישט געוועזען, דו רייכער.

ה ע נ ד ע ר ס א ן. ליעבסטו מיך, נינא?

נ י נ א. דאס איז מיין שיקזאל: צו בעררייכערען, קרעפטען צו וועקען, פרוכטבאר צו מאכען.

הענדערסאָן. דו האָסט מיר נישט געענטפערט אויף מיין פראגע.

נינא. איך ליעב דיך, ראלף עדגאר.

הענדערסאָן. איך וויל דעם בעוויז. (וויל זי ארומ־נעמען.)

נינא. ניין. דעם בעוויז וועסטו האָבען אין דיין דער־לייזונג, אין דיין שאפען־קאָנען. מיין ליעבע וועט דיר די קראפט געבען.

הענדערסאָן (ווי שיכור). איך וויל אונזער ליעבע בע־זינגלען, נינא.

נינא. נעם דיך צוזאמען, ווער דיר קלאָר אין דיין געפיהל צו מיר. איך דארף נישט ניואנסע זיין, איך מוז דיר ווערען א נויטווענדיגקייט.

הענדערסאָן. מיט דעם, וואָס דו ווילסט דיך מיר נישט געבען, ווילסטו מיר א נויטווענדיגקייט ווערען?

נינא. דו ליעב מיך נאָר שטארק, ליעב מיך גאנץ אליין און גלויב מיר, אז איך קאָן דיך אויפהעבען צו די הויכען, וועלכע דו ווילסט דערגרייכען —

הענדערסאָן. איך מוז אָבער וויסען, אז דו ליעבסט מיך.

נינא. דו וועסט עס וויסען.

הענדערסאָן. ניין, איך וועל עס נישט וויסען, ווען דו וועסט מיך אויסווייכען, ווען איך וועל דיינע ליפען אויף מיינע נישט פיהלען, ווען איך — — אך, וואָס! איך וויל א קוס!

נינא (ווייכט איהם אויס). איך בעט דיך, בענעם דיך נישט מיט מיר, ווי דו האָסט זיך בענומען מיט מרס. ספּילבווירג און די אנדערע.

הענדערסאָן. וואָס? מרס. ספּילבווירג איז איהר נאָמען? אההה!... (ווענדט זיך צום טעלעפאָן־בוך.)

נינא (שרייט אויף). ראלף עדגאר!

הענדערסאָן (ווענדט זיך אום, בעגעגענט איהר פּויערפּולען

בליק, נעמט איהם אויף און זיי קוקען זיך א ווײלע שטום אַן. דער טעלעפאָן קלינגט).

נ י נ א (קוקט נאָך א ווײלע אויף הענדערסאָן'ען און דאַן גערט זי לאַנגזאַם צום טעלעפאָן). העלאָו! — אה, העלאָו, דושעסי ליעבער! — גוט, א דאנק. — מר. הענדערסאָן איז דאָ יעצט ביי מיר. — יאָ, א דאנק. איך וועל איהם זאָגען. (צו הענדערסאָן.) מיין מאן לאָזט גריסען. (אין טעלעפאָן.) וואָס? איך האָב נישט געהערט. — אה, איך קאָן דיר יעצט גאָר נישט זאָגען. — וועסט זיין אין דער היים וועלען מיר זיך דורכרעדען. — עס ברענט דאָך נישט. — ניין, איך וויים ווירקליך נישט. — יאָ. יאָ. — גוט. איך וויים נישט. — גוט. איך וועל איהם זעהן דאָ צו פערהאלטען. גוד־באי, ליעבער! (הייננט אויף דעם „הערער".) וועגען יעדער קלייניגקייט מוז ער זיך מיט מיר מיישב זיין. — וואָס קוקסטו מיך אזוי אָן?

ה ע נ ד ע ר ס אָ ן (ארויםפאַלענדיג אין איהר טאָן). — ראַלף עדגאר ליעבער?

נ י נ א. ביזט אייפערזיכטיג אויף מיין מאן?

ה ע נ ד ע ר ס אָ ן. מיר איז וואָס איינגעפאלען. וואָלסטו געוואָלט אוועקגעהן צו מיר פון דיין מאן און דיינע קינדער?

נ י נ א. דו מיינסט עס דאָך נישט, ראַלף עדגאר.

ה ע נ ד ע ר ס אָ ן. זאָלסטו מיר מיין אלץ זיין, מוז איך דיר דיין אלץ זיין.

נ י נ א. דאָס וועסטו מיר אויך.

ה ע נ ד ע ר ס אָ ן. דאן וועסטו מיט מיר אוועקגעהן פון דיין מאן און דיינע קינדער.

נ י נ א. איך וויל אלעמען גליקליך מאכען, קיינעם נישט אומגליקליך. איך וויל פרייד שטרויען ארום מיר, נישט טרויער און פערצווייפלונג.

ה ע נ ד ע ר ס אָ ן. איז דיין מאן גליקליך?

נ י נ א. אָבער געוויס!

העגדערסאָן. מיט אלע דיינע געליעבטע?

נינא. מיינע געליעבטע?

הענדערסאָן. פּאַרדאָן. דיינע פון דיר רייך געמאכטע, בעגליקטע.

נינא. איך פערדיען די איראָניע נישט.

הענדערסאָן. האהא!

נינא. מיין רייכטום געניגט פאר אלעמען. איך האָב אונ־געהייער פיעל אריינגעטראָגען אין מיין מאַן'ס לעבען, און דאָס וועל איך קיינמאָל פון איהם נישט אוועקנעמען. איך האָב איהם נאָך בעגליקט מיט צוויי רייצענדע קינדער, און איך בין זיי א טרייע מוטער און וועל עס נישט אויפהערען צו זיין.

הענדערסאָן. און וואָס בין איך דיר, נינא?

נינא. א שטיק פון מיר אליין. א גרויסע בייגקענים. א דערגענצונג... איך ליעב דיך, ראלף עדגאר.

הענדערסאָן. איך גלויב דיר נישט, נינא מאַרדען. דו ווילסט מיין הערין ווערען, איך זאָל דיין הונד און נאָכלויפער זיין. דו ווילסט האָבען דעם ווילדען הענדערסאָן אונטער דיין שוך, און די גאנצע וועלט זאָל דיך בעוואונדערען.

נינא. איך ליעב דיך, ראלף עדגאר.

הענדערסאָן. דו ווילסט מיך בעזיעגען.

נינא. דיך צום שאפענסגליק פיהרען.

הענדערסאָן. אונזין! קאָנסטו מיך גרעסער מאכען פאר שעקספּיער'ן?

נינא. דו וועסט אין דיין ארט אלס שאפענדער דיכטער גרויס זיין.

הענדערסאָן. אונזין! אונזין! איך וועל קיינמאָל נישט ווערען קיין שאפענדער דיכטער. עס לעבען אין מיר צו שטארק די געשטאלטען, וועלכע איך האָב אויף דער ביהנע גע־שאפען — איך וויים נישט מעהר, וואָס אייגענס, וואָס פרעמדס. אפילו ווען איך רעד, דוכט זיך מיר אוים, אז איך רעד מיט פרעמדע

ווערטער, אז איך רעד אויסגעלערנטס, אז איך ציטיר מיינע טוי־
זענד און איין ראָלען, אז איך שפּיעל.

נינא. אָה, ליעבער, דו ווייסט נישט, וואָס איך קאָן דיר
ווערען!

הענדערסאָן. קיינמאָל נישט מיין בעזיעגעריין, נינא
מארדען! אָבער דערפאר, וואָס דו האָסט עס געוואָלט, דערפאר,
וואָס דו האָסט גע'חלום'ט, אז דו וועסט מיין איינציגע און מיי־
אלץ זיין, מוזטו בעשטראָפט ווערען.

נינא. ראלף ערגאר!

הענדערסאָן (כאַפּט זי אַרום און קוסט זי).

נינא (אָבשטויסענדיג איהם פון זיך). ניין! הענדערסאָן!

הענדערסאָן. דאָס איז אלץ.

נינא. דאָס איז געוועזען קליינליך, הענדערסאָן.

הענדערסאָן. קליינליך? דעם קוס האָב איך נישט
גענומען פאר מיר. דאָס האָב איך איהם דיר געגעבען, דו זאָלסט
מיך בעסער געדענקען. דעם קוס מיינעם וועסטו קיינמאָל נישט
פערגעסען. מיין קוס טראָגט גיפט מיט זיך. דו וועסט נישט פריי
ווערען פון מיר. דו וועסט געדענקען מיין בעריהרונג, דו וועסט
שטענדיג האָבען פאר דיר, וואָס פאר אן אונגעהייערע קראפט איך
האָב ארויסגעאָטעמט פון מיר, און דיך וועט נישט פערלאָזען דאָס
בעוואוסטזיין, ווי אונענדליך שטארקער פאר דיר בין איך, ווען
דו האָסט געוואָלט בעזיעגען.

נינא. הענדערסאָן! הענדערסאָן!

הענדערסאָן. אדיע, נינא מארדען! (געהט צו דער טיר.)

נינא. הענדערסאָן!

הענדערסאָן (געהט אַרויס).

נינא (מיט אַ פערגליווערטען בליק הינטער איהם). ראלף
ערגאר!

דריטער עפיזאָד.

דער ארבייטער-פיהרער

פערזאָנען:

נינא.

וואלטער קארסטען, אַן אַרבייטער־פיהרער.

א דיענסטמיידעל.

נינאַ'ס בודואר.

נ י נ א (נעמט פערנאַנדער אַ בוקעט בלומען און שטעלט זיי פערנאַנדער אין בלומען־וואַזעס, זינגט דערביי און טאַנצט אונטער. עטליכע מאָל לויפט זי צו צום פענסטער, קוקט אַרויס און לויפט צוריק צו די בלומען. פאַרטיג ווערענדיג מיט די בלומען, לויפט זי צום פענסטער, פון דאָרטין צום פיאַנאָ, הייבט אָן צו שפּיעלען, הערט אויף, לויפט וויעדער צום פענסטער און פּלוצלונג לאָזט זי זיך צו דער הינטער־וואַנד־טיר. דאָס צימער איז אַ ווייִלע לעדיג. באַלד הערט מען איהר פרעהליך לאַכען. זי קומט אַריין מיט ו ו א ל ט ע ר ק א ר ס ט ע ן, פיהרענדיג איהם אונטער'ן אָרם, האַלטענדיג און גלעטענדיג זיין האַנד, בעגלייטענדיג איהרע בעוועגונגען מיט אַ גליקליכען, האַרציגען לאַכען). פריי! פריי! און וויעדער ביי מיר, מיט מיר! האהאַ! לאָז מיך דיך גוט אָנקוקען. לאָז זעהן, וואָס דאָס יאָהר געפּיינגנים האָט פון דיר געמאכט... דו זעהסט גוט אויס. (דרעהט איהם אַרום.) ביזט דאכט זיך א ביסעל דיקער געוואָרען. אָדער דאכט זיך עס מיר אויס? פוי, אין די ארעסטאנטען־קליידער האָסטו גאנץ שרעקליך אויסגעזעהן. איצט וועסטו וויעדער לאָזען אָב־וואַקסען דיינע שיינע בלאָנדע לאָקען. אַך, גרויע האָר! — דו, ליעבער! — אָבער פריי! פריי! זעץ דיך און זאָג דו מיר עפּעס. איך האָב דאָך נאָך דיין שטימע נישט געהערט.

ק א ר ס ט ע ן (זעצענדיג זיך). דו האָסט מיך נאָך נישט געלאָזען קומען צום וואָרט.

נ י נ א. האהאהאַ! ענטשולדיג! אָבער איך בין אזוי פול פון פרייד, אזוי איבערגעפילט... איך קאָן יעצט איבערקערען אַ וועלט. ווי א קליין מיידעל. פון זינט איך האָב געקראָגען דיין טעלעפאָן, אז דו קומסט, האָב איך נישט אויפגעהערט צו זינגען און טאנצען און שפּרינגען. זעהסט דו די פּיעלע בלומען? דאָס

האב איך פאר דיר, פאר דיר! איך האב אויך אין דיין וואוי־נונג — האסטו זיי בעמערקט?

קארסטען. בעסטען דאנק, ליעבע. אבער לאז מיך דיך אנקוקען.

נינא. דא, נא, קוק מיך אן. (דרעהט זיך ארום מיט טאנץ־בעוועגונגען.) דיזעלביגע נינא מארדען. איך בין דאך נישט פיעל עלטער געווארען פאר דאס יאהר, ווי? ווערליג דו ביזט געזעסען, האב איך דאך געלעבט א גוטען טאג. די אייראפא־רייזע, אך, איז זי געוועזען גרויסארטיג! פאריז, אה, פאריז! דו האסט דאך אויף מיר קיין פאראיבעל נישט געהאט, וואס איך בין אוועקגע־פאהרען קיין אייראפא? איך האב דאך דיר געשריבען: דזשעסי האט געמוזט און אהן מיר נישט געוואלט. ער האט אבער געוואלט נאך לייננער בלייבען, האט ער שוין דאס ביי מיר נישט גע׳פועל׳ט. צו דעם טאג פון דיין בעפרייאונג האב איך דא געמוזט זיין. אה, האב איך געוואלט זיין די ערסטע דיך צו בעגעגענען ביים טויער פון געפיינגניס! אבער איך האב נישט געוואלט זיין מיט׳ן גרוי־סען עולם, נישט געוואלט טיילען זיך... בין איך נישט גערעכט געוועזען?

קארסטען. קום, זעץ זיך צו צו מיר.

נינא. אך, וואס, זיצען! איך בין איצט קוועקזילבער. דו ווייסט נישט, ווי אלץ זינגט און טאנצט אין מיר. איך האב דאס געפיהל פון א גרויסען יום־טוב. דערצעהל מיר, ווי האט מען דיך בעגעגענט ביים פערלאזען דאס געפיינגניס. געוועזען עפעס א גרויסער עולם? און א סך ענטוזיאזם, ווי?

קארסטען. דאס וועסטו שוין לייענען אין די צייטונגען.

נינא. ניין, דערצעהל! דערצעהל!

קארסטען. אין די צייטונגען וועסטו געפינען מעהר עולם און גרעסערען ענטוזיאזם...

נינא. האט מען דיך קאלט בעגעגענט?

קארסטען. ניין, איך ווייס נישט. דאכט זיך זעהר היים.

א גרויסער עולם, א סך הורראַ, אָבער איך אליין בין נישט אויפ־געלעגט געוועזען. האָב מיך נישט ארומגעקוקט, נישט צוגעהערט. האָב מיך געפיהלט ווי א פרעמדער אויף א פרעמדער חתונה.

נינא. דאָס איז דאָס יאָהר זיצען. מיין אָרמער! מען קאָן ווירקליך מעלאנכאָליש ווערען. איך וואָלט משוגע געוואָרען.

קארסטען. מען האָט מיך צוגענומען אין אן אויטאָ אהיים. א סך חברים זיינען מיטגעפאָהרען. אָבער איך האָב זיי נישט געוואָלט האָבען. האָב מיך געפיהלט בעדריקט, ווי אין גע־פיינגנים. און אויסערדעם האָב איך געוואָלט שנעל צו דיר.

נינא. און איך בין געזעסען דאָ ווי אויף שפילקעס. איך האָב א דריי־פיער מאָל טעלעפאָנירט צו דיר אהיים, בין גע־וועזען אזוי אונגעדולדיג. ביז ענדליך! ביז ענדליך! ביז ענד־ליך!... דינגדינגדינגדינג....

קארסטען. איך האָב טעלעפאָנירט, ווי איך בין נאָר אריין אין מיין צימער.

נינא. האָסטו געמערקט, ווי איך האָב גערעדט אין טעלע־פאָן? איך האָב קוים דעם אָטעם געכאַפּט, קוים מיין שטימע געפונען. און ווי האָב איך אריינגעשריען אין טעלעפאָן! וואו, אויף די אויבערסטע טענער.

קארסטען. זעץ זיך דאָך לעבען מיר. לאָז מיך האלטען דיינע הענד, לאָז מיך דיך פיהלען.

נינא (לאָזט זיך אַראָב פּאַר איהם אויף די קני).

קארסטען (נעמט אַריין איהרע הענד אין זיינע). האָסטו געבייינקט נאָך מיר? האָסטו ווירקליך געוואָלט מיך זעהן?

נינא (שאָקעלט לעבהאַפט מיט׳ן קאָפּ). אונגעהייער!

קארסטען. דו ליעבע, ליעבע נינא מארדען.

נינא. דו ליעבער, ליעבער וואָלטער קארסטען!

קארסטען (קוסט איהרע הענד).

נינא. האָסטו געביינקט נאָך מיר?

קארסטען. דאָס זאָל דיך דאָך נישט וואונדערן. איך

בין איבערהויפּט פערוואנדעלט געוואָרען אין אַ שטיק ביינקענים. איך האָב געביינקט נאָך דיר. איך האָב געביינקט נאָך דער פרייהייט. איך האָב געביינקט נאָך מעהר לופט. איך האָב גע־ביינקט נאָך אַ ביסעל מוזיק. איך האָב אפילו געביינקט נאָך מיינע קליידער.

נינא. אָ, וואָס פאַר אַ שטיקעל פּלאַץ איך האָב פערנומען צווישען אזויפיעל ביינקענים!

קארסטען. ניין, דאָס איז נישט אמת. דו האָסט —

נינא. איך מיין עס דאָך נישט ערנסט. איך וויים, איך וויים.

קארסטען. דיר מוזען שוין די קני וועה טאָן. אָבער מיר איז דאָך אנגענעם צו האָבען דיך אזוי פאַר מיר. עס דאכט זיך מיר, אז דו ביזט מיר נעהנטער געוואָרען. נא, דערצעהל מיר פון דיין רייזע.

נינא. ניין, דערצעהל דו מיר פון דיין געפיינגנים־לעבען.

קארסטען. גאָט בעהיט! נאָך רעדען דערפון? איך וויל עס פערגעסען.

נינא. אזוי שלעכט?

קארסטען (שוידערט אויף). שוידערליך! מיינע ערגסטע חלומות וועלען יעצט זיין, ווען איך וועל חלום׳ען, אז איך געפין זיך אין געפיינגנים, און גאָר די ערגסטע, אז איך געפין מיך אין דעם געפיינגנים־קארצער.

נינא. ווי? ביזט אויך אין קארצער געזעסען?

קארסטען. אַ פּאָר מאָל. אָבער איך וויל וועגען דעם נישט רעדען. איך האָב עס הינטער מיר. אוועק! פערגעסען! — דו דערצעהל מיר ליעבער, וואָס האָסטו געזעהן אין אייראָפּא, וועמען האָסטו דאָרטין אָנגעטראָפען. עפּעס אַ סך אינטערעסאנטע מענשען?

נינא. אָ, יאָ!

קארסטען. מענער, נאטירליך.

נ י נ א. זעלבסטפערשטענדליך. זיי זיינען דאָך אויך די גרעסטע זעהענסווירדיגקייטען. אָבער דו דאַרפסט נישט אייפער־זיכטיג זיין. אין פאַריז בלויז האָב איך מיר ערלויבט אַ פּאָר מאָל אַ פלירט צו טאָן. אָבער אַזוי — זעהר ערנסט. איך האָב דאָך עפּעס געהאַט אַן ערנסטע אויפגאַבע פאַר מיר.

ק א ר ס ט ע ן. אַזוי גאָר?

נ י נ א. נו, דו ווייסט דאָך. איך האָב מיר פאַרגענומען צו שטודירען דאָרטין די ארבייטער־בעוועגונג. ווייסט, אין פאַריז האָב איך מיך אָנגעטראָפען מיט זשאָרעס׳ן און געד׳ן, און אין בערלין מיט בעבעל׳ען. וואונדער אינטערעסאַנט. זיי האָבען אַלע געוואוסט פון דיין פּראָצעס. אַך, איך האָב גאָר פערגעסען! (שפּרינגט אויף, לויפט צום שרייב־טיש, נעמט אַ בוך אין אַ פּראַכט־פולען איינבאַנד און הערט עס אויף.) זעהסטו דאָס בוך? טרעף, וואָס פאַר אַ בוך דאָס איז.

ק א ר ס ט ע ן. אַן עדישאָן־דע־לוקס פון — פון —

נ י נ א. דיין פּראָצעס!

ק א ר ס ט ע ן. ווי?

נ י נ א. דאָס האָב איך צונויפגענומען צייטונגס־אויסשניטען פון דעם ערסטען טאָג פון דעם גרויסען סטרייק ביז דיין פער־שווינדען הינטער די גראַטעס פון געפיינגנים און געלאָזען איינ־בינדען אין אַ פּראַכטבאַנד. (גיט איהם דאָס בוך.)

ק א ר ס ט ע ן (בעטראַכט עס, עפענט עס, בלעטערט).

נ י נ א (אַרויַנקוקענדיג מיט איהם אין דאָס בוך). צוערסט — ווי דער סטרייק איז אָנגעגאַנגען — דיין נאָמען איז אומעדום רויט אונטערגעפיהרט. דערנאָך דיין רעדע, וועלכע האָט דיר גע־קאָסט אַ יאָהר פרייהייט אין דער רעדע־פרייער אַמעריקא — דו ווייסט, איך קען זי אויף אויסווייניג. אַך, איז זי וואונדערבאַר! וויפיעל פייער! וויפיעל איבערצייגונגס־קראַפט! וויפיעל גלוי־בען! און וויפיעל ליעבע צו די ארבייטער און זייער בעפרייאונג! — דו, גרויסער! גרויסער!

קארסטען. הם!

נינא. נו, וואס זיצסטו אזוי טרויעריג און קוקסט מיך אזוי זעלטזאם אן?

קארסטען. איך — —

נינא. דו ביזט מיד! דו ביזט מיד! דו האסט דיך אבגעוועהנט פון פיעל רעדען און פיעל צו הערען. און איך רעד און רעד. אבער איך וויל דיך אויפמונטערען, פערנאנדערשאקלען. איך וויל דיך זעהן אויפגעלעבט. איך וויל זעהן מיין אמאליגען קארסטען מיט זיין גרויסען גלויבען, גרויסע האפנונגען. מיין קארסטען, וועלכער געהט מיט ריעזענשריט צו א גרויסער צוקונפט. האסטו שוין עפעס אבגעפלאנט? אויסגעלעגט דיר דאס פראגראם פון ווייטערער טעטיגקייט? אך, דו מוזט ווערען דער גרעסטער ארבייטער־פיהרער! — ווי דו זיצסט און שמייכעלסט! איך פיהל איך וויל דיר א בים טאן. (דריקט זיך צו מיט איהר באק צו זיין באק.) ווייסט, איך ליעב דיך אזוי — — איך וואלט מיך געקאנט איצט פערגעסען. — דו, דאס האט נאך קיינער פון מיר נישט געהערט. — ווען דו שעפטשעסט מיר איצט אריין אין אויער, איך זאל פערלאזען מאן און קינדער — איך וועל אויפשטעהן און נאכגעהן נאך דיר — נאך דיר — נאך דיר —

קארסטען. און מאכען דעם ערסטען שריט צו דער סאציאלער רעוואלוציאן מיט א סקאנדאל און א גט־פראצעס. העהע...

נינא (העבט אויף דעם קאפ און קוקט איהם אן גאנץ דערשטוינט). וואלטער, פוי! וואס איז מיט דיר?

קארסטען. איך וואלט עס דיר שוין לאנג געזאגט, ווען דו וואלסט נאר געלאזט מיך קומען צום ווארט.

נינא. דו, דאס איז העסליך פון דיר, מיר פארצואווארפען מיין יעצטיגע רעדזעליגקייט.

קארסטען. אבער איך וויל דיר דאך זאגען, וואס מיט מיר איז.

נ י נ א (דערשראָקען). איזווירקליך וואָס מיט דיר? ביזטו קראנק?

ק א ר ס ט ע ן. בין געזונד און שטארק אין אלע גליעדער און אלע זינען, ווי נאָך קיינמאָל נישט, דאָך —

נ י נ א. ווארט, איך וועל הייסען אריינברייגגען קאפע. דו וועסט דאָך טרינקען קאפע?

ק א ר ס ט ע ן. מיט פערגניגען.

נ י נ א (קלינגט).

ק א ר ס ט ע ן. ביזט דו אָבער אויפגערעגט!

נ י נ א. ווייל דו האָסט מיך פלוצלונג אָבגעגאָסען ווי מיט קאַלטען וואסער.

ק א ר ס ט ע ן. דאָס וויל איך ערסט טאָן.

נ י נ א. ווי? (טיר־קלאַפּען). אריין!

א צ י מ ע ר מ י י ד ע ל (בעווייזט זיך אין דער לינקער טיר).

נ י נ א. ברייננט דעם קאפע.

ד י מ י י ד ע ל (פערשווינדט).

נ י נ א (מאַכט אַ פּאָר אויפגערעגטע שריט, בלייבט שטעהן און קוקט אָן קארסטענען מיט אַ בליק, ווי זי וואָלט וועלען עפּעס פערשטעהן).

ק א ר ס ט ע ן. נו, וואָס קוקסטו מיך אזוי אָן?

נ י נ א (ווי אָבטרייסלענדיג עפּעס פון זיך). אך, וואָס! אונ־זין! (ווידער אויפגעלעבט, לויפט צו צו קארסטענען און נעמט איהם ארום.) דאָס איז דאָך אונמעגליך!

ק א ר ס ט ע ן. וואָס איז אונמעגליך?

ק א ר ס ט ע ן. אז דו ווילסט מיך אָבטרייסלען פון דיר?

ק א ר ס ט ע ן. אָה, ניין!

נ י נ א. פאר וואָס־זשע האָסטו מיר נישט אריינגעשעפּטשעט אין אויער, אז דו ווילסט, איך זאָל געהערען דיר אין גאנצען, אז איך זאָל אוועקגעהן מיט דיר?

ק א ר ס ט ע ן. ווייל — — (טיר־קלאַפּען).

נ י נ א (לאָזט איהם אָב). אריין!

די מיידעל (קומט אַריין מיט אַ טאַץ און אַ ברענענדיגער קאַפּע־מאַשין. מאַכט צורעכט אַ טישעל, גרייט אַלץ צו).

נינא. דו האָסט נאָך גאָר נישט געדויכערט.

קארסטען. האָב מיך אָבגעוועהנט — דאָרטין.

נינא. ווילסטו פערדויכערן?

קארסטען. גיב!

נינא (שטעלט איהם אַריין אַ סיגארעט אין מויל, ציגדט אָן אַ שוועבעלע און טראָגט צו צו דער סיגארעט).

די מיידעל (געהט אַוועק).

נינא (נעמט זיך עוסק׳ען אַרום דעם קאַפּע). ווייל — — ?

קארסטען. ווי?

נינא. דו ביזט שטעהן געבליבען ביי „ווייל״.

קארסטען. ווי איז דאָס געוועזען?

נינא. ווי? דו האָסט פערגעסען, וואָס איך האָב דיך געפרעגט?

קארסטען. דו האָסט מיט דער סיגארעט —

נינא. קארסטען!

קארסטען. אָך, יאָ — פאר וואָס האָב איך נישט — ווייל איך האָב יעצט גאָר אנדערע פּלענער, ווייל איך בין אויסגעניכטערט.

נינא. אנדערע פּלענער? אויסגעניכטערט?

קארסטען. יאָ.

נינא. פון וואָס?

קארסטען. פון מיין בעטרונקענהייט מיט דער פריערדיגער טעטיגקייט, פון מיינע און דיינע חלומות.

נינא. וואָס זאָל עס בעדייטען?

קארסטען. אז איך וועל דעם קאמפּף נישט אויפנעמען צוריק, אז איך וועל מעהר קיין ארבייטער־פיהרער נישט זיין.

נינא (שפּרינגט אויף). קארסטען!

קארסטען. איך האָב נאָר איין פייערדיגע רעדע געקאָנט

האַלטען און בעצאַהלען פאַר איהר מיט א יאָהר געפיינגענים. א צווייטע וועל איך נישט קאָנען מעהר האַלטען, ווייל איך וועל מעהר פאַר איהר נישט קאָנען בעצאַהלען.

נינא. וואַלטער, רעד נישט אַזוי!

קאַרסטען. נינאַ, דאַס איז נישט געוועזען קיין יאָהר, דאַס איז געוועזען צעהן יאָהר.

נינא. מען זיצט אויך צעהן יאָהר, וואַלטער!

קאַרסטען. דו האָסט פריער געזאָגט, אַז דו וואָלסט משוגע געוואָרען.

נינא. בעבעל איז געזעסען צוויי יאָהר, בערקמאַן — צוואַנציג, און — —

קאַרסטען. וואָס קאָן איך דיר ענטפערן? איך זאָג דיר, ווי דאָס זיצען האָט אויף מיר געווירקט. דאָס האָט מיך אויסגעניכטערט. און איך בין אין עפּעס קלאָר געוואָרען. — ווילסטו מיר קיין קאַפע נישט געבען?

נינא. אַך, ענטשולדיג! (גיסט־אָן קאַפע, וואַרפט אַריין צו־קער און גיט איהם.)

קאַרסטען. אַ דאַנק. איך האָב געמיינט, איך פערדין איהם שוין מעהר נישט ביי דיר. (טרינקט דעם קאַפע און עסט געבעקס.) פאַר וואָס טרינקסטו נישט?

נינא. איך וויל וויסען אין וואָס דו ביזט קלאָר געוואָרען.

קאַרסטען. אַה, יאָ. דאָס איז טאַקע דיר נוגע.

נינא. מיר?

קאַרסטען. יאָ, דיר גאַנץ.

נינא. אַלזאָ?

קאַרסטען. איך בין נעמליך קלאָר געוואָרען אין דיין טעות.

נינא. אַזוי? אין מיין טעות!

קאַרסטען. יאָ.

נינא. אין וואָס האָב איך אַ טעות געהאַט?

קאַרסטען. דאַרף איך בעטען נאָך א טאסע? — איך האָב א גאַנץ יאָהר דיין קאפּע נישט געטרונקען, פון דיין האַנד אָנגעגאָסען, נינאַ מאַרדען.

נינאַ. פריער א ווײַלע וואָלט איך גאנץ געריהרט געוואָרען פון דיין זיסקייט, איצטער וויל איך בלויז וויסען, אין וואָס איך האָב א טעות געהאַט.

קאַרסטען. נישט „אין וואָס", נאָר אין וועמען.

נינאַ. אין דיר?

קאַרסטען. יאָ.

נינאַ. אין וועלכער הינזיכט?

קאַרסטען. איך בין קיין קעמפּפער נישט. איך האָב נאָרנישט אין מיר פון פיהרער־שטאָף. און דו האָסט מיך גע־שטופּט צו קאַמפּף און פיהרערשאַפט. דאָס ביסעל, וואָס איך בין געוועזען, בין איך געוועזען דורך דיר. דיין איינפלוס, דיין אריינ־רעדען אין מיר, דיין סוגערירען. איך האָב געאַרבייט, ווי היפּ־נאָטיזירט פון דיר. דאָס איז געוועזען נישט מיין גלויבען, נאָר דיין גלויבען. נישט מיין עהרגייץ, נאָר דיין עהרגייץ. דאַרטין, אין מיין אליין־זיין, דער עיקר נאָך אין דעם שרעקליכען קאַרצער, איז עס מיר קלאָר געוואָרען. איך האָב מיך ווי אויסגעטשוכעט, אויסגעניכטערט, בעפרייט פון דעם היפּנאָז, גאָט זיי דאַנק!

נינאַ. גאָט זיי דאַנק?

קאַרסטען. ווען עס וואָלט ווייטער אָנגעהאַלטען, וואָלט געקומען צו אַ קאַטאַסטראָפע.

נינאַ. צו א קאַטאַסטראָפע?

קאַרסטען. איך וואָלט מיך פערגריפען צו־ווייט און צו־הויך — צו־ווייט און צו־הויך פאַר מיינע כחות — און פּלוצלונג וואָלט מיר קלאָר געוואָרען, אז איך לעב פון געבאָרגטען, פון פרעמדען קאַפּיטאל. עס וואָלט מיר אויפגעגאַנגען ווי א ליכט מיין גייסטיגער באַקראָט, און איך וואָלט שטעהן געבליבען אין מיטען, וואָלט צוזאַמענגעבראָכען אין מיטען דער ארבייט. דאָס וואָלט

מוזען געשעהן, פריער אדער שפעטער, און דאס וואלט געוועזען א קאטאסטראפע. נישט פאר מיר אליין, נאר אויך פאר די אונ־צעהליגע, וועלכע וואלטען מיר נאכגעגאנגען. אך, עס איז ווי דו וואלסט א קליינעם ליעדער־שרייבער אנגעשפארנט א שעקספיער צו ווערען. און איך בין דאך בלויז א קליינער ליעדער־שרייבער. איך האב געקאנט אויפשרייבען, זיצענדיג ביי זיך אין צימער אין טופליעס און שלאפראק, א מעהר אדער וועניגער געלונגענעם לייט־ארטיקעל איבער אן ארבייטער־פראגע. און דאס איז אלץ. איך בין א מענש, וועלכער האט קוים געקאנט איינטראגען זיין אייגע־נעם באגאזש, קומסטו און בייטשסט מיך אונטער צו ווערען א הערקולעס, און ווילסט ארויפלאדען אויף מיינע פלייצעס א גאנצע וועלט. — — וויסטו, ווען דו ביזט אוועקגעפאהרען נאך אויס־לאנד, בין איך אויף דיר שטארק בייז געווארען. — דו פרעגסט נישט, פאר וואס? — דו קוקסט מיך אן ווי א ווילדפרעמדען. — הערע. — איך בין אויף דיר זעהר שטארק בייז געווארען. ווייסט, וואס איך האב געזאגט מיט צוזאמענגעפרעסטע ציין און צונויפ־געדריקטע פויסטען?

נינא (ווי נאכטוואנדלעריש, פרעסט צוזאמען די ציין און דריקט צונויף די פויסטען).

קארסטען. יא, אזוי האב איך עס געמאכט. ווייסט, וואס איך האב דערביי געזאגט? „האט מיך ארייגעזעצט אין געפיינגעניס און איז אליין אוועקגעפאהרען אין אויסלאנד צו לעבען א גוטען טאג!“

נינא. פוי.

קארסטען. יא, פוי! דאס איז אבער געווען, ווען מיר איז קלאר געווארען, אז ווען נישט דו, וואלט איך קיין פייער־שפייענדיגער אגיטאטאר נישט געווארען און וואלט אין געפיינגעניס נישט ארייגעפאלען.

נינא. מיט צוזאמענגעפרעסטע ציין און צונויפגעדריקטע פויסטען.

ק א ר ס ט ע ן. יא, אזוי אין כעס בין איך אויף דיר גע־וואָרען.

נ י נ א (כאַפּט זיך פּלוצלונג פאַר'ן קאָפּ). קארסטען! קאר־סטען! עס איז דאָך אונמעגליך!

ק א ר ס ט ע ן. עס איז אזוי.

נ י נ א. ניין, דו האָסט א טעות! ניין! דו וועסט דיך אויסרוהען פון דעם געפיינגעניס, אָבטרייסלען פון זיך די יעצטיגע מוטלאָזיגקייט, ווי א שווערען חלום — אָה, יאָ! דו וועסט זיך אָננעמען מיט נייעם מוט, מיט נייער פרישקייט, מיט געשטייגער־טען גלויבען! דו וועסט ווידער ווערען דו — מיין גרויסער, שטארקער קארסטען! אָה, איך וועל דיר העלפען! איך וועל דיר העלפען!

ק א ר ס ט ע ן (שטאַרק). ניין!

נ י נ אָ. ניין?!

ק א ר ס ט ע ן. פון דיר וועל איך מיך נישט לאָזען מעהר פערפיהרען.

נ י נ א. פערפיהרען?!

ק א ר ס ט ע ן. רוף עס, ווי דו ווילסט. איך וועל געהן מיין אייגענעם וועג, שריטווייז, מיט מיין אייגענעם באגאזש, אין מיין שלאָפראָק און מיינע טופליעס.

נ י נ א (העבט־אָן ארומצוגעהן איבער'ן צימער מיט א צוזאמענ־געקרעמפּטער האַנד אויפ'ן מויל).

ק א ר ס ט ע ן. דערפאר איז מיר היינט אזוי שווער געוועזען די בעגייסטערטע בעגעגנונג פון די חברים. דאָס איז געוועזען א וועקסעל אויף דער צוקונפט, וועלכען איך וויל נישט און קאָן נישט אָננעמען. דערפאר אויך האָב איך געאיילט צו דיר, דיר צו דער־קלערען — אָה, נישט דערפאר אליין! איך האָב דיך געגארט צו זעהן, איך האָב געבייינקט נאָך דיר... האהא... וואָלסטו יעצט גע־וואָלט אוועקגעהן מיט מיר, מיר גאַנץ געהערען?

נ י נ אַ (אומגעהענדיג, וואַרפט אַראָב אַ סטאַטועטקע, וועלכע צוברעכט זיך, און בלייבט שטעהן איבער די שטיקער).

קאַרסטען. אָה!

נ י נ אַ (ווי פאַר זיך, אין געדאַנקען, מיט אַ טיעפען אויפ־אָטמען). אַן אָבגאָט צובראָכען.

קאַרסטען (העבט אויף לאַנגזאַם דעם קאָפּ, צומאַכענדיג די אויגען). איך — האָב — בעגריפען.

נ י נ אַ (קלינגט).

קאַרסטען. יעצט רופסטו אריין די דיענסט און וועסט איהר הייסען אויסקערען און ארויסוואַרפען דעם צובראָכענעם אָבגאָט.

די מיידעל (בעוויייזט זיך).

נ י נ אַ (צו דער מיידעל). גאָרנישט, שפּעטער. — ניין, איהר קאָנט אוועקנעמען דעם קאַפע.

די מיידעל (קומט אַריין, רוימט אויף פון דעם קאַפע־טישעל, דערזעהט די צובראָכענע סטאַטועטקע). אָה! דאַרף איך אריינקומען צוזאַמענצונעמען?

נ י נ אַ. שפּעטער, איך וועל אייך רופען?

די מיידעל (געהט אַרויס).

קאַרסטען. ווי זאָל איך דאָס דערקלערען? אָה, גאַנץ וועה טאָן ווילסטו מיר נישט. אזוי נעמען און ארויסוואַרפען — נאָך נישט, שפּעטער. האהא... געדענקסטו, וואָס דו האָסט פריעה גערעדט, דיין באַק צוגעדריקט צו מיין באַק? און פּלוצלונג! — ווייסטו, דו מאָגסט מיר דאנקבאַר זיין! דו האָסט אויך געוואונען קלאָרקייט. יעצט ווייסטו, אז דו האָסט נישט מ י ך געליעבט, נאָר דיין חלום, דיין אייגענעם עהרגייץ. איך בין ביי דיר געוועזען אַ וואַפע, אַ מיטעל. — וואָס קוקסטו אוועק פון מיר? ווילסטו מיר גאָרנישט זאָגען?

נ י נ אַ (בייסט די ציינער, אָטעמט שווער).

קאַרסטען. עס וואָלט גאָר שיין געוועזען, ווען עס וואָלט

אנדערם געוועזען, ווי ? — זאָל דאָם אונזער צושיידונג זיין ? — זיי כאָטש מודה, אז איך בין עהרליך. — אזוי פערגליווערט דו, און איך שטעה ווי א נאַר און רעד. — גיב מיר דיין האנד צום אָבשיעד, נינא.

נינא (גיט איהם לאַנגזאַם די האַנד).

קארסטען. ווי קאַלט די האנד איז! — ווילסטו מיר גאָר נישט זאָגען ? דאָך כאָטש עפּעס — פאַר אַל די יאָהרען ? — און א קוק טאָן ? — איז ניין ! (לאָזט אָב איהר האַנד און געהט לאַנגזאַם אַרויס.)

נינא (גיט אַרויס פון זיך אַ היסטעריש האַלב־לאַכען, האַלב־וויינען, פאַסט זיך, בעמערקט דאָס בוך, שמייסט עס אַוועק, קוקט אָן א זייט און שיפּעט בייז אַרויס). וואָס האָט ער אין מיר צושטערט ! !

פיערטער עפּיזאָד.

דער דיפּלאָמאַט

פערזאָנען:

נינא.
העלען ספּילבורג.
ארטור מארשאל, אַ דיפּלאָמאַט.
נאָרמאן עדינדזשער, אַ דיכטער.
די דיענסטמיידעל.

(נינאַ'ס בודואַר. נינאַ מיט העלען'ס הוט אין איהר האַנד, בעטראַכטענ־
דיג איהם. העלען פאָלגט נאָך איהרע בעוועגונגען.)

נ י נ א. און ספּילבורג פּראָטעסטירט גאַרנישט געגען אזוי פיעל היטעלעך און אזעלכע טייערע?

ה ע ל ע ן. איך דערלאָז נישט דערצו.

נ י נ א. ווי אזוי?

ה ע ל ע ן. איך האָב שוין מיין גוט מיטעל.

נ י נ א. דאַרף איך עס וויסען?

ה ע ל ע ן. פאַר'ן שלאָפען־געהן טו איך אָן מיין נײַ היטעלע אויף מיין שענסטען נעגליזשע און שפּאַציר דורך פאַר איהם מיט דעם פייערדיגסטען אויגענשפּיעל און גליערדעטאַנץ און — ער פערגעסט ברוגז צו ווערען אויף דעם גרויסען פּרייז און די שווערע רעכנונג.

נ י נ א. שאָקינג!

ה ע ל ע ן. אָבער א גוט מיטעל אויף צו מאַכען איהם צו בעצאָלען די רעכנונגען אָהן לאַנגע און שטרענגע רעדעס.

נ י נ א. דו ביזט צו וואולגאַר.

ה ע ל ע ן. איך רוף עס „פּרויען־דיפּלאָמאַטיע“. אַך, איך —

נ י נ א. וואָס?

ה ע ל ע ן. גאַרנישט. ווייסט, אַליוו איז א גרויסע צבועטשקע.

נ י נ א. ווי קומסטו פּלוצלונג צו אַליוו?

ה ע ל ע ן. אזוי זיך. איך האָב עס דיר שוין לאַנג געוואָלט זאָגען.

נ י נ א. אז אַליוו איז א צבועטשקע?

העלען. יאָ, און אז זי איז דיר נישט טריי.

נינא. גאָר אזוי?

העלען. איך האָב וואָס ערפאהרען.

נינא. וואָס אזוינס? מעג איך עס וויסען?

העלען. זי וויל ביי דיר אָבשלאָגען דיין דיפּלאָמאט.

נינא. דאָס איז נישט אמת.

העלען. איך וויים, אז דו ווייסט עס נאָך נישט, אָבער —

נינא. דער דיפּלאָמאט איז נישט מיינער און מען דארף איהם נישט אָבשלאָגען ביי מיר.

העלען. אה, איך בין איבערראשט! ווארט א ווייל — איז עס עדינדזשער?

נינא. וואָס עדינזשער?

העלען. האָט ער זיך דאָס יעצט אריינגעקליבען צו דיר אין הארצען?

נינא. ניין.

העלען. איז עס באטיני, דער הערליכער זינגער?

נינא. אויך ער נישט, קיינער נישט.

העלען. בין איך דאָך טאקע איבערראשט.

נינא. איך קאָן דיך נאָך מעהר איבערראשען.

העלען. טו עס נאָר!

נינא. ווען דו וועסט הערען, אז יענער און יענער איז מיי־נער, זאָלסטו וויסען, אז דאָס איז נישט אמת, ווייל איך האָב עס גענוג.

העלען. וואָס האָסטו גענוג?

נינא. די אלע איבערלעבעניסען און עפּיזאָדען.

העלען. אונגלויבליך! ווילסט זיך צוריקציהען? אריינ־געבען דיין רעזיגנאציע?

נינא. יא.

העלען. אזוי פּלוצלונג! דו ביזט דאָך ערסט געוועזן פול

פלירט און ליעבהאָבעריי. ניין, מיט דיר האָט וואָס געמוזט פּאַסירען!

נינא. עס האָט פּאַסירט.

העלען. אהא!

נינא. גאָרנישט פון דעם, וואָס דו פערקלערסט דיר דאָרטין. אין מיר האָט נאָר עפּעס פּאַסירט.

העלען. ווי?

נינא. עס איז מיר געוואָרען קלאָר, אז עס מוז שוין זיין געענדיגט.

העלען. גראָד יעצט, ביים דיפּלאָמאַט. איינער פון די שענסטע מענער, מען זאָגט אויך, איינער פון די קליגסטע. איך האָב נאָך מיט איהם נישט גערעדט, האָב אויך נישט געהאַט די זכיה בעקאַנט צו ווערען מיט איהם.

נינא. אויב דו ווילסט, קאָנסטו דאָ האָבען די זכיה מיט איהם בעקאַנט צו ווערען.

העלען. דאָ?

נינא. איך ערוואַרט איהם, ער דאַרף באַלד קומען.

העלען, אה! (כאַפּט אַרום נינא׳ן און קוסט זי.) טייערע, טייערע! (איילט צום שפּיגעל, פערריכט זיך די פריזור און פרישט זיך אָב דאָס געזיכט.)

נינא (לאַכט). דו גרייטסט זיך צו צו אַן ערָאָבערונג.

העלען. דיר איז דאָך אַלץ איינס. אָדער?

נינא. אבסאָלוט אַלץ איינס. איך גיב איהם דיר אוועק מיט ביידע הענד.

העלען. דאַרף ער באַלד קומען? וועט ער אויף זיך לאַנג לאָזען וואַרטען?

נינא. ביזט שוין אונגעדולדיג?

העלען. דאָס בין איך שטענדיג, ווען אין דער לופט טראָגט זיך א „בעגעגענים“.

נ י נ א. דו קאָנסט יעדען מאָמענט ערוואַרטען זיין אָנזאָגען זיך.

ה ע ל ע ן. פּאַס אויף — ער וועט דאָך אריינקומען פון ד ע ר טיר — וועל איך מיך אוועקזעצען — (קוקט זיך אַרום אין צימער.) אַט־אַ־דאַ. דאָ איז די גינסטיגסטע בעלייכטונג. (זעצט זיך.) ער קומט אריין און איך מוז מיך איהם גלייך ווארפען אין די אויגען און אין דעם בעסטען ליכט. אך, אן ערווארטונג צו מאַכען! וואָס וואָלט אזא איינע ווי איך געטאָן, ווען איך וואָלט נישט געהאַט די אלע איבערלעבעניסען און עפּיזאָדען, ווי דו רופסט עס אָן? איך וואָלט דאָך משוגע געוואָרען פאר לאַנגווייליגקייט. איך בעגרייף דיך ווירקליך נישט, איך —

ד י ד י ע נ ס ט מ י י ד ע ל (אין טיר). מר. מארשאל! (אָב.)

ה ע ל ע ן. אה־ה־ה!

נ י נ א (געהט ענטקעגען).

א ר ט ו ר מ אַ ר ש א ל (קומט אריין, מאַכט א בעוועגונג ווי אַרומצונעמען נינאַ׳ן, בעמערקט העלען און פערכאַפּט זיך. גיט נינאַ׳ן די האַנד). ווי געהט׳ס? (קושט איהר די האַנד.)

נ י נ א. ווי געהט׳ס אייך? לאָזט אייך פאָרשטעלען: מר. מארשאל, מרס. ספּילבוירג.

ה ע ל ע ן (שטרעקט אויס צו איהם די האַנד מיט דעם קאָקעטישען שמייכעל). עס פרעהט מיך אייך צו קענען, מר. מארשאל.

מ א ר ש א ל (זעהר שטייף, קענטיג אומצופריעדען מיט איהר אַנוועזענהייט). די פרייד איז אויך אויף מיין זייט.

נ י נ א. ווען איהר שטעהט מיט א מינוט פריער הינטער דער טיר, וואָלט איהר געהערט פון די ליפּען פון מיין שיינער פריינדין די חניפה׳דיגסטע מיינונג וועגען אייך.

ה ע ל ע ן. איך האָב נאָר איבערגעגעבען די אלגעמיינע מיינונג.

מ א ר ש א ל. אַה!

נ י נ א. איהר האָט אין מרס. ספּילבוירג איינע פון איירע גרעסטע עראָבערונגען.

ה ע ל ע ן. אָבער, נינא, ווען דו וועסט מיך אזוי ארויסגע־בען, וועט פאר מר. מארשאל גאַרנישט בלייבען צו טאָן.

נ י נ א. זי האָט זיך שוין צונעגרייט —

ה ע ל ע ן נינא!

נ י נ א. נא, וואָס זייט איהר אזוי שטייף און שטרענג? האהא... איהר האָט נאָך קיין וואָרט נישט ארויסגערעדט.

מ א ר ש א ל. איך האָב געזאָגט: „אה!"

ה ע ל ע ן. פון אַ בעריהמטען דיפּלאָמאט איז דאָס פיעל.

מ א ר ש א ל (פלוצלונג צו העלען). איז דאָס אייער קאָפּ־פוץ?

ה ע ל ע ן. יאָ, מיין הערר.

מ א ר ש א ל. ער מוז אייך גוט קליידען.

ה ע ל ע ן. ווי?

מ א ר ש א ל (כמעט גראָב). גוט קליידען — ווען איהר האָט איהם אויפ'ן קאָפּ.

ה ע ל ע ן (פערלאָרען). איך ווייס נישט — איך גלויב — איך מיין...

נ י נ א. ער קליידט איהר גרויסארטיג. ווען זי טוט איהם אָן, פערגעסט מר. ספּילבוירג אפילו די גרוים פון דער רעכנונג. אָבער וואָס זייט איהר אזוי נייגיריג געוואָרען?

מ א ר ש א ל. מיין שוואכקייט: שיינע פרויען אין שיינע היט. (צו העלען.) ביטע, לאָזט מיך זעהן אייך אין דעם הוט.

ה ע ל ע ן. אָה, ווען עס וועט אייך מאכען פערגעניגען. (זי שטעלט זיך פאַר'ן שפּיגעל און טוט אָן דעם הוט.)

מ א ר ש א ל (ווענדעט זיך שנעל צו נינאַ'ן און מאַכט, ווי ער וואָלט גאָר פערגעסען מרס. ספּילבוירג). וואָס־זשע מאכט איהר, זינט איך האָב אייך געזעהן? וויפיעל טעג זיינען עס? אַ גאנצע וואָך.

איך האָב מיך בשום אופן נישט געקאָנט בעפרייען. איך בין אָבער קוים איינגעזעסען אין וואשינגטאָן.

נינא (קוקט זיך אום צו העלען).

מארשאל. אָה, קוקט צו מיר, לאָזט מיך קוקען גלייך אין אייערע אויגען.

העלען (פּארטיג ווערענדיג מיט'ן הוט, בעמערקט, אַז מארשאל קוקט אַפילו נישט אין איהר זייט. זי בעגרייפט וואָס, ווערט רויט און בלאַס, קעמפּפט מיט טרערען און איילט אַרויס אויף גיך פון צימער).

נינא (שפּרינגט אויף). העלען! (איילט איהר נאָך.)

מארשאל (שטעלט זיך פאר דער טיר אין ערוואַרטונג).

נינא (בעוויייזט זיך פּאַרזיכטיג אין דער טיר).

מארשאל (וויל זי אַרומנעמען).

נינא (ציהט זיך שנעל צוריק, צומאַכענדיג די טיר. באַלד עפענט זי אויף די טיר זעהר פּאַרזיכטיג און שטעקט אַריין דעם קאָפּ). אז איהר וועט אייך רוהיג אוועקזעצען, וועל איך אריינקומען; אז נישט, לאָז איך אייך אליין.

מארשאל. איך ליעב אייך.

נינא. זעצט זיך אוועק!

מארשאל. איך וויל אייך א קוש טאָן.

נינא. איך פערשווינד.

מארשאל. וועל איך ווארטען, ביז איהר וועט זיך דערבארמען און קומען צוריק.

נינא. איך בעט אייך, זעצט זיך רוהיג אוועק. איך האָב מיט אייך וואָס צו רעדען.

מארשאל. איך בין געקומען זאָגען אייך נאָר איינס און הערען פון אייך נאָר איינס: איך ליעב אייך און —

נינא. וועט איהר מיך לאָזען אריינגעהן?

מארשאל. עפענט די טיר, ווי איך מיינע אָרמס, און קומט אריין.

נינא. איהר געהט אוועק פון דער טיר.

מארשאל (קוקט זי אַ ווײַלע אָן). זאָל זיין אזוי. (רוקט זיך אָב פון דער טיר.)

נינא. זעצט זיך.

מארשאל. גוט. (זעצט זיך.)

נינא (קומט אַריין, מאַכט צו די טיר הינטער זיך און בלייבט שטעהן ביי דער טיר. זיי קוקען זיך אָן איינס דאָס אַנדערע).

מארשאל. ווי הערליך איהר זעהט אויס, נינא! — דארף איך אויפשטעהן? אָדער ווילט איהר צוגעהן צו מיר?

נינא. ווייסט איהר כאָטש, וואָס איהר האָט אָבגעטאָן?

מארשאל. איך? אָבגעטאָן?

נינא. איהר האָט מיר פערטריבען מיין בעסטע פריינדין.

מארשאל. אָה, און איהר ווילט מיך דערפאר בע־שטראָפען! (וויל אויפשטעהן.)

נינא. בלייבט זיצען! — דאָס האָב איך געזאָגט גלאַט אזוי זיך, אלס אן איבערגאנג צו עטוואָס מעהר.

מארשאל. אייער טאָן! — וואָס איז געשעהן פאר דער וואָך?

נינא (נאָך אַ קורצער פּאוזע, ווי זי וואָלט זיך איבערלעגט, ווי זיך אויסצודריקען). איהר האָט מיר נישט געפעהלט.

מארשאל. איך האָב אייך —

נינא. נישט געפעהלט. איך האָב נאָך אייך אויך נישט געבייגקט. און נאָך מעהר: אייער צוריקקומען האָט מיך גע־שראָקען. איך האָב געפיהלט אין פאָראויס די פיינליכקייט פון דער סצענע, וועלכע מיר מאכען יעצט דורך.

מארשאל. וואָס איז געשעהן פאר דער וואָך?

נינא. נישט מעהר ווי אן איינזעהענים.

מארשאל. רעדט קלאָרער.

נינא. איהר זייט שפּעט געקומען.

מארשאל. אן אנדערער האָט — ?

נינא. ניין, איהר זייט שפּעט געקומען אין מיין לעבען. איך פיהל, אז איך ווער אלט.

מארשאל. הע!...

נינא. און איך וויל אונטערציהען די לעצטע שורה. נישט מעהר. פון איצטער אָן וויל איך געהערען מיין היים און מיינע טרוימען.

מארשאל. טרוימען?

נינא. יא. וואָס איך האָב נישט איבערגעלעבט, וועל איך דערטרוימען. איך וועל טרוימען פון דעם, וואָס איך האָב געקאָנט אויפטאָן און נישט אויפגעטאָן, וואָס איך האָב געקאָנט ווערען און נישט געוואָרען. איצט וויל איך זיין גאנץ מיט מיר אליין.

מארשאל. אונזין! אזוי פריה!

נינא. איצט איז די ריכטיגע צייט. איך וויל אויפהערען, ווען איך בעדייט נאָך וואָס. איך וויל פערלאָזען, נישט פערלאָזען ווערען.

מארשאל. ווערטער! ווערטער!

נינא. ניין, ארטור.

מארשאל. פאר מיר זיינען דאָס אלץ פוסטע ווערטער. זינט אונזער לעצטען זעהען־זיך זייט איהר נאָר אויף א וואָך על־טער געוואָרען. וואו זייט איהר געוועזען מיט דעם געדאנק פריער? און וואָס געהט עס מיך אָן? נינא, חרטה איז נישט מעשה סוחר. און עס איז צו שפּעט פאר חרטה.

נינא. צו שפּעט?!

מארשאל. ווייל איהר האָט דערגרייכט, וואָס איהר האָט געוואָלט. איך ליעב אייך. איך ליעב אייך שטאַרק. די טעג אין וואשינגטאָן — איך האָב אייך שוין געזאָגט! איך האָב קוים געהאט גענוג קאָפּ אויף צו טאָן מיין שליחות. און ווי האָב איך צו אייך געאיילט! איך האָב געברענט אריינצונעמען אייך אין מיינע אָרמס און צו בעפרייען מיין גרויסע אומגעדולד און ביינ־קענים אין א ליידענשאפטליכען קוס. דער קוס האָט אייך געזאָלט

זאָגען, ווי איך האָב געביינקט נאָך אייך, ווי איך האָב אייך שוין געוואָלט זעהן און ווי ערפּאָלגרייך איהר זייט געוועזען אין דעם, וואָס איהר האָט געזוכט ביי מיר. אָה, נינא —

נ י נ א (צוריקווייכענדיג). ניין, מר. מארשאל, ניין!

מ א ר ש א ל. איך וויל אייך אויסקוסען אלע אייערע צווייפעל. איך וויל, איהר זאָלט וויסען, ווי יונג איהר זייט און בליהענד און בענעהרונגסווערט. איהר זאָלט אין מיין קופּ דערקענען, וואָס פאר א פייער עס ברענט אין אייך און ווי איהר קאָנט מאַכען ברענען. און איך וועל אייך איינרוימען, אז איך, דער זיעגרייכער און דער עראָבערער, האָב נאָך קיינמאָל אזוי ניט געברענט. אזוי האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געקוסט, ווי איך וועל אייך קוסען —

נ י נ א. איהר וועט עס נישט טאָן.

מ א ר ש א ל. ניין, דאָס טאָר מיר נישט געשעהן! איך טאָר נישט פערפיהרט ווערען ווי א אינגעל! נינא, שפּיעלט זיך נישט אזוי מיט מיין ליעבען־קאָנען! זייט גליקליך, וואָס אייך איז געלונגען ארויסצורופען אין מיר דאָס גרויסע געפיהל, און גיט מיר, וואָס איהר האָט מיר פערשפּראָכען מיט אייער גאַנצער בענעמונג, מיט אייער גאַנצער אנציהונגס־קראַפט. איך וויל אייער ליעבע, נינא.

נ י נ א. אונמעגליך.

מ א ר ש א ל. מיט א וואָך צוריק האָט איהר זי פאר מיר געהאַט. זי האָט געשמייכעלט צו מיר אויף אייערע ליפּען, געלאכט אין אייערע אויגען, געשטראָמט אין אייער פינגער־בעריהרונג, ארויסגעזונגען פון אייער גאנצען וועזען. צו מיר! צו מיר!

נ י נ א. אזוי איז עס אויך געוועזען, אָבער דערנאָך —

מ א ר ש א ל. איך וויל עס נישט הערען. זאָגט עס מיר נישט. דאָס איז לשון הרע. ווי קאָנט איהר מיט ד ע ם געזיכט, מיט ד ע ר הערליכער פיגור, מיט ד ע ר גאנצער שטראַלענדיגער פּראַכט און פער׳שיכור׳ענדיגער יוגענדליכקייט — — ניין! — — נינא! (וויל צו איהר.)

נ י נ א. מר. מארשאל, איך וועל קלינגען.

מ א ר ש א ל. וואָס? ניין, דאָס וועט איהר נישט טאָן. דאָס איז קלײנליך. דאָס איז — — ניין! — קלינגען! — די דיענסטען צונויפרופען — — האהא! נינא, וואָס איז פאר דער וואַך געשעהן?

נ י נ א. נאָר דאָס, וואָס איך האָב אייך געזאָגט.

מ א ר ש א ל. אונזין! אונזין! גאנץ אונמעגליך! איך גלויב עס נישט. נינא, אויב אן אנדערער — — —

נ י נ א. אבסאָלוט נישט. דאָס דארפט איהר גאָר נישט טראכטען.

מ א ר ש א ל. איהר ווייסט נאָך אפשר נישט, פון וועלכען מאטעריאל איך בין געמאכט — איהר ווייסט נאָך אפשר נישט פון מיין אייזענווילען, פון מיין ענטשלאָסענהייט. איהר וועט עס דאן דערוויסען און אין אזא מאָס — — —

נ י נ א. רעדט אזוי ליעבע?

מ א ר ש א ל. אזוי רעדט בעליידיגטע ליעבע! אזוי רעדט בעטראָגענע ליעבע! ווילט איהר די שפראך פון מיין ליעבע הע־רען? — אה, נינא! זי איז רייכער פיעל און נשמה'דיגער און ליידענשאפטליכער ווי די ליעבע־שפראך פון אלע אייערע דיכטער און קינסטלער. טייערע, אויך אין מיר האָט איהר אויפגעוועקט דאָס שטארקסטע. איך ליעב אייך, נינא!

נ י נ א. זאָגט עס מיר נישט, ארטור. איהר טוט מיר וועה. אָבער איך קאָן נישט אנדערס. עפּעס איז אין מיר אָבגעשטאָרבען. איך האָב נישט מעהר דעם ווילען צו ליעבע. עס פערדריסט מיך, וואָס איהר ליידט, וואָס איך בין די שולדיגע. אָבער מיר איז אלץ אזוי פרעמד, אזוי ווייט פון מיר.

מ א ר ש א ל. איך ליעב אייך.

נ י נ א. נישט אינטערעסאנט, איבערדריסיג.

מ א ר ש א ל (מיט זעלבסטפערשטענדליכער בעשטימטהייט). איך ליעב אייך, און איהר וועט מיר געהערען.

נ י נ אַ. נײן. (קוקען זיך אָן. טיר־קלאַפּען.) אַרײן!

ד י ד י ע נ ס ט מ י י ד ע ל (צומאַכענדיג הינטער זיך די טיר). מר. עדינגדזשער.

מ אַ ר ש אַ ל. אַהאַ! דער דיכטער!

נ י נ אַ. איהר האָט אַ טעות, אַרטור. (צו דער מיידעל.) זאָגט איהם, אַז איך וויל איהם נישט זעהן.

מ אַ ר ש אַ ל. נײן, זאָל ער אַרויפקומען.

ד י מ י י ד ע ל (שטעהט אונענטשלאָסען).

נ י נ אַ. זאָגט איהם, וואָס איך האָב אײך געהייסען.

מ אַ ר ש אַ ל. וועל איך זאָגען, אַז איהר האָט נישט געוואָלט, ער זאָל מיך דאָ טרעפען.

נ י נ אַ. דאָס איז מיר עגאַל. איבעריגענס — (צו דער מיידעל.) שיקט איהם אַרײן.

ד י מ י י ד ע ל (אָב).

מ אַ ר ש אַ ל (ווי פאַר זיך). אַ טאַלאַנט, וואָס מוז „בעשאַפעריש" געמאַכט ווערען.

נ י נ אַ. מר. מאַרשאַל!

נ אָ ר מ אַ ן ע ד י נ ג ד ז ש ע ר (איילט אַרײן, וויל בעגייסטערט בעגריסען נינאַ׳ן און בלייבט שטייף שטעהן, ווען ער דערזעהט מאַרשאַל׳ען).

מ אַ ר ש אַ ל. ווי געהט׳ס, מר. עדינגדזשער!

ע ד י נ ג ד ז ש ע ר (ווי פערגליווערט). גו־טען טאָג, מר. מאַרשאַל. (צו נינאַ׳ן.) גוטען טאָג! (קוסט איהר די האַנד.)

נ י נ אַ. גוטען טאָג, מר. עדינגדזשער.

מ אַ ר ש אַ ל (אויפהעבענדיג אַ בוך פון טיש). אָה, וואָס איך זעה! דאָס בוך האָב איך טאַקע געוואָלט לייענען. (דערהוייטערט זיך מיט׳ן בוך צום פענסטער.)

ע ד י נ ג ד ז ש ע ר (פערלאָרען, פערלעגען, נישט געפינענדיג זיך קיין אָרט). איך שטער דאָך נישט. (שטילער, מיט געבעט, צו נינאַ׳ן.) שיקט איהם אַוועק.

נינא. נישט נויטיג.

עדינדזשער (בעטראַפען). אַה!

נינא. ווילט איהר אייך נישט צוזעצען?

עדינדזשער (לײדענדיג). פאר וואָס האָט איהר מיך יעצט אויפגענומען?

נינא. איהר שטערט מיר נישט.

עדינדזשער. אַה, נישט דעם טאָן!

נינא. וואָס איז מיט אייער נייעם בוך?

מארשאל (בויגט זיך אַרויס פון פענסטער און קוקט אַרויס אין גאַס).

עדינדזשער. מיין ניי בוך! (מאַכט אַ בעוועגונג, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסלויפען פון צימער. בעמערקענדיג, אַז מאַרשאַל קוקט אַרויס אין פענסטער, שיפּעט ער אַרויס.) איך האָב געארבייט מיט פייער און ענטוזיאזם, געארבייט, ווי פער׳שיכור׳ט, אָבער פּלוצלונג האָב איך געמוזט איבעררייסען, ווייל איך האָב דערפיהלט, אז איך מוז אייך זעהן, רעדען מיט אייך, אויסיובלען מיין ווערק פאר אייך.

נינא. אה, גאָט!

עדינדזשער. עס האָט מיך געטראָגען צו אייך, אייך זיך מיטצוטיילען.

נינא. אומזיסט.

עדינדזשער. אומזיסט?

נינא. אין עבירה די צייט. איהר וואָלט בעסער געזעסען און געארבייט.

עדינדזשער. מרס. מארדען! (בלאַנדזשעט ארום מיט שרעקפולע אויגען פון איהר צו מארשאל׳ען און פון מארשאל׳ען צו איהר.)

נינא. געהט צוריק צו אייער ארבייט, שאפט ווייטער מיט פייער און ענטוזיאזם, און אז איהר וועט פארטיג ווערען — —

עדינדזשער (געבראָכען). מיין ווערק וועט קיינמאָל נישט פאַרטיג ווערען.

נינא. אָה, מר. עדינדזשער!

עדינדזשער (א וואָרף טוענדיג א ווילדען בליק אין מאַר־שאַל׳ס זייט). איהר זייט מיין ניי ווערק געוועזען. אָנהאַלטענ־דיג זיך אָן אייך, געוועקט פון אייך, האָב איך דערפיהלט אין מיר דעם כח צו מיין נייעם ווערק. מיט אייער לאַכענדיגער שטימע אין מיינע אויערען, מיט אייער צושמייכלענדיגען בליק פאַר מיינע אויגען, מיט אייער וואַרמער ליעבפולער בעריהרונג אין מיינע פינגער — — יעצט אָבער — — יעצט — — —

מארשאל (אַבוועטנדענדיג זיך פון דעם פענסטער און אַ שמייס טוענדיג דאָס בוך אָן אַ זייט). יעצט — גענוג. מר. עדינזשער, איהר פערשטעהט, אז איהר פערנעמט די צייט פון מיין אוידיענץ.

עדינדזשער (מיט בעוועגונגען, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אַרויפוואַרפען אויף מאַרשאַל׳ען, גיט זיך פלוצלונג אַ לאָז צו דער טיר און ענטלויפט).

נינא (גאַנץ מיד). מר. מארשאל!...

מארשאל. יעצט העבט זיך אָן נינא מאַרדען׳ס אונטער־גאַנג.

נינא. איך וועל אייך בעטען —

מארשאל. קיין בקשה וועט נישט העלפען.

נינא. לאָזט מיך יעצט אליין.

מארשאל. יעצט וועל איך נקמה נעמען פאַר מיר, פאַר איהם, פאַר אלע געוועזענע און פאַר אלע קומענדיגע. פאַר אלע, מיט וועלכע איהר האָט זיך לייכטזיניג געשפּיעלט און מיט וועלכע איהר וועט זיך נאָך שפּיעלען.

נינא. מר. מארשאל!

מארשאל. אָה, נאָר נישט קיין טרעטענדראַנקען. איך האָב פאַר אייך אַ בעסערע שטראָף.

נינא. ווי דערוועגט איהר זיך!

מ א ר ש א ל. נאָר נישט צו מיר מיט דעם טאָן. איהר האָט זיך דערלויבט צו שפּיעלען מיט מיר, דאָס מוז איך הארט און עהרליך בעשטראָפען. פון מיין שטראָף זאָלט איהר יעצט דער־וויסען, ווי איך האָב אייך געליעבט.

נ י נ א (דורך טרערען). איך בעט אייך, ארטור, טייערער, פערלאָזט מיך יעצט.

מ א ר ש א ל. נישט, ביז איהר האָט אייער שטראָף־אורטייל אויסגעהערט.

נ י נ א. וואָס ווילט איהר פון מיר?

מ א ר ש א ל. האָט איהר געוואוסט, וואָס איהר האָט גע־וואָלט פון מיר? איך וויל אייך בלויז אונשעדליך מאכען.

נ י נ א. איך בין שוין אונשעדליך.

מ א ר ש א ל. ניין, איך גלויב אייך נישט. איך וויל עס אליין בעזאָרגען. (שאַרף און שניידענדיג.) איך וועל אייך אַלט מאכען!

נ י נ א (מאַכט אַ שרעק־בעוועגונג).

מ א ר ש א ל. איהר פיהלט, זאָגט איהר, אז איהר ווערט אַלט. און איהר זאָלט עס ווערען. פאר דער צייט, אזוי שנעל ווי מעגליך. איך וועל אייך אייער האָר גרוי מאכען און אייער געזיכט קנייטשיג. איהר וועט אייך אליין וואונדערן פאר אייער שפּיעגעל, ווי שנעל אייער געזיכט וועט זיך אויסלעגען אין קנייטשען. איהר וועט ביי מיר צוואוויאָניעט ווערען ווי א בלום. אָט פון איצט אָן העבט זיך עס אָן. קוקט נאָר אריין אין שפּיעגעל: עס העבט זיך אָן נינא מארדענס אונטערגאנג.

נ י נ א. אההה!

מ א ר ש א ל. איהר ווילט געוויס וויסען, ווי איך וועל עס מאכען?

נ י נ א. איך וויל גאָרנישט וויסען. געהט!

מ א ר ש א ל. איך וואָלט עס אייך אויך נישט געקאָנט זאָגען. מיר איז עס דאָך ערסט איינגעפאלען. אָבער איך וויים, אז איך

וועל עס דערגרייכען. איך שפּיר עס מיט דער זיכערסטער געוויס־הייט. איך טראַג עס פעסט אין מיין ברוסט, אויף דעם שפּיץ פון מיינע ציינער, אין אלע מיינע נערווען. איך וועל אייך אלט מאַכען.

נינא. געהט! געהט!

מארשאל. איהר געדענקט, ווי איך בין אריינגעקומען צו אייך — יעצט זעהט, ווי איך געה אוועק פון אייך. מיין גרויסער בעגעהר נאָך אייך וועט זיך אויסלעבען און אויסקילען אין דעם פּראָצעס פון אלט מאַכען אייך. איהר פערשטעהט, אז אייער וועהרען זיך וועט אייך נישט נוצען. איך וועל מיינס דערגרייכען. ריכט זיך אויף סקאַנדאלען. אויף ווידערזעהן! (געהט אוועק.)

נינא (שווינדערט, פאַלט שיער אין חלשות, שטאַרקט זיך, העבט אויף בישטיווילענדיג דעם בליק צום שפּיעגעל, שווינדערט ווידער, לאַכט אויף). העהע! (צולאַכט זיך היסטעריש.) האהאהא...

די מיידעל (קומט אריין, בלייבט שטעהן, וואַרט אָב ביז נינאַ הערט אויף צו לאַכען, און רעדט דאַן שטיל ארויס). מר. באטיני.

נינא (בלייבט זיצען רוהיג, דעם בליק אַנגעשטעלט אין דער וויט, איבערלעגענדיג. דערנאָך זאָגט זי פויל, מיד, מיט אַ זיפץ, ווי אונטערגעבענדיג זיך עפּעס אַ מוז). שיקט איהם אריין!

געוויסען

א דראמע אין איין אקט.

(14 מערץ, 1913)

פערזאָנען:

העלען.
בערנארד.
די שווארצע געשטאלט.
דער פאָרטיער.

א זעהר גרויס און זעהר הויך גאָטהיש שלאָסצימער, וואָס איז פּאָרנט ברויט און הינטען שמאָל. א גרויס פענסטער פילט אוים כמעט די גאַנצע שמאָלע הינטערוואַנד. אין דער רעכטער וואַנד, מעהר צום הינטערגרונד, איז די הויכע, ברייטע טיר. פאָרנט א סאָפא. ביי דער לינקער וואַנד דאָס בעט, פערשטעלט מיט א פאַראַוואַן. פאָרנט א טישעל מיט צוויי שטולען. — די לבנה קוקט אַריין אין פענסטער און בעלויכט דעם הינ־טערסטען טייל צימער. די סצענע איז א ווייל לעדיג. — באַלד קומט אַריין דער פּאָרטיער מיט א גרויסען סאַק־וואַיאַזש אין איין האַנד און מיט א ברענענדיגען ליכט אין דער אַנדערער, הינטער איהם העלען. דער פּאָרטיער שטעלט אַוועק דאָס ליכט אויפ'ן טיש.

העלען (בלייבט שטעהן ביי די ערסטע פּאָר טריט און קוקט זיך אַרום מיט קענטיגען שרעק). וואו בין איך דאָס אַריינגעפאַלען?

דער פּאָרטיער. אין האָטעל סענט לואי.

העלען. דאָס איז דאָך עפּעס...

פּאָרטיער. אַן אַלט פריציש שלאָס.

העלען. האָט איהר נישט קיין קלענערע און ניעדריגערע צימער?

פּאָרטיער. פאַראַן.

העלען. טיק נים מיר א קלענערס.

פּאָרטיער. אַלע פערנומען.

העלען. מיר וועט אין דעם צימער... שפּוקט דאָ נישט? געהען דאָ נישט אַרום קיין געשפּענסטער? ווייסע פרויען? ער־מאָרדעטע פריצים? בררר... איך גלויב, איך פיהל זיי שוין און באַלד וועל איך זיי אויך זעהן...

פּאָרטיער (צולאַכ'ט זיך איבער). דאָ געהען נישט אַרום קיין טויטע.

העלען. איך ווייס שוין, איך וועל מיט קיין אויג נישט קאָנען צומאכען.

פּאַרטיער. אָה, נאָר גוט מיד זיין און א רוהיג געוויסען האָבען.

העלען. א רוהיג געוויסען?

פּאַרטיער. דאן קאָן מען שוין אומעדום שלאָפען.

העלען. וועלכע בעלויכטונג האָט איהר דאָ?

פּאַרטיער. לבנה און ליכט.

העלען (לאַכט פּערלענגען אויף). האָט איהר נישט עלעקטריציטעט אָדער גאז?

פּאַרטיער. ניין.

העלען. איך וואָלט דאָ געוואָלט יעצט א סך ליכט האָבען. ליכטיג זאָל זיין! העלער טאָג זאָל זיין!

פּאַרטיער. עס איז ערסט אָנהעב נאכט, און צום שלאָפען איז איין ליכט אויך איבריג. וואָס זאָל עס בעלויכטען? די חלומות? — זאָל איך פערציהען די גארדינען?

העלען. יאָ. טוט עס.

פּאַרטיער (פערציהט די גארדינען. דאָס צימער ווערט בעדייטענד פינסטערער). ווינשט איהר וואָס?

העלען. איך — איך — א דאנק. גאָרנישט. שטעלט נאָר אוועק דעם טשעמאָדאן הינטער'ן פאראוואן און עפענט איהם אויף. (גיט איהם דעם שליסעל.)

פּאַרטיער (טוט עס).

העלען (שטעהט אין מיטען צימער און קוקט זיך אַרום מיט אונרוה און שרעק).

פּאַרטיער (קומט אַרויס פון הינטער'ן פאראוואן). געמאכט. און גוטע נאכט, מאדאם. (געהט צו דער טיר.)

העלען (מאַכט צו איהם א בעוועגונג).

פּאַרטיער. מאדאם?

העלען (לאַכט אָב פערלעגען).

פאַרטיער. אויב איהר וועט מיך דאַרפען, וועט איהר אַ ציה טאָן די גלאָק. (ציגט איהר אויף דער גלאָקשנור ביי דער טיר. אָב.)

העלען (מאַכט אַ בעוועגונג נאָך איהם, טאַפּעט אָבער גלייך אויף מיט'ן פוס). אַך, לעכערליך! נישט אַזוי נערוועז זיין! (הענבט אָן אָבצושפּילען איהר מאַנטעל און קוקט זיך אַרום מיט שרעק.) וואָלט כאָטש זעהר ליכטיג געווען! עפּעס אַזעלכע לאַנגע גרויסע שאָטענס! פוי! און ווי שטיל דאָ איז, און דאָך עפּעס אַזוי שטימענפול. ווי אין אַ קלויסטער. ווי קלינגט דאָ מיין שטימע... אָבער דאָס שווייגען איז נאָך ערגער. איך וועל בעסער רעדען, רעדען, רעדען.... (הענבט אָן אונטערצוזינגען, שוידערט באַלד אויף.) פוי, וואָס האָב איך מיך דערשראָקען! דאָס איז דער שאָטען פון דעם פּאַראַוואַן. און דאָס איז דער טיש-שאָטען. — און דאָס איז מיין שאָטען. — (געהט הינטער'ן פּאַראַוואַן, זינגט אונטער, אויסטוענדיג זיך און אַרויפוואַרפענדיג די קליידער אויף דעם שטול, וועלכער שטעהט צופוסען בעט. פּלוצלונג רופט זי אויס.) הא, ווער איז דאָ?! (דער פּאַראַוואַן פאַלט אום. זי שרייט אויף.) אי! (אַנגעטאָן אין נאַכטהעמד דריקט זי זיך צום בעט, אַרויפציעהענדיג אויף זיך דעם מאַנטעל און קוקט מיט גרויסע שרעקאויגען פאַר זיך. ביסלעכווייז קומט זי צו זיך.) אַך, גאָט! אַך, גאָט! אַך, גאָט! ווי האָב איך מיך דערשראָקען! (אָטעמט אויף.) נערוועזן, נערוועזן. (זעצט זיך אַריין אין בעט, די פיס אונטער זיך, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן ווענטעל.) פוי, פוי. אהה, איך קאָן גאָר די אויגען נישט צומאַכען... גאָט, אָה, גאָט... אַ רוהיג געוויסען... ליעבער גאָט, איך בין נישט זינדיג... איך קעמפף דאָך... איך לאָז דאָך די זינדיגע ליעבע צו מיר נישט צו... דערפאַר בין איך דאָך דאָ... דערפאַר בין איך דאָך ענטלאָפען... זיין וואָס ווייטער... זיין וואָס ווייטער... (עס קלאַפּט אין טיר; זי שפּרינגט אויף, אַרויפכאַפּענדיג אויף זיך דעם מאַנטעל.) ווער איז דאָ?

בערנארד (הינטער דער טיר). איך, בערנאַרד.

ה ע ל ע ן. בערנארד?!

ב ע ר נ א ר ד. קאָנט איהר מיך ארייננלאָזען?...

ה ע ל ע ן (אָנטוענדיג דעם מאַנטעל און צוקנעפּענדיג אַלע קנעפּ־לער). איך בין... איך בין...

ב ע ר נ א ר ד. אה, העלען! (רייסט אויף די טיר און טרעט האַסטיג אַריין.)

ה ע ל ע ן (אָבטרעטענדיג). אָבער, בערנארד!

ב ע ר נ א ר ד. ענטשולדיגט! איך האָב געמוזט נאָכאיילען נאָך אייך. איך האָב נישט געקאָנט אריבערטראָגען צו בלייבען אין שטאָדט אָהן אייך. עס איז מיר געוואָרען ענג און פינסטער און טויטליך־טרויעריג.

ה ע ל ע ן. קומט דאָך צו זיך. וואָס ווילט איהר דען פון מיר?

ב ע ר נ א ר ד. אָה, פערשטעל דיך נישט....

ה ע ל ע ן. וואָס—מיינט—איהר דערמיט?

ב ע ר נ א ר ד. אָה, איהר ליעבט מיך, ווי איך ליעב אייך!

ה ע ל ע ן. ניין, ניין! איהר ווייסט נישט פון מיין ליעבע, ווי איך ווייס נישט פון אייערער.

ב ע ר נ א ר ד. העלען, איהר ווייסט מיין ליעבע גאנץ גוט... איך האָב זי אייך ארויסגעצייגט און האָב דאָך אייך פון איהר גע־שריעבען.

ה ע ל ע ן. מיר געשריעבען?!

ב ע ר נ א ר ד. געשריעבען. האָט איהר דען מיין בריעף...

ה ע ל ע ן. אייער בריעף?! איהר האָט...?! — וועה, מיין מאן!...

ב ע ר נ א ר ד. איז עס מעגליך?!...

ה ע ל ע ן. וואָס האָט איהר אין דעם בריעף געשריעבען?

ב ע ר נ א ר ד. פון אונזער ליעבע.

ה ע ל ע ן. פון א ו נ ז ע ר ליעבע?!

ב ע ר נ א ר ד. פון מיינע געפיהלען צו אייך און פון אונזער

שפּאַציר אין פּאַרק, ווי איהר האָט אייער האַנד אַרויפגעלעגט אויף מיין קאָפּ...

העלען. גאָט! גאָט! דאָס איז דאָך געוועזען...

בערנאַרד. די געבורט פון אייער ליעבע צו מיר.

העלען (ברעכט צוזאַמען). די געבורט פון מיין ליעבע צו — — (אָטעמט שטאַרק.)

בערנאַרד. און איך האָב נאָך געשריעבען...

העלען (אויפשרייענדיג). און מיין מאַן ווייס עס יעצט!

בערנאַרד. אויב ער האָט איבערגענומען און איבער־געלייענט דעם בריעף.

העלען. דאָס איז שרעקליך! (ברעכט אויס אין טרערען.) גרויסער גאָט, פאַר וואָס? פאַר וואָס קומט עס מיר? איך האָב עס דאָך נישט געוואָלט! איך האָב דאָך געקעמפפט! איך האָב דאָך אָבגעשלאָסען מיין הארץ... און איך וויל עס דאָך נישט! איך בין דאָך דערפאַר ענטלאָפען פון שטאָדט! אין דער איינזאַמקייט פון דעם דאָרף האָב איך געוואָלט פערגעסען, פערגעסען...

בערנאַרד. האָסט געוואָלט בעגעהן אַ פערברעכען געגען דיר און מיר.

העלען. פערהיטען זיך פון אַ גרעסערען פערברעכען.

בערנאַרד. אָך, איך ווייס נישט, וואו דאָס גרעסערע פערברעכען ליגט! דו ליעבסט מיך, און איך ליעב דיך!

העלען. ניין, ניין, רעדט נישט! פערלאָזט מיך! געהט! איך קאָן דיך נישט ליעבען! איך וויל דיך נישט ליעבען!

בערנאַרד. אָבער דו ליעבסט דאָך מיך.

העלען. ניין! ניין! געהט!

בערנאַרד. איך וועל דיך נישט פערלאָזען.

העלען. דו ווילסט מיך צוברעכען!

בערנאַרד. איך וויל דיך אומקערען צו דיר, איך וויל דיין נשמה גאַנץ מאַכען.

העלען. איך וויל עס נישט! איך וויל עס נישט!

בערנארד. העלען!

העלען. פון מיין גאנצען הארצען ארויס, פון מיין גאנצען וועזען ארויס: איך וויל עס נישט!

בערנארד. העלען! האב רחמנות אויף דיר, האב רחמנות אויף מיר, האב רחמנות אויף אונזער ליעבע.

העלען. ליעבסטו מיך, ועסטו מיך גלייך פערלאזען.

בערנארד. זאל דאס גרויזאמע זיין די פראבע פון מיין ליעבע?!

העלען. יא! און קיינמאל זאלסטו דיך נישט בעווייזען פאר מיינע אויגען.

בערנארד. דו שיקסט מיך אין מיין טויט.

העלען. ניין, דו דארפסט נישט שטארבען, און איך דארף נישט שטארבען. מיר זאלען ביידע לעבען....

בערנארד. העלען, ווי וועל איך עס קאנען?!..

העלען. ווי איך וועל עס קאנען. מיר מוזען זיך מקריב זיין.

בערנארד. ליעבסטו מיך, העלען?...

העלען. איך ענטלויף פון מיין ליעבע. איך וויל מיך פון איהר ראטעווען.

בערנארד. ליעבסטו מיך?

העלען. געה. פערלאז מיך.

בערנארד. איך וויל דאס פון דיר הערען.

העלען. איך וועל דאס איבער מיינע ליפען נישט ברייננגען. איך וויל ריין בלייבען.

בערנארד. זאגסטו עס מיר, וועל איך אוועקגעהן פון דיר איך וועל אויפנעמען דיינע ווערטער ווי די זיסעסטע מוזיק, און זי וועט מיר מעגליך מאכען ווייטער צו לעבען אויף דער וועלט. זאג מיר, ליעבסטו מיך?

העלען. איך—ליעב—דיך.

בערנארד. אה! (ווארפט זיך צו איהר.)

העלען (שפּרינגט אָב). ניין!

בערנארד (בלייבט שטעהן ווי שיכור, שווער אָטמענדיג).

העלען. געה, בערנארד. דו האָסט מיר פערשפּראָכען.

בערנארד. איין קוס בלויז פון דיר.

העלען. קיינמאָל נישט!!

בערנארד (קוקט זי אָן מיט גרויסע אויגען, ברעכט אויס אין טרערען און געהט אַוועק מיט אונזיכערע טריט).

העלען (וואַרפט זיך אויף דער סאָפא אין א פערצווייפעלטען געוויין). מיר אונגליקליכע! מיר אונגליקליכע! (נאָך א ליינגע'ן וויין־ספּאזם, בערוהיגענדיג זיך.) יאָ, דאָס איז גוט אזוי! דאָס איז גוט אזוי! יעצט ארויסגעריסען פון הארצען! יעצט וועל איך פריי זיין! יעצט וועל איך געזונט ווערען. וועל— אין—געזונט—ווערען! (נעמט אראָב פון זיך דעם מאַנטעל און וואַרפט איהם אַרויף אויפ'ן סאָפא.) שלאָפען. שלאָפען. מיד בין איך. און א רוהיג געוויסען האָב איך. (געהט צום בעט.) יעצט וועל איך געזונט ווערען. (ציטערט פּלוצלונג אויף.) ווער וויינט דאָ? (הערט זיך איין אין דער זייט פון פענסטער.) בערנארד! בערנארד וויינט עס! (געהט מיט אונזיכערע טריט צום פענסטער.) ער וויינט עס! (ציהט אַוועק די גאַרדינען, רייסט אויף דאָס פענסטער און קוקט ארויס. זי און דאָס צימער ווערען ווידער בעגאָסען מיט לבנה־שיין.) איך זעה איהם נישט. איך הער איהם אָבער זעהר דייטליך. ער צוריסט מיר מיין הארץ. איך קאָן עס נישט הערען! איך קאָן עס נישט הערען! וויין דאָך נישט אזוי, בערנארד! זיי דאָך א מאַן. מיר קאָנען דאָך נישט אנדערש. בערנארד, וויין נישט! וויין נישט! איך וועל פערגעהן פאר צער, איך וועל שטארבען! בערנארד, הער אויף! הער אויף! בערנארד, קום צו מיר! בערנארד, קום צו מיר! בערנארד! בערנארד! — — ער געהט! ער קומט! אה, וואָס האָב איך געטאָן! ווי אזוי האָב איך דאָס געקאָנט? ניין, ניין! בערנארד! — — — דאָס איז נישט ער! דאָס קומט נישט ער! איינער גאַנץ אין שווארצען! אה, ווי

שרעק איך מיך! דאָ שפּוקט! דאָ שפּוקט! (זי מאַכט שנעל דאָס פענסטער צו.)

א שווארצע געשטאלט (קומט אָן, בלייבט אַ ווײַלע שטעהן פאַר'ן פענסטער, דראָהט מיט דער פויסט און געהט ווייטער).

העלען (אין גרויסען שרעק). ער האָט מיר געדראָהט! ער האָט געגען מיר די פויסט אויפגעהויבען! וואָס האָט ער צו מיר?! וואָס וויל ער מיר טאָן? העלפט! העלפט! (זי לויפט צו דער טיר.)

די שווארצע געשטאלט (קומט אַריין און בלייבט שטעהן אין דער אָפענער טיר, בעשיינט זייטווייז פון דער לבנה).

העלען (שפּרינגט אָב צוריק אין גרויסען שרעק, ציטערנדיג אין אַלע אברים). ווער ביזטו? וואָס ווילסטו דאָ ביי מיר? וואָס שרעקסטו מיך?! העלפט! העלפט!.. גרויסער גאָט! גרויסער גאָט! איך האָב גאָר מיין שטימע פערלאָרען. איך קאָן נישט שרייען. מיינע פיס ברעכען זיך מיר אונטער. מיינע כחות פער־לאָזען מיך... איך רוף דעם פּאַרטיער... איך קלינג... (שלעפּט זיך צו דער טיר. צוקומענדיג צו דער געשטאַלט, שפּרינגט זי אָב מיט אַ געשריי.) מיין מאַן! עמיל! דו? וואָס שטעהסטו אזוי? פאר וואָס ביזטו אין שווארצען?... דו ביזט... דו ביזט געקומען... דו ביזט געקומען מיך צו... דו האָסט אויפגעעפענט בערנארד'ס בריעף? דו האָסט איבערגעלייענט בערנארד'ס בריעף? דאָס איז נישט שיין געוועזען! דאָס האָסטו נישט געדארפט! האָסט נישט געדארפט אויפעפענען מיין בריעף! דאָס איז געוועזען גע־מיין!... דאָס איז... עמיל, וואָס שטעהסטו אזוי? זאָג דאָך אַ וואָרט.... עמיל! עמיל! קוק מיך אזוי נישט אָן. איך קאָן דיין שטומען בליק נישט אריבערטראָגען! ווי דו זעהסט אויס?! דו האָסט זיך פּלוצלונג געעלטערט! ביזט דאכט זיך גרוי געוואָרען! האָסט געוויינט! האָסט געוויינט! ווי האָסטו געליטען! אָבער גאנץ אומזיסט, עמיל! איך בין גאנץ אונשולדיג! איך האָב מיך געגען דיר נישט פערזינדיגט! דאָס געפיהל איז פּלוצלונג אָנ־געקומען אויף מיר, אָבער איך האָב געקעמפּפט געגען איהם. אין

שטאָדט, אין דער נאָהנטקייט פון בערנארדען, איז עס מיר זעהר שווער געפאלען, בין איך אוועק אהער. דאָ וועל איך גאנץ געוויס גענעזען ווערען. וועסט זעהן, דאָ וועל איך גאנץ גענעזען ווערען. איך בין שוין גענעזען. בערנארד איז דאָ געוועזען און איך האָב איהם אוועקגעשיקט פון מיר אויף קיינמאָל זיך נישט צו זעהן. ער איז אוועק מיט א געיאמער. האסטו נישט געהערט זיין וויינען? א ווארט, הער זיך צו. וועסט דערהערען... אָדער — אָדער האָסט דו דאָס געוויינט? האָסט דו דאָס געוויינט? עמיל! (ווארפט זיך צו איהם, שפּרינגט אָבער גלייך צוריק אָב.) דו האָסט א רעוואָלווער אין דער האנד! וואָס ווילסטו טאָן? שים מיך נישט! טויט מיך נישט! איך בין אונשולדיג! איך שווער עס דיר! איך בין אונשולדיג!

די שווארצע געשטאלט (העבט אויף די האַנד מיט'ן רעוואָלווער און ציעלט אין העלען).

העלען (אַבטרעטענדיג צום בעט און איינגראָבענדיג זיך דאָרטין). טויט מיך נישט! טויט מיך נישט! העלפּט! העלפּט!

דער פּארטיער (קומט אַריין מיט אַ ליכט אין דער האַנד). וואָס איז? וואָס איז דאָ געשעהן?

העלען (קוקט זיך אַרום מיט ווילדע אויגען).

דער פּאָרטיער. עס האָט זיך אייך וואָס גע'חלום'ט?

העלען (צואווייינט זיך). איך וויל א היים! איך וויל א היים!

די בערגשטייגער

א שפיעל אין פיער אקטען.

(16 יולי — 7 אוגוסט, 1912)

פערזאנען:

מארק.
מירא.
הערמאן.
פעני.
דזשאהן.
מערי.
מארטימער.
אננא.
דער קרעטשמער.
פעני'ס שאָפער.
הערמאנ'ס שאָפער.

ערסטער אקט

ביים פוס פון בארג. אין הינטערגרונד א קרעטשמע מיט א גרויסער וועראנדא, צו וועלכער עס פיהרען ארויף עטליכע טרעפלעך. רעכטס דער וועג צום בארג, לינקס דער וועג פון שטאדט. — עס איז אקארשט טאג; די אויפגעהענדיגע זון בעליכטעט דעם פלאץ און מאכט די גרויע קרעטשמע אויסזעהן פורפורדיג. — דזשאהן און מערי קומען אן, אנגעטאן ווי בערגשטייגער, אין די הענד' שטעקענס מיט אייזערנע שפיצען.

דזשאהן. איך גלויב, מיר זיינען דא די ערסטע. (געהט ארויף אויף דער וועראנדא, עפענט־אויף די קרעטשמע־טיר און קוקט אריין.) קיינער נאך נישטא. און דו האסט דיך געאיילט.

מערי. וואס שאדט'ס. בעסער דאך ווי מיר וואלטען געווען די לעצטע און מען וואלט אויף אונז געווארט. (זעצט־זיך אויף די וועראנדא־טרעפ.)

דזשאהן. א פאר מינוטען לייגער שלאפען וואלט איך גאנץ גוט געקאנט פערטראגען. (לאזט זיך אראב ביי מערי'ס פיס און לעגט זיין קאפ אויף איהר שויס.)

מערי. און איך האב שלאפען קוים געקאנט. איך פרעה מיך אזוי אויף דעם טאג. אך, ווי הערליך דער פריהמארגען! עס וועט א וואונדערבארער טאג זיין! א וואונדער־שיינער טאג! — דער וועג, זאגט מען, איז א זעהר שווערער. אויף שפיציגע שטיינער, און איבער אבגרונדען, און דערנאך די קעלט ביים שפיץ, דער אייביגער גלעטשער, דער שניי און דאס אייז. א גאנץ געפעהרליכער וועג אפילו. אבער דו ביזט דאך מיט מיר, דו שטארקער!

דזשאהן (אויפזיפצענדיג). יאָ, דער וועג איז א זעהר שווערער. און די גאנצע חברה — —

מערי. וואָס איז די גאנצע חברה? וואָס ווילסט דו דער־מיט זאָגען?

דזשאהן. פון אלעמען ליעב איך מארק'ען בלויז און מירא'ן. מיט מארק'ען פיהל איך אָפט מיך, ווי אין די קינדהייטס־יאָהרען. און מירא אויך איז איינפאך, גוט און צוגעלאָזען.

מערי. און וואָס איז אננא דען?

דזשאהן. זי — זי מאכט פון קיינעם זיך נישט אויס, און איהר מארטימער קאָן איך איינפאך גאָר נישט אויסשטעהן. איך האָב איהם קיינמאָל אויסשטעהן נישט געקאָנט.

מערי. אויך איך בין ליעבער געווען פון איהם וואָס וויי־טער.

דזשאהן. און פעני, גלויב איך, קאָן אונז נישט אויס־שטעהן. זי האָט איבערהויפט אלעמען פיינט.

מערי. דו רעדסט שוין רשעות. דו זעהסט, זי האָט מיך איינגעלאדען.

דזשאהן. ווי מיך האָט הערמאן. זיי דארפען אונזער ארבייט, אונזער דיענסט.

מערי. אי, גען! ביזט שלעכט!

דזשאהן. הערמאן האָט אויפגעזעצט א חבריש געזיכט, דאָך האָט איהם דער שטאָלץ פון די אויגען ארויסגעקוקט, און די אראָבלאָזונג און די פעראכטונג. ער דארף מיך פשוט האָבען!

מערי. ווי רעדסטו שלעכט! ביזט גאָר נישט פריינדליך. פאר וואָס האָסט דו די איינלאדונג דאָך אָנגענומען?

דזשאהן. דאָך בעסער אלץ, ווי אין דער פאבריק דעם טאָג שווער צו צובריינגען. און דאן —

מערי. און דאן?

דזשאהן. האָסט דו די איינלאדונג אָנגענומען. ווען האָב

איך די געלעגענהייט אין מיטען וואָך, ווען קיין יום־טוב נישט און נישט קיין קראַנקהייט, צו זיין אַ גאַנצען טאָג מיט דיר?

מערי. דו, ליעבער!

דזשאָהן. מיר וועלען זיין זעלבאַאכט אפילו, אָבער מיר וועלען געהן צוזאַמען, איך און דו, איינער לעבען אנדערן דעם גאַנ־צען וועג. גרעסטענטיילס, האָף איך, וועלען מיר זיין גאַנץ אַליין, און ווען נישט, וועלען מיר זיך צופליסטערן, וואָס מיר האָבען זיך צו זאָגען. און דערצו אַ בליק, אַ ליעבליכע בעריהרונג. דער טאָג וועט מיר אַ יום־טוב זיין, אַ יום־טוב, ווי נאָר זעלטען. און זאָל די אַרבייט מיר נאָך שווערער אויספאַלען ווי אין דער פאַבריק, איך וועל זי מיר קוים מערקען. דו וועסט דאָך זיין מיט מיר! איך וועל דיך האָבען נאָהנט! (ציעהט אַראָב איהר קאָפּ צו זיך און קוסט זי.)

מערי (קוסט און גלעט איהם). דו, ליעבער, ליעבער! — דאָך דאַרפסט דו אַזוי נישט טראַכטען וועגען דער אַרבייט פון דעם טאָג. וועסט דו פיעלייכט אַן איבריג פּעקעל דאַרפען טראָ־גען, ביזט דו דאָך צו משאות מעהר געוועהנט און ביזט אויך פיעל געזינטער. אָ, ווי ביזט דו געזונד און שטאַרק! וועלכע מוסקלען! אן אָרם, אַ פוס, אַ ברוסט אַ ביסעל! — דו, מיין גבור! — און דערצו בין איך נאָך לעבען דיר, איך וועל געוויס דיר העלפען טראָגען.

דזשאָהן. דערפון זאָלסט דו מיר נישט רעדען!

מערי. דאָך —

דזשאָהן. דערפון וויל איך נישט הערען! דאָס מאַכט מיך בייז. איך קאָן מיך אומקערען צוריק!

מערי. איז ניין! איז ניין! — שאַ, איך הער שוין טריט. (שפרינגט־אויף און קוקט אַראָב צום וועג פון שטאָדט.) אננא געהט און מאַרטימער. (רופט צו די אָנקומענדיגע.) גוט מאָרגען אייך, גוט מאָרגען! דזשאָהן און איך זיינען שוין דאָ — מיר אַליין בלויז דאָ! (מאַרטימער און אננא קומען אָן, אָנגעטאָן

אין בערגשטויגקליידער מיט שטעקענס אין די הענט. מאַרטימער פאַר־אויס, אונצופֿריעדען, אָנגערוקט. מערי זעצט זיך ווידער, אַרויפּ־נעמענדיג דזשאהנ׳ס קאַפּ אויף איהר שויס.)

מארטימער (צו אַננאַ׳ן). נו, געה דאָך א ביסעל שנע־לער. שטעל דאָך לעבעדיגער פיס. עס איז א קריכעניש מיט איהר!

אננא. הערסט דאָך, קיינער נאָך ניטאָ. וואָס זאָל איך לוי־פען? מיר וועלען סיי־ווי־סיי דאָך ווארטען.

מארטימער. קריכט און שלעפּט זיך. אז מען געהט, געהט מען. — און די אנדערע זיינען נאָך ניטאָ? זיי מוזען אויף זיך לאָזען ווארטען!

אננא (צוקומענדיג). דו ביזט מיר אָבער א שיינער קאוואַ־ליער! לאָזט מיך געהן אליין און לויפט פאַראויס, ווי מען וואָלט איהם נאָכגעלאָפען.

מארטימער. איך האָב פיינט צו שלעפען זיך.

אננא. איידער איך האָב מיך נאָך געריהרט, ביזט דו שוין ענטלאָפען. עס איז א שיינער גאנג מיט דיר. (זעצט זיך אויף די טרעפ.)

מארטימער (צו דזשאהנ׳ען). איז דער קרעטשמער אויף? קאָן מען ביי איהם קריגען וואָס? איך בין הונגריג שוין, איך וויל מיין פריהשטיק עסען.

דזשאהן. איך גלויב, ער איז שוין אויף. די טיר איז אָפען.

אננא. ווארט דאָך אָב אויף אלעמען.

מארטימער. איך ווארט אויף קיינעם נישט.

אננא. זעץ דיך צו א ווײַלע, זעץ דיך צו צו מיר. האָסט מיר היינט נאָך קיין פריינדליך וואָרט געזאָגט. איך האָב נאָך נישט געזעהן, ווי דו זעהסט אויס אין דעם בערגקאָסטיום, און טו אויף מיר דו אויך א קוק.

מארטימער. מיר וועלען אונז נאָך זעהן. מיר וועלען

אונז נאָך אָנקוקען. (צו דזשאהנען.) די טיר איז אָפען, זאָגסט דו? (געהט ארויף אויף דער וועראנדא און געהט אריין אין קרעטשמע.)

דזשאהן (לאַכט־אויף). האהאהא, דאָס איז מיר אָבער א געליעבטער!

מערי (לעגט איהם איהר האַנד אויפ'ם מויל). ששש! — וואָס איז דען דאָ? ער איז הונגריג.

אננא. דאַרפסט איהם מיר נישט פערענטפערן. מיך אַרט נישט, אז ער איז אזוי, ווי ער איז. יעדער ליעבט, ווי ער קאָן. מיר ליעבען אונז אויף אונזער אופן. (מען הערט אַן אויטאָמאָביל קומען. אננאַ קוקט אַראָב אויפ'ן וועג.) דאָס איז פעני'ס אויטאָ. קומט זי בלויז אליין? (דאָס אויטאָ קומט־צו. פעני, קאָקעטיש אָנגעטאָן אין א רייכען בערג־קאָסטיום, שטייגט ארויס מיט דער הילף פון דעם שאָפער.)

דער שאָפער (גריסט מיט'ן הוט „גוטען טאָג!", זעצט זיך אַריין אין אויטאָ און פערשווינדט).

פעני (ביים אַרויסשטייגען פון אויטאָ). גוט מאָרגען! איהר דריי בלויז? און די איבריגע?

אננא. מאַרטימער איז אין קרעטשמע. ער עסט זיין פריה־שטיק.

פעני. און מארק און הערמאַן זיינען נאָך נישטאָ? און מירא אויך נישט. גאַנץ נאַטירליך. זי מוז דאָך שטענדיג זיין די לעצטע. קומט מען די לעצטע, וואַרפט מען זיך אין די אויגען מעהר.

דזשאהן. מירא דאַרף עס ווירקליך נישט. זי וואַרפט זיך שטענדיג אין די אויגען.

פעני. מערי, וועסט דו גאַרנישט אייפערזיכטיג?

מערי. פאַר וואָס זאָל איך? איך האָב אליין די מיראַ זעהר ליעב.

אננא. און אויסערדעם האָט מירא מארק'ען.

פעני. מארק'ען? פון וואַנען ווייסט דו דאָס?

אננא. ווי הייסט? ווער ווייס עס נישט? האסט דו עס נישט געוואוסט? גאט, ווי האסט דו דיך געביטען אין געזיכט!

פעני. אין געזיכט? איך? פשא! מיינסט שוין גלייך, איך בין אין מארק׳ען גאר פערליעבט.

אננא. איך האב דיך שטענדיג פאר א פאר מיט הערמאנ׳ען געהאלטען.

פעני. האהאהא, דאס האלטען אלע, נאר איך און הערמאן נישט. היינט, ווייזט אויס, וועל איך עס אבער מוזען ווערען. איהר וועט אלע פארוויז געהן, מוז איך דאך געהן מיט איהם. ביזט דו זיכער וועגען מארק און מירא׳ן? (צו דזשאהן און מערי.) האט איהר עס אויך געוואוסט?

מערי. אבער גאנץ געווים. מען זעהט עס זיי דאך אן.

דזשאהן. און זיינען זיי עס נאך נישט, וועלען זיי עס ווערען. זיי זיינען ווי בעשאפען איינער פאר׳ן אנדערן.

פעני. איז דאס ביי איך, הייסט עס, בלויז א סברא?

אננא. אז איך רעד, ווייס איך, וואס איך רעד. גלויבסט דו מיר נישט, קאנסט דו אויך ביי מארטימער׳ן פרעגען. ווייסט דאך, מארטימער האט עס ליעב פארלעך נאכצוקוקען, ווען זיי האלטען נאך אין ווערען.

דזשאהן. אן ערדלע בעשעפטיגונג!

אננא. ער רופט עס: „די ענטוויקלונג צו דעם ערסטען קוס״, און זיך אליין דעם ענטוויקלונגס-טעארעטיקער, און ער האט מיר נעכטען ערסט געזאגט: „ביי מארק און מירא איז עס ווייט אוועק!״

פעני. אזוי האט ער געזאגט?

אננא. דו קאנסט איהם פרעגען. ער האט דיר אלע פאקטען.

פעני (נאך א קליינעם שווייגען). בלייבט מיר, הייסט עס, הערמאן. — נא, האט איהר געפריהשטיקט שוין?

אננא. איך נאך נישט.

מערי. מיר נאָך אויך נישט.

פעני. טאָ קומט דאָך אַלע פריהשטיקען. (געהט אַרויף אויף דער וועראַנדאַ. אננא, מערי און דזשאהן שטעהען אויף.)

מארטימער (בעוויזט זיך אין טיר). נו, ווי שטעהט עס דאָ?

אננא. מיר געהען אַלע עסען. הערמאַן, מארק און מירא פעהלען נאָך.

מארטימער (אַרויסקומענדיג, געהט אַראָב און קוקט צום שטאָדט־וועג). טיא! שיינע מענשען! קיין שפור נאָך נישט! — טרינק איך נאָך אַ קאַפע. (געהט צו דער וועראַנדאַ צוריק. אַננאַ, מערי און דזשאהן געהען אַריין אין קרעטשמע.)

פעני. מאַרטימער, איך וויל דיך עפּעס פרעגען.

מארטימער (אין דער טיר). קאָנסט דו נישט ביים קאַפע?

פעני. איז צווישען מארק און מירא'ן...

מארטימער (רעדענדיג מיט די הענד). טיא! פששש! הע! נאָך ווי! (אין אויטאָ פאָהרט־צו. מאַרטימער קוקט זיך צו.) ערסט הערמאַן אליין! פפו! (געהט אַריין אין קרעטשמע.)

הערמאַן (אָנגעטאָן אין רייכען בערגקאָסטיום, שפּרינגט אַרויס. צום שאָפער). אויף דער ווערעַנדאַ אַלע פּעקלעך!

דער שאָפער (לעגט אַרויס פערשיעדענע פּעקלעך אויף דער ווערעַנדאַ, גריסט און פאָהרט אַוועק).

הערמאַן. גוט מאָרגען, פעני! אַלע שוין פערזאַמעלט?

פעני. מארק פעהלט נאָך.

הערמאַן. נאַ, דער דיכטער מוז שטענדיג דאָך פערשפּע־טיגען.

פעני. און מירא לאָזט זיך אויך נאָך בעטען.

הערמאַן. מירא האָט אַ רעכט דערצו.

פעני. אַ רעכט דערצו?

הערמאַן. זי איז די שענסטע מיידעל.

פעני. אזוי אפילו!

הערמאן. האסט דו נאך געצווייפעלט? (פעררוויכערט א פאפיראס.)

פעני. עס איז געשמאק־זאך. אדער ביזט דו אפשר ליעבע־בלינד? דאן בעדויער איך דיך זעהר.

הערמאן. ווארום דען?

פעני. דער דיכטער האט זי שוין אוועקגענומען.

הערמאן. מארק?

פעני. יא, מארק. ארמער הערמאן!

הערמאן. זעה איך אוים אזוי בעדויערנסווערט?

פעני. ווי אלע פערליעבטע, וועלכע דערגרייכען זייער ציעל נישט.

הערמאן. ניין, איך בין נאך נישט פערליעבט געוועזען; איך האב מיך ערסט צוגעקליעבען, אין איהר מיך צו פערליעבען.

פעני. דאס האט מען, אז מען קלייבט זיך צולאנג צו.

הערמאן (זעצענדיג זיך). איך האב געהאט א שווערע אויסקלייבעכטס.

פעני. אה, דאס ווערט שוין אינטערעסאנט. איך וועל מיך אויך שוין צוזעצען. — צווישען וועמען?

הערמאן. צווישען איהר און דיר.

פעני. זי די שיינהייט, איך דאס געלד.

הערמאן. דו ביזט דאך אויך שיין, און געלד האב איך אליין.

פעני. זי — די שענערע, די שענסטע, די אלערשענסטע.

הערמאן. דארפסט דיך נישט בעליידיגען. זי איז א ווערטע קאנקורענטין.

פעני. איך בעליידיג מיך גארנישט. אויך איך האב לאנג געקליעבען.

הערמאן. צווישען וועמען?

פעני. צווישען דיר און מארק'ען.

הערמאן. און יעצט האסט דו מעהר קיין אויסוואהל נישט.

פעני. ווי דו. מיר האבען ביי אונז אויסמאכען נישט גע־קאנט, האבען עס די אנדערע אויסגעמאכט פאר אונז. מיר זיינען דאס בעשערטעסטע פאר. געלד געהט צו געלד. מאגסט דיך נעהנ־טער צורוקען צו מיר. און העב דעם קאפ אויף און קוק מיך אן.

הערמאן (ווענדט זיין בליק אויף איהר, בלייבט אבער זיצען אויף זיין ארט).

פעני. נו?

הערמאן. אפט האב איך פאר דיר מורא.

פעני. פאר מיר מורא? דו?

הערמאן. ביזט אפט אזוי וואולגאר. מעהר וויפיעל איך קאן פערטראגען.

פעני. איך האב א בייזע צונג. יא. עס ווענדט זיך אבער, מיט וועמען איך פערקער. איך קאן געשליפען זיין און פיין. איך קאן דיר שפיעלען די פארנעמסטע גרענד־דאם. ווילסט דו, גיב איך דיר א פראבע.

הערמאן (קוקט זי אן און שמייכעלט). אז דו האסט וויץ, דאס וויים איך.

פעני. דו שמייכעלסט שוין, איז גוט. יעצט רוק איך מיך נעהנטער צו צו דיר. אלזא? — אלץ נאך אונענטשלאסען? — קוקסט מיך אן? — קאנסט אלץ נאך נישט אויסמאכען ביי דיר?

הערמאן. איך האב דאך נישט מעהר קיין אויסוואהל.

פעני. דערמאן מיך נישט פון דעם, איך קאן נאך ברגז ווערען.

הערמאן. דיינע אויגען קאנען בליצען.

פעני. און וועסט דו וועלען, וועסט דו ענטדעקען אין מיר א פייער.

הערמאן. און ווי שטעהט עס אין דיר מיט מארק'ען?

פעני. ווילסט אייפערזיכטיג זיין? זעהסט דאך, אז איך

האָב נישט געקאָנט אויסקלייבען. איהר זייט מירביידע גלייך ווערט געוועזען. און דאן — זיינען מיר דאָך קווית.

הערמאן. איך הער דיין קאָפּ אלץ ארבייטען, וואו בלייבט אָבער דיין הארץ?

פעני. מיר זיינען אונז גלייך. אויך דו ביזט בלויז א קאָפּ־מענש.

הערמאן. נישט גאָר. אט האָט מיך געצווינגען צו מיראָ'ן, וועלכע איז גאנץ געפיהל.

פעני. ווי מיך צום דיכטער מארק. הערמאן, מיר זיינען איינמאָל שוין א פּאָר! איבריגענס, וואָס דאַרף איך מיך אזוי בעטען. דאָס שטעהט מיר גאָר נישט אָן. (שטעהט אויף.) איך געה יעצט פריהשטיקען.

הערמאן (כאַפּט זי אָן פאר דער האַנד). איך געה שוין מיט דיר מיט. (לאָזט אָב איהר האַנד, שטעהט אויף און פערבויגט זיך צערעמאָניעל.) איך האָב די עהרע אייער האנד און הארץ צו בעטען.

פעני (צערעמאָניעל מיט א קניקס). רעדט מיט מיין פּאפּא! (ביידע צולאַכען זיך.)

הערמאן. יעצט וויל איך אָבער א קוש פון דיר.

פעני. וועסט אויך האָבען מיין גאנצע ליידענשאפט, ווען דו ווערסט מיר דיינע געבען.

הערמאן. דו צאָהלסט בלויז?

פעני. און בין א גוטע צאָהלעריןן. (קוקט איהם פערפיהרע־ריש אָן.)

הערמאן (פערטראַכט זיך פּלוצלונג, אָנשטעלענדיג אויף איהר א וויטען בעגייסטערטען בליק).

פעני. נו? וואָס קוקסט דו דען אזוי?

הערמאן. איך טראכט.... איך טראכט....

פעני. וואָס טראכסט דו מיט א מאָל יעצט?

הערמאַן. ניין, איך ווייס עס... איך ווייס עס גאַנץ בע־שטימט.... דיין געלד מיט מיין געלד...

פעני. דו האָסט געוואָלט אַ קוס מיר געבען.

הערמאַן (ווי אויפגעוואַכט). אך! (וויל זי אַרומנעמען.)

פעני (רוקט זיך אָב). צו שפּעט, איך הער יעצט טריט.

מירא (אין איינפאַכען בערגקאָסטיום, קומט־אָן שטאַרק פער־סאַפּעט, אָטעמלאָז). גוט מאָרגען! איך האָב מיך שטאַרק פער־שפּעטיגט. איהר מוזט שוין אַלע וואַרטען. איך פיהל מיך גאַנץ אונגליקליך.

הערמאַן. ניין, דו ביזט נישט די לעצטע.

מירא. פעהלט נאָך ווער?

פעני. עס פעהלט נאָך — — מאַרק!

מירא. איז נאָך מאַרק ניטאָ? איז שוין שפּעט? וואָס קאָן עס זיין?

הערמאַן. פערשלאָפען.

פעני. פערטרוימט.

הערמאַן. מיר געהען יעצט אַריין צו פריהשטיקען. געהסט דו מיט?

מירא. איך וועל מיך דאָ אַ ווײַלע בלויז פעררוהען.

פעני. און וואַרטען.

מירא. יאָ, איך וויל אויך וואַרטען.

הערמאַן. ביזט שטאַרק געלאָפען.

מירא. יאָ, איך בין שטאַרק געלאָפען. איך האָב אַזוי מיאוס מיך פערשפּעטיגט.

הערמאַן. זאָל איך דיר אַרויסשיקען וואָס עסען, וואָס טרינקען? קאַפע? שאָקאָלאַד?

מירא. איך ווייס ווירקליך נישט. איך וועל נאָר צום אָטעם קומען.

פעני. זי וועט שוין אַריינקומען מיט מאַרק'ען. דאָס עסען

וועט איהר יעצט סיי ווי סיי נישט איינגעהן, האהא. קום, איך ווער גוט הונגריג. (ציעהט איהם אריין אין הויז.)

מירא (געהט ארויף אויפ'ן וועג און קוקט אראב צו דער שטאדט. באלד קערט זי זיך שנעל אום צו דער וועראנדא און העבט אן ארויפצוגעהן די טרעפ).

מארק (אונטען אויפ'ן וועג). העי, אהא, מירא! גוט מארגען!

מירא (כאפט זיך פאר דער ברוסט, לאכט גליקליך און געהט אראב צוריק). גוט מארגען, מארק!

מארק (אין בערגקליידער, קומט ארויף). איך בין געווען ביי דיר, האב אבער שוין פערשפעטיגט.

מירא. וואס פאר א שאד! און איך האב דאך געווארט.

מארק. האסט געווארט? אויף מיר? ביי דיר אין דער היים?

מירא. איך האב געפיהלט, דו וועסט נאך מיר פערגעהן. און האב געווארט. איך בין אויך ערסט געקומען. די אלע אנדערע זיינען לאנג שוין דא. זיי עסען פריהשטיק אינוועניג.

מארק. זאלען זיי עסען געזונטערהייט, איך אבער וויל דיר עטוואס זאגען. איך האב עס דיר אויף דעם וועג אהער געוואלט זאגען. האסט דו אויך ד א ס געפיהלט?

מירא. איך האב געווארט.

מארק. און ווייסט דו אויך שוין, וואס?

מירא. דו זאג מיר עס.

מארק. ווארט נאר איין מאמענט. (לויפט ארויף אויף דער וועראנדא, עפענט אויף פארזיכטיג די טיר, נעמט ארויס דעם שליסעל פון דער אנדער זייט און מאכט צוריק צו די טיר.) איך שליס די טיר צו, איך שליס זיי איין, און זאג עס דיר אונגעשטערט. (שליסט צו די טיר און אוילט־צו צו מירא'ן, ווארפענדיג זיך פאר איהר אויף די קני.) איך ליעב דיך!

מ י ר א (בויגט זיך צו איהם אראָב און נעמט אַרום זיין געזיכט מיט ביידע הענט). דו ליעבסט מיך!

מ א ר ק. ווי זאָל איך עס דיר זאָגען? ווי זאָל איך עס דיר ארויסשרייען? און דאָך שטורמט, און דונערט, און קראַכט עס אין מיר: איך ליעב דיך! איך ליעב דיך!

מ י ר א. און איך זאָג עס שטיל דיר — און בין דאָך אין גאַנצען פול פון דיר: איך ליעב דיך! איך ליעב דיך! (שטעלט זיך אויף די קני און גיעסט זיך צונויף מיט איהם אין א קוש. זיי שטעהען אזוי א ווייַלע גאַנץ בעטרונקען, וועלטפערגעסען.)

מ א ר ק (מיט געשלאָסענע אויגען, ווי אין טרוים). נאָך! (ווידער א לאַנגער קוש.) עס איז וואָס... עס איז וואָס... ווער קאָן דען ווערטער דערפאר געפינען? עס וויל מיין בלוט אין דיר אריבערגיסען זיך, איך וויל אין דיר פערשווינדען. איינוויקלען זיך אין דיר, ווי אין א ווארמען פעלץ, אזוי פון דיר געטראָגען ווערען און שטענדיג זיין איינם מיט דיר. בעגרייפסט דו מיין ליעבע?

מ י ר א (ארומנעמענדיג איהם מיט ביידע אָרמס). דו קום! דו קום! איך דריק דיך צו, איך דריק דיך אין מיר אריין. ווער פלייש פון מיין פלייש און בלוט פון מיין בלוט.

מ א ר ק (עקסטאַזיש). איך ליעב דיך! אָ, ווי איך ליעב דיך! איך האָב געדענקט, איך וועל מיין לעבענסוועג געהן אליין און פאר זיך. איך האָב געדענקט, פריי דארף דער דיכטער זיין און איינזאם. זיין ליעד מוז ביינקענים זיין און קיינמאָל נישט דערפילונג. זיין לעבען מוז געהערען אַלעמען און קיינעם נישט. ער איז א סוד, א מיסטעריום — עס מאָגען א סך איהם וועלען טרע־פען, אָבער ער טאָר פאר קיינעם נישט אויפדעקען זיך אין גאַנצען. ווי האָב איך אלץ עס אזוי קלאָר געזעהן און אזוי בעשטימט גע־פיהלט! און פּלוצלונג איז אלץ אין מיר פערוואַנדעלט געוואָרען אין איין געשריי: מירא! עס איז מיר געוואָרען, ווי ווען א שטורם וואָלט זיך אָנגערוקט. די לופט איז געוואָרען דיקער, די־קער אלץ און דריקענדיגער, אלץ מעהר אָנגעלאָדען צום צופּלאַצען

— אַט־אַט וועט עס אויפרייסען מיט אימה׳דיגער קראַפט: מירא! מירא! מירא!

הערמאַן (הינטער דער טיר). זעה, די טיר איז צוגעשלאָסען! — וואָס איז דאָרט אזוינס געשעהן? וואָס ווערט אזוי גע־שריען „מירא״? — ווער האָט צוגעשלאָסען די טיר? הערי, קרעטשמער, וואָס זאָל עס זיין? ! דזשאהן, קום אהער נאָר!

מאַרק. מירא! — אה, ווי וואָלט איך געוואָלט יעצט זיין אליין מיט דיר! (דאָס טיר־קלאַפּען ווערט שטאַרקער.)

מאַרטימער (הינטער דער טיר). דאָס איז געמיין! פערשלאָסען גאָר! וואו איז דער קרעטשמער פערפאַלען געוואָרען?

מירא (האַלטענדיג מאַרק׳ס געזיכט צווישען איהרע הענד). געה, ליעבער, עפען זיי די טיר דאָך אויף. (קוסט איהם אויף די ליפּען.)

מאַרק (קוסט זי שנעל עטליכע מאָל, וואו ער טרעפט נאָר און שפּרינגט אויף). יוכהיי! (לויפט טאַנצענדיג צו דער טיר, שליסט זי אויף און לויפט צוריק צו מירא׳ן. די טיר ווערט שטירמיש אויפגע־עפענט, און אַלע איינגעשלאָסענע ערשיינען מיט הערמאַן און מאַרטימער פאָראויס.)

מאַרק (אַרומנעמענדיג מירא׳ן, צו די איבריגע מיט פערבוי־גונג). ענטשולדיגט פאר דער געפאַנגענשאַפט.

מאַרטימער (היצענדיג זיך). דאָס איז א חזירײַ!

הערמאַן. שטיל דאָך! דער דיכטער האָט דאַ געדאַרפט זיין ליעבע ארויסברילען אונגעשטערט. האָט עס נישט געקלונגען, ווי עמיץ וואָלט אין לעבענסגעפאהר געווען?

מאַרטימער. ווי קאָן מען אזוי שרייען? ליעבסט דו, דאַרף די גאנצע וועלט עס וויסען? (ער און אננאַ ווענדען זיך צו די פּעקלעך אויף דער ווערענדאַ און קוקען זיי איבער. פון איין פּעקעל נעמט ער אַרויס אַ קליין פלעשעל און לעגט עס אַריין אין קעשענע. אננאַ לאַכט און שטויסט איהם אונטער מיט׳ן אָרם.)

הערמאַן (שטעלט זיך אין פּאָזע און דעקלאַמירט). פּונקט ווי אַ קאָכענדער וואולקאַן איז דאָס הארץ פון דעם דיכטער, ווען

ער ליעבט. ער גיעסט ארוים פון זיך די ווערטער ווי הייסע לאווע און פלאצט ארוים זיינע געפיהלען מיט דונערן און קראכען. (צו מארק'ען.) האָב איך עס גוט געזאָגט?

מארק. איך בעוואונדער דיך, וואָס דו קאָנסט בלויז פאראָ־רירען.

פעני. וואָס ווייסט דו, וואָס ער קאָן?

מירא. אך, רעדט נישט יעצט אזוי. איך בעט אייך, מאכט מיר דעם מאָמענט נישט ביליג.

מארק (לאסצענדיג איהר האַנד). דו ביזט הערליך!

דזשאהן. איך גלויב, מיר קאָנען יעצט געהן.

מארק. יאָ, מיר װעלען געהן.

הערמאן. ווילט איהר אָבער גאָרנישט פריהשטיק עסען?

פעני. אך, זיי זיינען זאַט.

מירא. דאָס איז אויך אמת.

מארק (פערבויגט זיך).

פעני (צו מירא'ן). איז ווי איז דאָס געוועזען?

מירא. וואָס מיינסט דו?

פעני. די ערקלערענים אין ליעבע. ווי האָט זי דיר גע־שמעקט?

מירא. ווייסט דו דעם טעם נאָך נישט? איך בענש דיך, זאָלסט איהם וויסען.

פעני (מיט אַ קניקס). א דאנק. — הערמאן, האָסט דו עס געהערט? טו דיין טייל.

הערמאן (אין פאָזע, מיט דער האַנד אויף דער ברוסט, ברילט). פעני! פעני! פעני! און יעצט קום אין מיינע ארמס, און קום און קום...

פעני. אך, דו מאכסט עס שלעכט!

הערמאן (לאַכט). דזשאהן, נעם דיך צו די פעקלעך.

דזשאהן (װעלכער האָט זיך שוין בעהאנגען מיט'ן געפעק).

איך האָב עס שוין געטאָן, דו זאָלסט מיר נישט דאַרפען הייסען. האָסט אָבער נישט געקאַרגט.

הערמאַן. האָב אַלץ פּאַראויסגעזעהן, בעזאָרגט. אַ האַק אַפילו וועסט דו דאָרט געפינען, אויף האַלץ צו האַקען, ווען מען דאַרף.

דזשאָהן. עס איז נישקשה'דיג גאָר שווער.

מערי. גיב מיר דאָך אַ פּאָר פּעקלעך.

אננא. טאַקע, גיב איהר דאָך עטוואָס טראָגען.

דזשאָהן (צו מערי'ן). קום. (העבט־אָן צו געהן.)

הערמאַן. וואַרט, איך געה פּאַראויס.

מאַרטימער. און איך געה פון הינטען נאָך. איך זעה־צו, ער זאָל גאָרנישט פערליערען און איך — עפּעס נישט אוועק־נאַשען.

דזשאָהן. טראָג דאָך דו אַליין.

מאַרטימער. ניין, איך בין דערצו נישט געשאַפען.

דזשאָהן. ביזט בלויז צום עסען גוט. — מאַרק, האָסט דו עפּעס נייע ליעדער? מיט דיינע ליעדער וועט זיך אַנדערש מיר גאָר געהן.

מאַרק. ווי ביזט דו שווער בעלאָדען, דזשאָהן!

מירא. גיב אונז דאָך וואָס פון דיינע פּעקלעך.

דזשאָהן. אַך, וואָס! איך בין געזונד פאַר אַכט. דו זינג מיר דיינע ליעדער נאָר.

מאַרק. איך וועל, איך וועל. דו וועסט הנאה האָבען. איך זינג פאַר דיר, איך זינג פאַר מיר. (פליסטערט מירא'ן.) און פאַר דיר אַם אַלערשענסטען.

מאַרטימער. דו האַלט איהם נאָר נישט אויף מיט דיינע ליעדער.

הערמאַן (אויפגעוואַכט פון געדאַנקען). אַלזאָ, מיר געהען! (ווענדט זיך צום באַרג־וועג.)

פּעני. ווילסט דו מיר דיין אָרם גאָר נישט געבען?

הערמאַן. פּאַרדאָן, עס האָט מיך אַ געדאַנק...

פּעני. דיין געלד מיט מיין געלד...

הערמאַן. ווי? יאַ־אַ. איך פּיהל מיין קראַפט יעצט וואַקסען. איך ווייס, וואָס איך וועל אויפטאָן, ווי איך וועל מיך פּערצווייגען. איך האָב פּלענער גרויסע, און גרעסער וועלען זיין די טאַטען. פאַבריקען, מינען, אייזענבאַהנען, שיפען, דאָס גאַנצע לאַנד ברייננ איך צו מיינע פיס....

פּעני. אָבער יעצט ווילען מיר דאָך געהן.

הערמאַן. יאָ, יאָ... ענטשולדיג. דאָ האָסט דו יעצט מיין אָרם. (געהען.)

מערי (צו דזשאהן, וועלכער העבט אָן צו געהן). אָבער ווירקליך לאָז מיך עפּעס טראָגען.

דזשאהן. איך לאָז דיך גלייך. (כאַפּט זי אויף זיין אָרם און טראָגט זי אַוועק מיט גרויסע, פעסטע שריט.)

מערי (לאַכענדיג). אָבער, דזשאהן! אָבער, דזשאהן!

מאַרטימער. העי, העי, אַזוי צושיטסט דו גאַנץ געווים די פּעקלעך! פאַר ליעבענים איז יעצט קיין צייט דיר נישט! ליעבענים איז דיר יעצט שטריינג פערבאָטען! (שפּרינגט אַרום דזשאהנען, וועלכער מאַכט זיך פון איהם נישט אויס.)

אַננאַ. דאָס וועט זיין פאַר מיר אַ נאָכלויפענים אַ ביסעל! (געהט.)

מאַרק (אַרומכאַפּענדיג מיראַ'ן). מיראַ!

מיראַ. איך און דו!

מאַרק. האַנד אין האַנד!

מיראַ. ווי וועט דער וועג אונז לייכט זיין!

מאַרק. מיר וועלען געטראָגען ווערען איינער דורך דעם אַנדערן, און אונזער נשמה־יובעל וועט אונזערע פיס צו פליגלען מאַכען. מיראַ! (קוסט זי). מיראַ! (לאָזען זיך ביידע לויפען מיט אַ גליקזעליגען לאַכען.)

צווייטער אקט

א געגענד אין דעם בארגוואלד, געדיכט ארומגעשטעלט מיט יונגע בוימד־לעך, מיט גראז און שטיינער בעדעקט. רעכטס דער וועג, וועלכער פיהרט פון אונטען. אין הינטערגרונד און לינקס פערשיעדענע פוסוועגען, וועלכע פיהרען נאך אויבען. מארק און מירא קומען־אן האנד אין האנד רעכטס פון אונטען. בלייבען שטעהן און קוקען זיך ארום.

מארק. א סך וועגען פיהרען דא נאך אויבען. וועלכען זאלען מיר נעמען?

מירא. מיר וועלען אבווארטען דא די איבריגע, אז נישט וועלען מיר אונז פאנאנדערטיילען. זיי וועלען נישט וויסען, וואו מיר זיינען אהינגעקומען.

מארק. יא, מיר וועלען מוזען ווארטען. (קוקט זיך ארום.) די בוימדלעך זיינען דא געדיכט, מען האט קיין אויסבליק נישט. קיין סימן נישט פון דעם טאל, און די בערג ארום זיינען גאנץ בע־האלטען, און אויך דער הימעל איז דא איינגעאיינגט.

מירא. עס איז א גוטער זאמעלפונקט. אין דער איינג־שאפט פון די בוימער ווערען די אייגענע געדאנקען בעסער איינ־געזאמעלט, און עס וואקסט אויף דער פערלאנג נאך דער פעהלענ־דער געזעלשאפט.

מארק. יא, יא. דאס איז אזוי. זעצען מיר אונז צו. (זעצט זיך.) דאך איך בין א האר נישט מיד. אך, ווי גוט עס איז זיך אונז געגאנגען. וואס איז א שווערער וועג, ווען מען צעהלט זיך נישט די טריט, און אנשטאט אויף הינטען מיט בייגקענים צו

קוקען און אויף פאָרנט מיט בייזען שרעק, ווערסט דו געטראָגען ווי אין ליידענשאפטליכען טאנץ!

מ י ר א (וועלכע קוקט אראָב און הערט זיך צו צום וועג). די אנדערע זיינען ווייט נאָך. מען זעהט און הערט זיי נישט. (רופט.) אוהו! אוהו! אוהו!

ה ע ר מ א ן (ווייט). אוהו! אוהו!

מ י ר א. הערמאן איז עס.

ד ז ש א ה ן (נאָך ווייטער). אוהו! אוהו!

מ י ר א. און דאָס איז דזשאהן. ער איז נאָך זעהר ווייט. דער אָרמער, ווי מוז ער מיד און מאט זיין — ער אליין מיט אלע פעקלעך. און אָהן דיינע ליעדער נאָך אפילו. (זעצט זיך לעבען מארק'ען.)

מ א ר ק (לעגט אוועק זיין קאָפּ אין איהר שויס און ציהט זיך אויס אויפ'ן רוקען). איך האָב נישט געקאָנט מעהר. איך בין געוואָרען מיד.

מ י ר א. דו—מיד?

מ א ר ק. מיין נשמה האָט זיך פון איהם דערווייטערט, און איך בין מיד געוואָרען פאר איהם צו זינגען. עס האָט מיך געטריבען ווייטער, ווייטער, און באלד האָב איך איהם גאנץ פערגעסען.

מ י ר א (שפּיעלעריש). האָב איך דיך נישט מיד געמאכט? האָב איך דיר נישט דערעסען? איז אין דיר נישט ווידער וואך געוואָרען דער געדאנק, דער דיכטער מוז אליין זיין?

מ א ר ק (שטעלט זיך שנעל אויף אויף די קני). ווי? — האהא! מיר איז אין וועג מיט דיר געוואָרען קלאָר און קלערער: דער דיכטער מוז א ברונען האָבען, פון וואנען ער זאָל אייביג שעפּען, אן אייביגע קוואל, וואָס זאָל איהם שטענדיג יונג און שאפונגסקרעפטיג האלטען. דאָס איז די ליעבע! נישט די אונבעפריעדיגטע, נישט־דערפילטע, וועלכע קאָן איהם בלויז פערצעהרען און פערניכטען, נאָר די, אין וועלכער ער זאָל זיך ווי אין מאָרגענטוי

דערפרישען און וועלכע זאָל ווי שטארקער ווײן אלע זײנע לעבענס־קרעפטען צו געטליכער שאפונגסטעטיגקייט אָנשפאנען. אָ, דו, נאָר דו אליין קאָנסט מיר די דאָזיגע ליעבע געבען! דו ביזט מיר מיין גאנצע קראפט, דו ביזט מיר מיין בעגייסטערונג. דיין קוס עפענט אויף פאר מיר די ווייטסטע האָריזאָנטען, דיין לאסקע גיט מיר די טיעפסטע טיעפעניסען צו ענטדעקען.

מירא. ווי בין איך גליקליך!

מארק. ווי בין איך גליקליך! עס איז מיר, ווי איך האָב מיך ערסט יעצט געפונען. איך בין אונענדליך רייך געוואָרען. די גאנצע וועלט געהערט צו מיר, און איך בין אזוי רייך, אז איך קאָן זי דעם ערסטען בעסטען אָרמאַן פערשײנקען.

מירא. ווי גרויס דיין ליעבע איז און ווי גרויס דו מאכסט מיך!

מארק. איך פיהל מיך גרויס דאָך ערסט דורך דיר.

מירא. און איך טראכט אלץ: ער זאָל מיר שטענדיג אזוי בלייבען! און איך וויים, וואָס איך מוז. יאָ, איך וועל דער ברונען זיין, וואָס טריקענט קײנמאָל נישט אויס, די קוואֶל, וועלכע איז שטענדיג ריין און דערפרישענד. איך וויים דיינע גרויסע קרעפטען, און וועל וויסען, ווי זיי צו דערנעהרען, זיי זאָלען גרעסער, שטארקער ווערען. דו געהסט דורך דער וועלט מיט ריעזענשריט, און עס איז מיין ציעל, דיין שריט זאָל שטענדיג אָנהאלטען זיין גרויס. דו וועסט נישט דארפען זאָגען: „איז די, די שווערע דאָ, מיין וועגבעגלייטערין? וואָס פאר א משא איז זי מיר, ווי לעהמט זי מיר מיין קראפט! זי מוז איך אָבער אָבטרייסלען פון מיר....“

מארק (אַרויפלעגענדיג זיין האַנד אויף איהר מויל). רעד נישט! רעד נישט! דו בעגעהסט גאָטסלעסטערונג! דו זינדיגסט מיט אונמעגליכקייטען! דו—דו—דו! (כאַפּט זי לײדענשאַפטליך אַרום און קוסט זי. — הערמאַן און פעני קומען אַן פון רעכטס.)

העדמאַן (רעדענדיג שאַרף, נישט קוקענדיג פאר זיך). איך בין דער גרעסטער פיש אין ים און מוז די קלענערע פערשלינגען. דאָס איז נאַטורגעזעץ. ווער רעדט דאָ פון פערברעכען? די אלע קליינע...

פעני (בעמערקט מאַרק און מיראַ'ן, שטעלט אָב הערמאַנען, אָנבאַפענדיג איהם פאַר'ן ארם). ששש, דו קוק דאָס פאַר'ל אָן. עס נעמט אזש אָן אן אפעטיט.

הערמאַן (קוקט זיי אָן, קומט צו זיך פון זיינע געדאַנקען און צולאַכט זיך). האהאהא! (מאַרק און מירא לאָזען זיך איבערראַשט אָב.)

מארק. העי, פאר וואָס האָט איהר נישט אָנגעקלאַפט? אזוי געהט מען עם אריין אין א דיכטערס פאַלעץ?

מירא. און די בוימער האָבען אונז פון זייער לאכען נישט בעוואָרענט. אָ, איהר שטומע, שטילע שומרים!

פעני. זי ווערט פּאָעטיש!

מארק. איהר טרוקענע מענשען, איהר האָט נאָר וויץ און שפּאָט, איהר האָט נאָר בייזע צינגער. ווען איהר וואָלט פיין געוועזען, האָט איהר געדאַרפט שטיל צוריקציהען זיך און זיך זאָגען: דער אָרט איז יעצט דאָ הייליג, מיר טרעטען נישט אריין.

הערמאַן. אָדער, אריינטרעטענדיג, אראָבנעמען די שטיוועל. דאָס דערמאַנט מיך גראָד, אז אין רעכטען פוס דריקט מיך עטוואָס. איהר וועט מיר ענטשולדיגען, מיינע דאַמען. (געהט אריין צווישען די בוימער.)

מארק. דו בייזט — —

הערמאַן. לאָז הערען.

מירא (לעגט אַרויף איהר האַנד מאַרק'ען אויפ'ן מויל). זיי גוט!

מארק (קושענדיג די האַנד). בייזט געראַטעוועט, הערמאַן. וועסט נישט וויסען, וואָס דו בייזט.

הערמאַן. קום העלף מיר בעסער מיין שטיוועל אָנצוטאָן צוריק.

מארק. עס האָט גרויסענוואהן, דאָס פּיה!

הערמאַן. דיר שטעהט עס אפשר נישט אָן? דאָס דאַרף נאָך ביי דיר א זכיה זיין. דו קאָנסט דערנאָך אפילו א ווערטער־רייכע אָדע דיכטען, און ווילסט דו, וועל איך זי דיר נאָך גוט בע־צאָהלען.

מירא. עס איז קיין קונץ נישט גראָב צו זיין, ווען מען וויל עס...

מארק. ווען מען איז עס.

מירא. האָט איהר נישט וואָס פריינדליכעס צו רעדען, איז גלייכער דאָך, איהר שווייגט ביידע.

פעני. וואָס האָסט דו מורא, זיי וועלען זיך צושלאָגען? רעדט ווייטער נאָר, רעדט ווייטער. איך וויל טאקע הערען, ווער פון אייך קאָן בעסער געבען.

מירא. דו גלויב, אז הערמאַן איז דער שארפערער. דאָס ווילסט דו דאָך דער עיקר.

פעני (פערפיהרעריש אָנקוקענדיג מארק'ען). וואָס ווייסט דו, וואָס איך וויל?

מארק. העי, העי, איך לויף בעסער אוועק! עס ווערט מיר דאָ צו היים! (שפּרינגט אויף און ציהט נאָך זיך מירא'ן, אוועק־לויפענדיג נאָך לינקס.)

פעני. האהאהא! (קוקט זיי נאָך, דאן ווענדט זי זיך אָב, ציהט זיך, געניצט. צו הערמאַנען, וועלכער איז ארויסגעקומען פון צווישען די ביימער.) הערמאַן, מיר איז לאַנגווייליג!

הערמאַן. לאַנגווייליג? דיר? אין מיין געזעלשאפט?

פעני. דו האָסט די גאַנצע צייט גערעדט פון געלד און ציפער.

הערמאַן. און בין געוועזען מעהר דיכטער נאָך פאר

מארק'ען. איז דיר עם לאנגווייליג געוועזען? איך האב אין צי־פער דאך גערדיכטעט. האסט דו עם נישט געפיהלט?

פעני. ציפער זיינען ציפער.

הערמאן. דו האסט מיך שלעכט געהערט, דו האסט מיין דיכטונג נישט פערשטאנען. ווער איז דער גרעסערער קינסטלער, זאג: ווער עס בויט לופטשלעסער אין זיין פאנטאזיע אדער ווער עס שטעלט ווירקליך אויף הערליכע פאלאצען, געבויט אויף פע־סטען פונדאמענט? איך בין דער גרעסערער גאנץ בעשטימט, נאר האסט דו דאס נישט איינגעזעהן. ציפער זיינען ציפער, אבער נישט ביי מיר אין מויל, נישט, ווען איך בעהאנדעל זיי. די ציפער לעבען אויף ביי מיר, זיי ווערען אונבעזיעגבארע ארמייען, וועלכע געהען פרעהליך אין פוס און טאקט צו אייביגע נצחונות. האסט דו ביי מיר דעם זיעגעסמארש נישט ארויסגעהערט? איך בע־דויער דיינע אויערען. איך פיהל אין מיר אן אונגעהייערע מאכט, איך וויים, איך קאן די וועלט ערראבערן. מיין טאטענס געלד האב איך פערפיעלפאכט, יעצט האב איך דיין געלד נאך, און איך פיהל מיך ווי א הערקולעס — קאנסט די גאנצע וועלט ארויפלאדען אויף מיין פלייצע. איך בין א וועלטענריעז, איך בין א הערשער — האסט דו דאס נישט פערשפירט? און דו האסט דיך געלאנגוויי־ליגט? וואס איז דער מארק ענטהעגען מיר מיט זיין גאנצען ווער־טער־רייכטום, מיט זיין גאנצען שרייב און מעק, מיט זיין גאנצען געזיינגעל און געקלינגעל?!

פעני. האסט מיר אבער קיין איינציגע ליעבעסערקלערונג נישט געמאכט.

הערמאן. ליעבעסערקלערונג? דו ווייסט, דו ביזט די מיינע דאך.

פעני. דאך ליעבע רעדען, ליעבע טרייבען, אפטע אומ־ארמונגען און עפטערע נאך קושען, שמיפעריש ביי יעדעם שריט ווי עפעם נאר א נייס אריינ'סוד'ען אין אויער: איך ליעב דיך!

הערמאן. ליידער, דאס איז נישט אין מיין פאך. איך

מוז קאָפּ און הענד פאַר עפּעס אנדערש האָבען. איך בין אַ רעאַ־לער וועלטענבויער, וויל דאָך מיך פערשטעהן.

פּ ע נ י. איך פערשטעה דיך גוט. מיר איז עס אָבער לאַנג־וויילינ. איך זעה, דו האָסט קראַפט און פייער, האָסט גרויסע ליי־דענשאַפט אין זיך, אָבער נאָר פאַר ציפערן און געלד. גיב מיר אַ טייל פון דעם —

ה ע ר מ א ן. איך ליעב דיך דאָך, איך ליעב דיך גאַנץ געוויס.

פּ ע נ י. ווי טרוקען דו זאָגסט עס מיר ארויס! ליידענ־שאַפט, דיין ליידענשאַפט וואו איז? נעם מיך דאָך ארום, דער־דריק מיך אין דיינע אָרמס און אָנשטאָט צאָהלען, צאָהלען רעדען בעדעק מיך מיט אונצעהליגע פייערדיגע קושען.

ה ע ר מ א ן. דאָס וויל איך אויך! דאָס טו איך! (וואַרפט זיך צו איהר.)

פּ ע נ י (רוקט זיך אָב). נאָר דאַרף איך דיך דערמאָנען, און שטענדיג שפּעט דערמאָנען. (ווייזט מיט דער האַנד אויף די אָנקו־מענדיגע מאַרטימער און אַננאַ.)

מ א ר ט י מ ע ר. קוים וואָס ער קריכט, דער שלימזל! יעצט האָט ער נאָך אַ פּוס זיך אויסגעלונקען. ווען איך וואָלט איהם נישט אונטערגעטריבען, ווער וויים, וואו ער וואָלט נאָך גע־ווען.

ה ע ר מ א ן. פאַר וואָס האָסט דו איהם געלאָזען אליין? וואָס איז דאָרט מיט זיין פּוס? האָסט דו געזעהן, צו האָט ער זיך נישט שווער וועה געטאָן?

מ א ר ט י מ ע ר. ער איז שוין דאָ. ער הינקט שוין גלייך ארויף.

א נ נ א. אַ פּאַדריאַד זיך אָנגענומען. די גאַנצע צייט האָט ער נישט אנדערש געהאַט צו טאָן, ווי נאָר ווערטלען זיך מיט דזשאַהנען. אז איך בין לעבען איהם, האָט ער אין גאַנצען גאָר פערגעסען.

מ א ר ט י מ ע ר. האָסט מיך דערמאָנט, נישט קשה, האָסט

מיך געגוג דערמאָנט. נישט אויפגעהערט צו גאָגען, ווי א וועה־טאָגדיגער צאָן.

אננא. וואָס האָב איך דען געוואָלט? דו זאָלסט צוריק מיך גאָגען, אבי איך זאָל וויסען, אז דו געהסט מיט מיר.

פעני (צו הערמאַנען). ווילען מיר נישט זעהן, וואו מארק און מירא זיינען? קום. (זי ציעהט איהם אַוועק אויף אַ מיטעלסטען פוסוועג.)

הערמאן. ווען דזשאהן וועט קומען, זאָלט איהר אונז אויף רופען. מיר עסען דאָ אָב און געהען ווייטער. (אָב.)

מארטימער (נעמט אַרויס דאָס פלעשעל פון זיין טאַש, שטעלט עס צו צו די ליפען און טרינקט. אָבטרינקענדיג, שטאָפט ער עס צו און וויל עס צוריק בעהאַלטען).

אננא. נו, און מיר א ביסעל? מיר ווילסט דו גאָר נישט געבען?

מארטימער. א פרוי זאָל טרינקען? איך בין שטארק דאגעגען. בעסער טרינק איך נאָך א מאָל פאר דיר. (טוט עס.)

אננא. ביזט א שיינע סחורה. גיב אהער נאָר, גיב! (העבט זיך אָן מיט איהם צו ראַנגלען. — דזשאהן און מערי קומען אָן, ביידע בעלאָדען מיט די פעקלעך. דזשאהן הינקט־צו אַ ביסעל.)

מארטימער. שאַ, אָט זיינען דזשאהן און מערי!

אננא (קוקט זיך אום).

מארטימער (בעהאַלט אויף גיך דאָס פלעשעל).

אננא (דראָהט איהם מיט'ן פינגער).

מארטימער (רופט). אוהו, דאָ איז דזשאהן! יעצט קאָנען מיר שוין עסען! אוהו! אוהו! דזשאהן איז דאָ און מע־רי! — דזשאהן, בינד נאָר אויף דעם סענדוויטש־פעקעל.

דזשאהן (ווייט הינטען, לאָזט זיך אַראָב אויף דאָס גראָז, נעמט אַראָב זיין שטיוועל און בעטראכט דעם פוס).

מארטימער. האָט ער זיך גענומען גאָר צו זיין פוס! מערי, טו עס דו, בינד אויף דעם סענדוויטש־פעקעל.

מערי (זיצענדיג מיד אויפ׳ן גראָז, קרעכצט אָב און נעמט זיך זוכען צווישען די פעקלעך).

מאַרטימער. זיי קומען נישט. אוהו! אוהו! אוהו! די סענדוויטשעס זיינען דאָ! (קומט־צו צו מערי׳ן, שטופט די האַנד צווישען די פעקלעך, בעשמעקט זיי.) דאָס זיינען היהנער. — קעז איז דאָ, האָלענדער. — עפּעל. (צו מערי׳ן, וועלכע האָט אויסגעפּאַקט די סענדוויטשעס.) נו? דו האָסט די סענדוויטשעס? לאָז, איך העלף דיר אויספּאַקען. (זוכט זיך אויס אַ סענדוויטש און הערבט־אָן צו עסען. ווינקט צו אַננאַ׳ן.) נו?

אננא. וואָס דען נישט? (נעמט אַ סענדוויטש.)

מאַרטימער (עסט און רופט). אוהו! אוהו! אוהו! — קיינער ענטפערט נישט. — זיי ווילען איינזאַמקייט, די פּאָרלעך. — קום, מיר גערען זוכען. איך האָב עס אויך ליעב בעהאַלטענע פּאָרלעך נאָכצוקוקען, אויפצושרעקען, האהא. (ער און אַננאַ געהען אַוועק אויף דעם שטעג, אויף וועלכען פעני און הערמאַן זיינען פריער אַוועק, און שרייען עסענדיג.) אוהו! או־הו! או־הו!

מערי (קרעכצט). איך בין אַזוי מיד, אז מיך נעמט גאָר נישט צום עסען. (קרעכצט.)

דזשאהן. הער דאָך אויף צו קרעכצען.

מערי. עס קרעכצעט זיך אליין.

דזשאהן (בייז). „עס קרעכצעט זיך אליין“!

מערי (דערשראָקען). ווי רעדסט דו דאָס צו מיר?

דזשאהן. קרעכצעסט דו, מאכסט דו מיר בלויז שווערער און דיר א האָר נישט לייכטער.

מערי. ווי קלינגט דיין שטימע הארט!

דזשאהן. א הארטער וועג מאכט דעם מענש נישט ווייך. און קלינגט דיין שטימע און דיין קרעכצען ווייכער?

מערי. אָה, איך בין שרעקליך מיד! עס איז געוועזן א ביסעל נישט פאר מיינע כחות.

דזשאהן. פערפלוכט מיין פוס!

מערי. ער וועט שוין בעסער ווערען.

דזשאהן. און זיי זיינען אלע זיך צולאפען, אויך מארק און מירא. פון קיינעם נישט קיין הילף. הערמאן וואלט נאך מעהרער פעקלעך אנגעלעגט, און מארטימער פערביטערט גאר דאס לעבען. איך האב געוואוסט, אזוי וועט אונזער גאנג זיין.

מערי. דאך זיינען מיר אין איינעם, איך און דו.

דזשאהן. נישט אזוי האב איך געוואלט מיט דיר אין איינעם זיין. אט בין איך נעריצט, אין כעס, מיין שטימע איז הארט, איך זאג דיר שארפע ווערטער, און דו קרעכצעסט, קרעכ-צעסט. וואו איז די פרייד און פרעהליכקייט? וואו איז די זיס-קייט פון דער ליעבע?

מערי. אט יעצט — אט יעצט — אט יעצט איז אלץ שוין ווידער גוט. ביזט ווידער מיר מיין גוטער דזשאהן, מיין ליע-בער. גלעט דיין שטערן אויס, שמייכעל צו מיר. איך וועל מיין קאפ אוועקלעגען אין דיין שויס. (זי טוט עס.) איז גוט?

דזשאהן (בויגט זיך אראב און קוסט זי).

מערי. זעהסט דו, זעהסט דו. יעצט קאנסט דו מיר אויך א סענדוויטש געבען.

דזשאהן (גיט איהר א סענדוויטש און נעמט זיך איינעם).

מערי. א ביס נאך א ביס און א קוס צווישען — עס איז דער בעסטער סענדוויטש.

דזשאהן (איבערגעבויגט איבער איהר, זינגט צערטליך, שטי-פעריש, מיט קוס-גרימאסען):

מיין ברויט איז קיינמאל טרוקען,
ווען ליעבסטע גיט עס מיר,
און הערליך איז מיין מאלצייט,
ווען קוסמויל איז מיט מיר — יוכהו!

שא, עמיצער קומט! (קוקט זיך איין נאך לינקס.) מארק און מירא זיינען עס. או-הו! (מארק און מירא קומען אן.)

מ א ר ק (אַרויסקומענדיג פון צווישען די בוימער). האָבען מיר ריכטיג דאָך געטראָפען.

ד ז ש א ה ן. צום זאמעלפונקט פון עסען. דעם טרעפט מען שטענדיג ריכטיג.

מ א ר ק. דזשאהן איז בייז.

מ י ר א (שטיל). און איז גערעכט.

ד ז ש א ה ן. דו האָסט מיך שנעל פערגעסען. ווי שנעל האָבען זיך דיינע ליעדער אויסגענומען פאר מיר! דיינע נייע ליעדער — — הם! איך האָב דעם קלאנג געהערט, די ווערטער אָבער נישט פערשטאנען, און אויך די מעלאָדיע איז מיר אזוי פרעמד געווען. יאָ, יאָ. דו ביזט אוועק — און ווי גערן איך מיט די פעקלעך, האָט דיך ווענ׳ג גאָר געארט.

מ א ר ק. איך זאָל מיך שעמען — דאָך איך בין מיך מודה, איך פיהל מיך שולד׳ג נישט. איך האָב נישט ג ע ק אָ נ ט האלטען מיט דיר שריט. עס האָט מיך פאָראויס געטריבען, אלץ העכער און אלץ שנעלער. מיין טריט, איך האָב איהם נישט געמאָסטען, מיינע פיס האָבען זיך פון זיך אליין געשטעלט, בעוועגט פון אן אינוועניגסטען טרייבען. הינטער יעדעם בוים און יעדעם פעלזען, הינטער יעדעם וועגפערקער האָב איך נייס פאָראויסגעפיהלט און נייס געוואָלט ענטדעקען. מיין בעגריף פון הויך האָט זיך אין מיר מיט יעדען שריט געביטען, און וואָס העכער איך בין געשטיגען, אלץ אנדערס האָב איך דעם אונטען אונטער מיר געזעהן. דאָס נאָר געאהנטע האָט דייטליך זיך פאר מיר ענטפּלעקט. די שטאָדט — ערסט יעצט האָב איך דערזעהן זי אין איהר גאנצער גרויס און אין איהר גרויסער ווינציגקייט. און שנעלער אלץ בין איך געגאנגען העכער, העכער. פארב און פאָרם האָבען זיך געענדערט, דאָס גרויסע אונטען איז געוואָרען אויבען קליין, דאָך דערפאר האָט זיך דער הימעל הערליכער און ברייטער אויפגעדעקט פאר מיר. דו ביזט מיר בייז און ביזט גערעכט, דאָך רוף מיך נישט פ[illegible]טער. איך האָב דיך נישט ג ע ו ו אָ ל ט פערלאָזען און

פערגעסען, דו ביזט אין מיר אריבערגעשריען געווארען פון טויזענ־דער קולות, וועלכע איך האב אין מיר נישט פאראויסגעאהנט. קאנסט דו עס בעגרייפען?

דזשאהן. איך בעגרייף עס. דאך מיר ווערט דערפון נישט לייכטער. יא, יא. דער רייטער בעוועגט זיך שנעלער פאר דעם געהער און פערליערט גאר שנעל איהם פון די אויגען. און דו ביזט נאך געפליגעלט. יא, יא. — אבער דו, מירא?

מירא. איך האב דיך נישט פערגעסען. איך האב דיך אפט דערמאנט.

דזשאהן. דאך איהם האט עס געטריבען, און דו האסט געמוזט נאכלויפען נאך איהם.

מירא. געמוזט? און נאכלויפען? — ניין. מיך האט עס אויך געטראגען. איך האב אבגעלערנט פון איהם, וואס און ווי איך האב צו זעהן, און מיינע טריט האבען לייכט זיך צוגעפאסט צו זיינע. און אויסערדעם — —

מערי. שפארנט ליעבע אן, מאכט ליעבע לייכטער פיעל דעם גאנג.

מירא. געבענשט זיי דו צו גאט, ווייל דו ווייסט עס!

דזשאהן. ניין, איהר איז דער וועג נישט אזוי לייכט גע־ווען. דער וועג איז באלד פאר איהר גאר קיין פערגניגען נישט.

מערי. דאך, דאך. דער אברוהה יעצט, מיט מיין קאפ אין דיין שויס, דיין נאהנטקייט און ווארמקייט, איז ווערט די גאנצע מידיגקייט, איז ווערט דעם גאנצען וועג.

מירא. דאס איז דעם לעבענס גאנצער זין. דאס לעבען מאג ווי ביטער זיין, דאך איינצעלנע גליקזעליגקייטס־מאמענטען מאכען עס צו לעבען ווערט. זיי זיינען די געווינשטע סטאנציעס, צוליעב וועלכע די גאנצע רייזע ווערט געמאכט.

מערי. אזוי איז עס טאקע.

דזשאהן. וועסט דו ווייטער קרעכצען?

מערי. געוויס נישט, ווען איך וועל רוהען אין דיין שויס.

דזשאהן. אָבער אויך פריער נישט. ווען דו ביזט מיד, טראַכט דאַן פון דעם אָברוה, און פעהל איך דיר, פרעה דיך אויף דאָס ווידערזעהן. און איבערהויפּט, וואָס נוצט דאָס קרעכצען ?!

מערי. גוט, איך וועל מיך מיהען. (ציהט צו זיך זיין קאָפּ און קוסט איהם.)

מירא (קוקט אַוועק צו מאַרק'ען, וועלכער שניידט עפּעס אין דער קאָרע פון אַ יונגען בוימדעל). וואָס טוסט דו דאָרטין, מארק ? (געהט צו איהם.)

מארק. איך שנייד דיין נאָמען און מיינעם אין מאַרך פון בוים אריין. זעה, דער בוים — ער צאַפּעלט זיך אונטער יעדעם שניט. ער לעבט יעצט דורך דעם זיסען שמערץ, וואָס איז אַ חלק פון יעדער גרויסער ליעבע.

מירא. שמערץ ? ! יעצט האָב איך דיך צום ערסטען מאָל נישט גאַנץ פערשטאַנען.

מארק. עס איז —

מירא. זאָג עס מיר נישט. איך וויל אליין פערשטעהן. איך וויל מיך אין מיר אליין פערטיעפען. — שמערץ — — אין גרויסער ליעבע — — איך גלויב, איך פערשטעה שוין באַלד אַ ביסעל. עס איז די גרויסע אונערזעטליכקייט, עס איז די בייגקער־נים נאָך אונענדליכקייט. — דו האָסט טיעפער פיעל פאר מיר גע־פיהלט. איך בין ריעזיג גליקליך אין דעם, וואָס איך האָב.

מארק. עס איז אַ קלייניגקייט אונזערע נעמען אין אַ בוים אריינצושניידען. דאָך מיר איז, ווי איך וואָלט איהם אין אונזער ליעבע איינגעהייליגט. מיט יעדעם שניט און קריץ ווערט ער אַלץ מעהר אונזער מיטפיהלער און מיטערלעבער.

מירא. לעב אייביג אונז, ליעב קליין בוימדעל !

הערמאַן (צווישען די בוימער אין הינטערגרונד). זיי זיינען דאָ. דאָ איז דער פּלאַץ. (ער, מאַרטימער, פּעגי און אַננאַ קומען־אָן. הערמאַן לאָזט זיך צו דזשאהנען.) וואָס מאַכט דיין פוס ?! לאָז מיך איהם זעהן.

דזשאהן. ער וועט געזונד זיין. א לונג געטאָן.

הערמאן. מיט דיר דארף אלץ זיך טרעפען.

דזשאהן. בעפריי מיך פון די פעקלעך, וועט מיין פוס זיך נישט אויסגליטשען.

הערמאן (בעטראכטענדיג דעם פוס). א קליין ביסעל מא־סאזש. דאָס קאָנסט דו, מערי, מאכען.

דזשאהן. זי איז שוין מיד גענוג.

מערי. דאָך, דאָך.

דזשאהן. ניין, דו ליעגסט מיר רוהיג.

הערמאן. אננא, ווילסט נישט אזוי פריינדליך זיין? דעם פוס א ביסעל רייבען.

מארטימער. טו עס! טו עס! איך עס דערווייל נאָך א סענדוויטש.

אננא. ביזט א גוטער! ביזט א שיינע סחורה! (הערבט־אָן צו רייבען דזשאהנס פוס.)

הערמאן (צוגעהענדיג צו מארק און מירא'ן). וואו זייט איהר געוועזען?

מארק. אויף איינזאמע וועגען.

פעני. אין ליעבע גאנץ פערקלערט. מיר האָבען אייך געזוכט. איך האָב געוואָלט די ליעבע אייך א ביסעל שטערן. איהר ליעבט אייך שוין צופיעל.

מארק. קאָנסט עס נישט פערטראָגען.

פעני. איך וויל זי אייך העלפען טראָגען.

מארק (קוקט זי שארף אָן).

מירא. איך פערשטעה דיך נישט.

פעני. ברויכסט אויך נישט.

מירא. דאָך וויים איך, דו מיינסט עס נישט גוט.

דזשאהן (שרייט־אויף). אי! (אלע קוקען זיך אום. דזשאהן שטופט אָב אננא'ן.) דו רייבסט מיר באלד די הויט אראָב.

הערמאן. ער מוז מסתמא סאמעט־הענטלעך האָבען.

מארטימער. איך וואָלט מיט דארע צווייגען דעם פּוס איהם אָבגעריבען.

מירא (צוגעהענדיג). ביזט זעהר פריינדליך. — דארף איך עס טאָן, דזשאהן?

דזשאהן. איך וועל דיר הארציג דאנקען.

הערמאן. איך ווינש, איך וואָלט דעם פּוס מיר אויסגע־לונקען.

פעני (צו מארק'ען). האָסט דו מיך רעכט פערשטאנען?

מארק. מירא האָט עס דיר שוין געזאָגט. דו מיינסט נישט גוט.

פעני. מיט איהר. דאָך מיט דיר —

מארק. וואָס ווילסט דו, לילית? וואוהין שטרעבסטו, זליכה! אוועק פון מיר, דו שטן!

פעני. דו רעדסט אזוי שיין פון ליעבע. און הערמאן רעדט אליין פון ציפער, און אויך זיין קופּ איז אויסגערעכענט.

מארק. איך בין קיין בעל צדקה נישט, איך טו קיין טובות נישט, איך גיב קיין נדבות נישט מיט קוסען.

פעני. זאָל איך דיר זאָגען, אז איך ליעב דיך.

מארק. דאָס קאָנסט דו נישט.

פעני. און ווען איך קאָן? און ווען דאָס איז דער פולער אמת? איך האָב שטענדיג דיך געליעבט. נאָר ווייל דו האָסט מירא'ן אויסגעקליעבען —

מארק. און האָב זי יעצט נאָך אויסגעקליעבען.

פעני. אך, מיר איז אזוי לאנגווייליג מיט די ציפער. איך וועל שטארבען פאר ליעבע צו דיר. קאָנסט דו מיר גאָר קיין ווארם וואָרט נישט זאָגען? ווייסט נישט, ווי רייך איך בין אין ליעבע. איך קאָן א דיכטער העכסט בעגליקען. מארק, קוק מיך אָן.

מארק. דו זעהסט, איך ענדיג מירא'ס נאָמען שניידען. דו געה צו הערמאנען, העלף איהם געלד צעהלען און אמוזיר דיך. איך בין נישט קיין אמוזירונגס־פּלאץ.

פעני. אך, ביזט גאָר קיין דיכטער נישט!

מארק. ניין, נישט פאר די, וואָס לאַנגווייליגען זיך.

פעני. איך לאַנגווייל מיך מיט הערמאַנען, ווייל איך ליעב דיך.

מארק. ווייל דו ווילסט אין ליעבע שפּיעלען. הערמאַן, נעם פעניען צו פון מיר, זי שטערט מיר אין מיין ארבייט.

פעני. ער פיהרט די בוימער איבער, צושניידענדיג די קארע. (קאָקעטיש צו מאַרק'ען.) דו שלעכטער, שלעכטער, שלעכטער!

דזשאהן. יעצט וועט'ס גוט זיין. בעסטען דאנק דיר, מירא! (טוט־אָן דעם שטיוועל.)

מירא. ביזט געהאָלפען, וועט עס מיך שטארק פרעהען. (געהט־צו צו מאַרק און פעני'ן.)

פעני. איך האָב גאָר נישט געוואוסט, דו ביזט א קראַנקענהיילערין.

מירא. וואָלסט עס אויך געקאָנט, ווען דו וואָלסט מארק'ען נישט געדארפט דערקלערען, וואָס הייסט ביי דיר, די ליעבע העלפען טראָגען.

פעני. איך האָב בלויז צוגעזעהן, ווי ער פעראייביגט אייער ליעבע אין א יונגען דארען בוימדעל.

מירא. דאָס בוימדעל וועט וואקסען און ווערען שטארק און לאנג אונז איבערלעבען.

פעני. דזשאהן, דו האסט א האק צווישען דיינע פעקלעך, נעם און האק דאָס בוימדעל אוים.

מירא. דו ועסט דיך נישט דערוועגען.

פעני. דאָס בוימדעל האָט מארק'ס און מירא'ס נעמען, ווייל איך עס צום אָנדענקען מיר נעמען.

מירא. מיר דארפען דאָך וועלען דיר עס געבען.

מארטימער. וואָס? ! ער האָט אויף א בוימדעל זייערע נעמען אויסגעשניטען? האק עס אוים, דזשאהן! האק עס אוים!

עס איז שטאַרק אונמאָראַליש. בחור־נאָמען און מיידעל־נאָמען אין דער איינזאַמקייט פון וואַלד — דאָס קאָן גאָט וויס אויף וועלכע מיאוסע געדאַנקען דעם פאַרבייגעהער דאָ ברייננגען! האַק עס אויס, דזשאהן!

דזשאהן. טו עס דאָך אליין.

מאַרטימער. וואָס? איך? איך זאָל האַקען האָלץ?

דזשאהן. צו רעטען די מאָראַל.

פעני. הערמאַן, הייס דו עס דזשאהנען.

הערמאַן. האַק עס אויס, דזשאהן. מיר וועלען אויבען אויפ'ן קאַלטען שפּיץ סיי־ווי־סיי פּיעל האָלץ דאַרפען האָבען.

דזשאהן. איך טו עס נישט. איהר ווילט בלויז מאַרק און מיראַ'ן וועה טאָן.

הערמאַן (געלאַסען). דאָס איז נישט דיין דאגה. דו וועסט עס טאָן, ווען איך האָב דיר געהייסען.

מאַרק (מיט'ן רוקען אָנגעשפּאַרט אָן בוים). וואָס הייסט דו איהם? דו פרעג דאָך בלויז, צו וועל איך איהם גאָר לאָזען. דער בוים איז מיינער יעצט, דורך אונזערע נעמען מיר געהייליגט — איהר וועט איהם נישט אָנריהרען.

הערמאַן. דזשאהן, דו גייה און טו, וואָס איך האָב דיר געזאָגט.

דזשאהן. איך טו עס נישט.

הערמאַן. דו פערגעסט דיך, דזשאהן.

מאַרטימער. ער פערגעסט, אז זיין און מעריס עקזיסטענץ —

מערי (מיט שרעק). דזשאהן!

דזשאהן. וואָס האָסט דו דיך דערשראָקען?

מערי. אונזער עקזיסטענץ —

דזשאהן. אונזער עקזיסטענץ! זאָל איך בעגעהן א געמיינהייט? וואָס בין איך דען? א לומפּ? ארבייט איך אין זיין פאַבריק, בין איך שוין אויך זיין שקלאַף, פערקויפט צו איהם מיט

לייב און זעעל? ווייל ער בעגעהן א געמיינהייט, זאל ער אליין זי טאן. זאל ער דעם בוים אויסהאקען און אליין דערנאך איהם טראגען.

מארטימער. אזוי רעדט מען נישט צו א ברויטגעבער! איך קאן עס נישט פערטראגען.

אננא (בערוהיגענדיג איהם). וואס נעמסט דו דיר עס אזוי צום הארצען?

מארטימער. עס איז א סקאנדאל געגען הערמאנען אזוי צו רעדען!

הערמאן (געלאסען). דזשאהן, דו האקסט אויס דעם בוים און נעמסט איהם מיט ארויפ'ן בארג, אדער — —

מערי. מארק און מירא וועלען עס דיר מוחל זיין, דזשאהן. פערגעס נישט...

דזשאהן. ביזט א נאר! ביזט גאר קיין מענש נישט! ביזט א שמאטע!

מערי (צוואווייענט זיך). דזשאהן! דזשאהן!

מירא. מארק, לאז דזשאהן אויסהאקען דעם בוים.

מארק. איך לאז עס נישט. ווען איך האב אין דעם בוים אונזערע נעמען איינגעשניטען, האב איך געפיהלען דורכגעלעבט, וואס האבען אין מיר געוועקט דאס גרעסטע און דאס בעסטע. דאס לאז איך נישט פערטיליגען דורך דעם קאפריז פון א בורזשוי. ווען ער דארף האלץ, איז דער וואלד דא פאר איהם גרויס גענוג. און איהם צום אנדענקען — האהא! — איז א בלעטעל פון דעם בוים צו גוט!

פעני. צום אנדענקען — פאה! — דער בוים מיט אייערע נעמען טויג דאך בלויז אויף פייער.

מירא. ווען מארק האט אונזערע נעמען איינגעשניטען, האט ער דעם בוים אין אונזער ליעבע איינגעהייליגט, און זיינע גרויסע געפיהלען זיינען דעם בוים דורך מארך און אדערן דורכגע־דרונגען. האקט אויס דעם בוים און פערברענט איהם. בעפרייט

דורך פייער די געפיהלען, וועלכע זיינען אין איהם יעצט איינגע־קערקערט, און זיי וועלען זיך טראָגען אין רויטע פלאַמען איבער דער וועלט, און אונזערע נעמען וועלען ווי שטערען שיינען.

מארק (נעמט זי ליידענשאַפטליך אַרום).

פעני. האהאהא, פּאָעטיש! זי פערדיענט דעם קוס.

הערמאן (צו פעני'ן). זאָלען מיר זיי דעם בוים דאָך לאָזען?

פעני. אויסהאַקען! אויסהאַקען! אָדער דו —

הערמאן (צו דזשאהנ'ען פעסט). האַק אוים!

מערי. דזשאהן... דזשאהן...

מארק (אָבטרעטענדיג פון בוים). האַק אוים.

דזשאהן. פערפלוכט! פערפלוכט! (זוכט אוים די האַק מיט כעס און פּאַקט מיט איהר, ווי ער וואָלט עמיצען געוואָלט הרג'ע־נען.)

מארטימער. דו! דו! פּאַרזיכטיג! פערגעס נישט, דאָס איז א האַק.

דזשאהן (בייז). און א זעהר שאַרפע אויך. טאַ טראָג דיך טאַקע אָב.

מארטימער. וואָס? מיר דראָהסט דו? מיר?

אננא (פערעכטליך אין דזשאהנס זייט). ער ווייס שוין נישט, וואָס ער רעדט.

דזשאהן (גערהט־צו צום בוים און הערבט־אָן מיט האַסט צו האַקען).

מארק. עס טוט מיר וועה, מירא! איך קאָן דאָס האַקען נישט פערטראָגען.

מירא. קום, מיר געהען ווייטער.

מארק. עס איז א נארישקייט, דאָך מיר איז, ווי זיי האַקען פון מיר וואָס אָב.

מירא. קום! קום! צו נייע הויכען, נייע אויסבליקען!

דו וועסט עס באַלד פאַרגעסען. און ווען דער בוים וועט ברענען, וועט עס מיך פרעהען, וואָס ער וואַרמט. (געהען אַוועק נאָך לינקס.)

פעני (שרייט זיי נאָך). דאָס בוימדעל וועט דאָ שוין צו־פוילען!

הערמאַן. מיין ווילען מוז געשעהן.

דריטער אקט

אַ פעלזיגע שלוכט, אַ גרויסע שפּאַלט צווישען בארגפעלזען. רעכטס און לינקס הויכע שטיינערנע ווענד, וועלכע טיילען זיך פערנאַנדער מיטען אין הינטערגרונד דורך אַ שמאָלען פוסוועג. די לינקע וואַנד, וועלכע ציעהט זיך פון פאָרנט נאָך הינטען אַלץ העכער און העכער, איז אָבגעטיילט דורך אַ טיעפען, ווייטען אָבגרונד; אויבען איז אַ שמאָלער פוסוועג, וועלכער פערקערט זיך ביים הינטערגרונד נאָך לינקס און ערגעץ וואו אין דער ווייטענס פערקערט ער זיך צוריק און קומט אַרויס אויף דער הינטערגרונד־וואַנד, וועלכע איז שוין פיעל העכער פאר דער לינקער; דאָרטין פערקערט ער זיך ביים מיטען און פערשווינדט נאָך אויבען. רעכטס פערשווינדט די וואַנד גאַנץ אין דער הויך. ביים פוס פון דער רעכטער וואַנד געהט פון רעכטס דער אונטערסטער וועג.

מ א ר ק (ערשיינט אויף דעם אויבערסטען פוסוועג לינקס, בלייבט שטעהן ביים פערקער און קוקט זיך אַרום). בארג און הימעל און שטראַהלענדיגע זון. דאָס טאָל איז גאַנץ פערשוואונדען, פערשלונגען פון די בערג. איך אָהן עס בלויז, ערגעץ־וואו דאָרט אונטען ליעגט עס, און לעבט און אָטעמט און קעמפּפט. דאָך ווי ווייט איז עס מיר, קוים לעבט עס נאָך אין מיין זכרון. איך בין פון די בערג פול, און פון דעם הימעל, און פון דער גרויסער שטראַהלענדיגער זון. מיר איז, ווי איך וואָלט זיי קיינמאָל נאָך נישט געזעהן, ווי איך וואָלט זיי נייע ענטדעקט. אין אַ שטראַהלען־רעגען וואשען זיך די בערג, און אייז און פעלזען, פיעלפארביג, אויגענבלענדענד און האַריץ־דערפרעהענד, אָטמען שטאַרק און דאַמפּפען, ווי די ערד אין ערסטען טאָג פון איהר בעשאַפונג, און יובלען: לעבען! לעבען! ווי ברייטעט זיך מיין ברוסט און שפּאַנט זיך אָן מיט גייסט! איך

פיהל דאָס לעבען אין זיין גאַנצער גרויס, איך פאַס עס גאַנץ אַרום, און ווי דאָס לעבען דאָרטין אונטער מיר, זעה איך אויך דאָס לעבען איבער מיר. אין אונענדליכקייט פון וועלטען, פול פון לעבען און שאפען און אייביגער בעוועגונג. איך בין זיי אזוי נאָהנט, איך שפיר זיי אויף מיין רוקען. ווי שטאָלץ דאָס מאַכט מיך, ווי רייך און ווי ערהויבען! קליין און נישטיג, ווי דאָס קלענסטע זעמדעל אונטער מיינע פיס, עפען איך אויף די ווייטסטע הימלען און דרינג מיך דורך מיט גאָט און אייביגקייט. פוןביידע זייטען ביי מיינע פיס איז טיעפער אַבגרונד, א פאַלשער שריט בלויז, אַן אונגעשיק־טע בעוועגונג, און איך ליעג באַלד אונטען צושמעטערט און פער־ניכטעט, דאָך אויך אין פאַלען וועט עס דורך מיר זינגען: איך האָב דאָס אייביגע, אומעדום זייענדיגע לעבען בעגריפען און דורכגע־לעבט. אַך, ווייטער, ווייטער געהן, צו נייערע הויכען און נייערע אויסבליקען און גרעסערער איינזאַמקייט. (פערקערט זיך נאָך לינקס און פערשווינדט צווישען די פעלזען.)

פעני (קומט אַרויף פון רעכטס, קוקט זיך אַרום, אַראָב און אַרויף, געהט צו לינקס, קוקט אַראָב און שפּרינגט אָב דערשראָקען). וואָס פאַר אַן אַבגרונד!

מירא (קומט אַרויף אין הינטערגרונד אויפ'ן אויבערסטען פוסוועג, שטופט אַראָב פון וועג עטליכע שווערע שטיינער און געהט ווייטער).

פעני (איבערראַשט). אה, מירא!

מירא. פעני!

פעני. פאָרזיכטיג, ווי דו שטעהסט דאָרט!

מירא. זעהסט דאָך, איך בין רוהיג.

פעני. מיר וואָלט דער קאָפּ געשווינדעלט. וואו איז דען מארק?

מירא. ער געהט! ער געהט!

פעני. ווי קומט עס, איהר זייט נישט צוזאַמען?

מירא. ער וויל אליין יעצט זיין. זיין נשמה וויל די וועלט

אויפנעמען און מוז די איינזאַמקייט האָבען. עפּעס זינגט אין איהם אָהן ווערטער און אָהן טענער, און אַ קליינער זייטיגער גערויש קאָן עס אפשר שטערן. געה איך פּאַראויס און רוים דעם וועג איהם אָב, און מאַך דעם וועג איהם לייכטער.

פעני. איך וואָלט מורא געהאַט אַ פוס דאָרטין צו שטעלען. ווי קאָן מען דאָרטין געהן?

מירא. עס איז מיר דער לייכטסטער וועג. מארק געהט דאָך אויף איהם, מארק האָט איהם אויסגעקליבען.

פעני. איך וואָלט איהם נישט געלאָזען און וואָלט אליין נישט געגאַנגען, ווען מען וואָלט מיך זאָגאר שלאָגען.

מירא. ליעבט מען, איז די שאַרף פון אַ מעסער אויך אַ וועג.

פעני. איז ער נאָך ווייט? זעהסט דו איהם?

מירא (נישט אומקוקענדיג זיך). ער קומט! ער קומט! — און וואו זיינען אלע? דו ביזט דאָ גאַנץ אליין?

פעני. אַך, מיר איז שרעקליך לאַנגווייליג! הערמאַן און מאַרטימער האָבען אליץ צו טאָן מיט דזשאַהנען. ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט גאַר אויסצורעדען. אויך מיר אַ שפּאַציר!

מירא. אָרמע מענשען! עס פעהלט אייך נאָר אַ ביסעל ליעבע.

פעני. דו און מארק האָבען אָבער אַ סך פון דעם אַרטיקעל — פאַר וואָס זייט איהר פון אונז ענטלאָפען? פאַר וואָס האָט איהר אונז געלאָזען גאַר אליין? העלפט אונז דאָך, זייט מיט אונז און טיילט אונז אָן מיט אייער ליעבע.

מירא. דו—ביזט—גערעכט. דאָך מארק — — (פלוצלונג שטאַרק דערפרעהט.) אַך, ער קומט! ער קומט! יעצט געה איך ווייטער! (העבט אָן צו געהן.)

פעני. פאַרזיכטיג! אַי, ווי קאָנסט דו!

מירא (אויף דעם אויבערסטען מיטעלסטען וועג). מארק קאָז עס דאָך. (פערשווינדט.)

פעני. זי איז משוגע! (קוקט נאך ליגקס פון וואנען מארק דארף קומען.) ווי האט זי איהם געהערט? איך זעה איהם דאך נאך נישט. או־הו! או־הו! מארק! — ער ענטפערט נישט. ער מוז נאך ווייט זיין. (קוקט זיך ווידער איין.) עס האט זיך איהר געווים בלויז אויסגעדוכט. דאך איךווארט איהם דא אב, אך, דא איז ער אויך! מארק!

מארק (קומט ארויף אין הינטערגרונד, גאנץ פערטראכט. בי איהר רוף קוקט ער זיך פערוואונדערט אום, בעמערקט פעני'ן און רעדט ארויס טרוקען, ווי גייסטעסאבוועזענד). דו האסט מיך גערופען.

פעני. ביזט דו גאנץ ענטוישט. איך האב צו דיר זאגאר געשריען, און דו האסט נישט געענטפערט.

מארק. איך האב דיך נישט געהערט. (געהט ווייטער.)

פעני. אזוי ביזט דו פערטאן אין זיך!

מארק. איך האב דיך נישט געהערט.

פעני. ווארט א ווייל'ע, געה נאך נישט אוועק. זיי דאך פריינדליך. איך בעט דיך, איך בעט דיך. דו ווייסט נישט, ווי איך האב מיר די אויגען אויסגעקוקט נאך דיר, ווי איך בייגק נאך דיר!

מארק (צושטרויט). האהא! (שפרייזט ווייטער און וויל פערקערען אויף דעם מיטעלסטען וועג.)

פעני (שרייט־אויף). איין מאמענט נאר!

מארק (דרעהט זיך אום און קוקט זי אן, שטעהענדיג בוים רעכטען ברעג). נו?

פעני. אך, שטעה נישט אזוי, עס ווערט מיר שוואך ביים הארצען.

מארק. וואס האסט דו מיר צו זאגען?

פעני. זעץ דיך כאטש צו, אזוי קאן איך מיט דיר נישט רעדען.

מארק (זעצט זיך אוועק, די פיס אראבגעלאזען אראב דעם פעלזען). רעד.

פעני. א דאנק דיר, וואס דו האסט דיך אוועקגעזעצט. דאך דיין קול —

מארק. וואס האסט דו מיר צו זאגען?

פעני. איך ווייס, איך האב דיך געקריינקט, אבער דאס איז געווען אוים ליעבע צו דיר, אוים אייפערזוכט צו מירא'ן. איך האב נישט געקאנט זעהן, איהר נאמען מיט דיינעם אויף דעם בוימדעל איינגעשניטען.

מארק (מאכט א בעוועגונג אויפצושטעהן).

פעני (שרייט־אויף). מארק, זיץ, זיץ!

מארק. וואס האסט דו ווייטער מיר צו זאגען?

פעני. איך ליעב דיך, מארק.

מארק. דו לאנגווייליגסט דיך נאך אלץ?

פעני. דו פעהלסט מיר אויף יעדעם שריט. איך בייגק נאך דיר.

מארק. יעצט קאן איך ווייטער געהן.

פעני. דו ביזט שטענדיג צו מיר גוט געווען. איך האב גלויבען געקאנט, דו ליעבסט מיך. קאנסט דו גאר אין דיר נישט ענטדעקען א ווארמען פלאץ פאר מיר? קוק מיר אן, ווי שיין איך בין. און אין מיין גרויסער שיינהייט ברענט א פייער צו דיר, צו דיר! ווי קאלט דו קוקסט מיך אן! דו קערסט אוועק דיין בליק פון מיר. האב איך דיך אזוי שטארק געקריינקט? קאנסט דו מיר די קריינקונג נישט פערגעבען?

מארק. איך האב דיך פערגעסען און דיין קריינקונג. איך בין געווען ווייט פון דיר און דער גאנצער חברה. איך האב גע־לעבט אין אנדערע גאר וועלטען. ווי א פייער־שומר אין זיין הויכען טורם, בין איך געגאנגען אויף מיין איינזאמען וועג און דורכ־געדרונגען מיט מיין אויג אין דאס לעבען פון די ווייטסטע וועל־טען. דו האסט מיר מיינע געדאנקען יעצט צושטערט, האסט מיין בליק מיר אבגעלענקט. געה דיין וועג, ווייב!

פעני. איך גלויב, דו האסט אונטערוועגס געטרונקען און

רעדסט שוין אויסען וועג. דו ווילסט מיך בעליידיגען און ווערסט מיר לאַנגווייליג. איך גלויב, איך גענייץ באַלד. דיינע ווייטע וועלטען ווערען מיר גאַנץ געפעהרליך. פוי! אַדיע! (לויפט אַוועק נאָך רעכטס מיט געלעכטער.)

מ א ר ק (נאָכקוקענדיג איהר). דאָס ווייב! די נקבה, פול ניעדעריגער תאוה, וועלכע האָט נישט מעהר צו געבען ווי איהר קערפּער! ווי דרעהט זי מיט איהרע זייטען, די הונגריגע תאוה, וועלכע זוכט זיך זעטיגקייט! — — וואָס קוק איך איהר נאָך, איך — מאַן? דוכט זיך מיר נישט אויס, איך האָב יעצט וואָס פערלאָרען? — אה, גרויזאַמע זינליכקייט! אָה, אייביגעס לעכצען נאָך דער פרוי! איך ווענד מיין בליק צו ווייטע וועלט־פּראָבלעמען, און אָט שטעה איך ווידער הינטער דעם פרויענקלייד אין קאַמפף מיט מיר און מיט דעם פרויענקערפּער. אַוועק! אַוועק! (וויל אויפשטעהן.)

מ י ר א (גנב'עט זיך אונטער פון הינטען און לעגט אַרויף איהרע הענד אויף זיינע אויגען).

מ א ר ק. מירא!

מ י ר א (פליסטערט). ניין.

מ א ר ק (בעטאַפּענדיג איהרע הענד). דאָך. מירא.

מ י ר א (ווי פריער). ניין. ווער איז דען מירא? די, וועלכע איז יעצט אַוועק פון דיר? אָדער די, וועלכע איז פריער דאָ אַרויפגעגאַנגען?

מ א ר ק. דו פליסטערסט, דאָך איך דערקען דיין קול.

מ י ר א. איך ווער בעליידיגט און פערשווינד צוריק. איך בין נישט מירא, דו קענסט מיך נישט.

מ א ר ק. מירא! מירא!

מ י ר א. ווי בעדויער איך, וואָס דו ביזט פון דיין מירא'ן אַזוי פול. יעצט קאָן איך — איך נישט זיין.

מ א ר ק. נעם אַראָב דיינע הענד און לאָז מיך דיך זעהן.

מ י ר א. דו זאָלסט מיך מיט דיין מירא'ן פערגלייכען? דאָס וויל איך נישט. אם ליעבסטען בינד איך דיר די אויגען צו.

מ א ר ק. דיין דופט איז ווי דער דופט פון מירא'ן. דו ביזט יעצט שפּיעלעריש אויפגעלעגט, מירא.

מ י ר א. איך בין זי נישט. דו גלויב מיר דאָך. איך בין נישט מירא. איך בין א פאַסטושקע פון די בערג. אויבען פיטערט זיך מיין ציגענסטאַדע. זייץ רוהיג נאָר. פיעלייכט הערסט דו גלייך די גלעקלעך אויף די העלזער פון מיינע אינגסטע ציגעלעך. פיעלייכט וועסט דו מיין הונד דערהערען. — שטיל איז עס. זיי רוהען אלע אין דער היץ פון טאָג. זיי רוהען, מיינע ליעבע. אָבער איך האָב דיך דערזעהן און בין אראָבגעשפּרונגען צו דיר. דו געפעלסט מיר זעהר גוט. איך האָב שוין לאנג אזא איינעם נישט געזעהן.

מ א ר ק. נעמסט דו נישט די הענד אראָב פון מיינע אויגען, נעם איך זיי אליין אראָב.

מ י ר א. ניין, ניין! איך שפּרינג ארויף צוריק און פערשווינד. וועסט מיך נישט קאָנען כאַפּען. פלינק בין איך זעהר, פלינקער פיעל פאַר די ווילדע ציעגען. דאָס וואָלטען דיר די ציעגען פון מיין סטאַדע געקאָנט דערצעהלען. הו, ווי יאָג איך מיך נאָך זיי! מיין הונד לויפט מיר נאָך און בעוואונדערט מיינע שפּרינג.

מ א ר ק. איך וויל דיך זעהן.

מ י ר א. איך וויל נישט קיין פערגלייך. דו שטעל דיר מיך נאָר פאָר. מיין וואוקס איז וועניגער ווי מיטעלמעסיג — ריכטיגער, גאַנץ קליין. איז עס אויך דיין מירא? — מיין געזיכט איז ווייס געוועזען, יעצט איז עס אָבער גאַנץ זונפערברענט, און איך זעה אויס, ווי א טאָכטער פון דעם הייסען דרום. און אויך מיין האלז און מיינע ארמס זיינען ברוין געוואָרען, דאָך וואו די זונענשטראַהלען האָבען נישט דערגרייכט, בין איך נאָך גאַנץ אַלעבאַסטער־ווייס. איך באָד מיך יעדען טאָג אין פרישען מאָרגענטוי

און אין קאַלטען רייִנעם וואַסער פון די בערגשטראָמען. נאָר זייַ-
נען מייַנע הענד נישט מעהר שיין פון פערשיעדענער ארבייט.

מארק. דייַנע פינגער זייַנען גאָר נישט גלאַט.

מירא. זייַנען עס אויך דייַן מירא׳ס פינגער? אָבער נאָך
מיאוסער זייַנען מייַנע נאַקטע פיס. זיי זייַנען גאַנץ צוקראַצט און
צושניטען.

מארק. לאָז מיך זיי אָנטאַפּען.

מירא. וואָס פאַלט דיר אייַן! דאָס האָט קיין מאַן נאָך
נישט געטאָן, ווי נאָר דער שוסטער, ווען איך האָב אויף פסח־יום־
טוב שיך מיר אָנגעטאָן.

מארק. איך וויל דייַן שוסטער זייַן.

מירא. איך האָב פאַר דיר א בעסערע פערווענדונג. דו
ביזט מיר יעצט מייַן שפּיעלצייַג. ווילסט דו מעהר נישט הערען
מייַן בעשרייבונג?

מארק. דייַנע האָר זייַנען קאַסטאַניענפאַרביג.

מירא. ניין, שוואַרץ.

מארק. דייַנע אויגען בלוי.

מירא. ניין, ברוין. דו מאָלסט דיר אַלץ דייַן מירא׳ן
זיבער.

מארק. ווי ביזט דו ניי מיר יעצט! אָה, מירא! מירא!

מירא. ווידער! יעצט פערשווינד איך אָבער.

מארק. ניין, ניין. זעהסט דאָך, איך רוק דייַנע הענד נישט
אראָב, איך עפען די אויגען מיר נישט אויף. רעד ווייטער נאָר.
רעד ווייטער.

מירא. איך בין זעהר שיין. ווען עס טרעפט מיך עמיץ
מיט אָפענע אויגען, בלייבט ער שטעהן און גלאָצט מיך אָן, ביז איך
געה פאַרביי, און דרעהט זיך אום און קוקט מיר נאָך, ביז איך
פערשווינד.

מארק. און לויפט דיר נישט נאָך, דער שוטה?

מירא. איך האָב מיין הונד מיט מיר, און ער איז גרויס און שטארק, און שארפט די ציין אויף יעדען פרעמדען.

מארק. וואו איז ער יעצט?

מירא. ער איז אויבען שטעהן געבליעבען ביין מיין סטאדע, דאָך ביי יעדען רוף איז ער שוין דאָ.

מארק. מיינסט דו, איך האָב מורא פאר א הונד?

מירא. פאר מיין הונד מוז מען שוין מורא האָבען. ער האָט שוין מיט א וואָלף געקעמפפט און מיט א בער, און האָט זיי בעזיעגט.

מארק. זאָג שוין, מיט א לייב און מיט א טיגער.

מירא. איך זאָג דעם אמת דיר. דאָך וויל איך דיך גאָר נישט שרעקען. דו ביזט מיין שפיעלצייג און וועסט דיך פערהאַל־טען, ווי איך וויל. ביזט אויך נישט עהנליך אויף אלע, וועלכע איך האָב אָנגעטראָפען, ווען איך האָב געדארפט מיין הונד האַלטען נעהנטער ביי מיר.

מארק. פון וואנען ווייסט דו דאָס?

מירא. דיין געזיכט האָט עס מיר געזאָגט. איך האָב דיך לאנג בעקוקט, מוזט דו וויסען. דעם גאנצען שמאָלען וועג ארויף.

מארק. פאר וואָס זאָל איך נישט קענען דיך?!

מירא. דו וועסט מאכען א פערגלייך, און איך האָב מורא, דיין מירא זאָל מיך נישט בעזיעגען אין דיינע אויגען. וויפיעל מאָל זאָל איך עס דיר נאָך זאָגען?

מארק. איך בעט דיך, לאָז מיך דיך זעהן.

מירא. איך בין יונג און שיין, זעהר יונג און זעהר שיין. פיעלייכט איינגער און שענער פאר דיין מירא'ן. דאָך וועל איך מיך דיר נישט בעוויזען. דיינע אויגען דארפען מיך נישט זעהן, נאָר דיין פאנטאזיע זאָל מיך דיר אויסמאָלען.

מארק. מירא, מירא, עס איז א געפעהרליך שפיעל, איך קאָן מיך נאָך פערליעבען אין דיין פאסטושקע.

מירא. אלץ מירא און מירא! איך קאָן באלד וויינען.

פאַר וואָס איז איהר שטימע אַזוי ווי מיינע? פאַר וואָס דופּט איך אַזוי ווי זי? אַך, דו ביזט פון איהר צו פול. איך געה אַוועק און וועל שטענדיג, שטענדיג טרויעריג זיין.

מארק. פּאַסטושקע אָדער מירא, גיב מיר יעצט אַ קוס!

מירא. אַזוי האָט נאָך קיין פרוי אַ מאַן אַ קוס געגעבען. זאָל מירא קומען און דיך קוסען.

מארק (אַרומנעמענדיג זי אויף הינטען מיט די הענד). פּאַסטושקע! פּאַסטושקע! פּאַסטושקע!

מירא. ענדליך! ענדליך!

מארק. דיין קוס! דיין קוס!

מירא. פאַר וואָס ווילסט דו דען מיין קוס?

מארק. האהא, דו פרעגט נישט פיעל. איך וויל דיין קוס. עטוואָס איז מיר דורכגעלאָפען, האָט מיך דורכגעצוקט. איך וויל דיין קוס. (אַראָבציהענדיג איהר קאָפּ.) דיין קוס! דיין קוס! דיין קוס!

מירא. דו ביינקסט נאָך איהם. אַ דיכטער דאַרף די ביינקענים. אַזוי שטעהט עס אין די דיכטער-ביכער.

מארק. פון וואַנען ווייסט דו, איך בין אַ דיכטער.

מירא. איך האָב עס מיר געזאָגט. דיינע אויגען האָבען עס מיר אויפגעדעקט, און ווייל דו ביזט אַליין געגאַנגען.

מארק. פון וואַנען ווייסט דו, אַ דיכטער געהט אַליין?

מירא. איך ווייס עס פון די ביכער און פון קלוגע מענשען. אַ דיכטער מיינט, ער דאַרף די מענשען נישט. אַ דיכטער מיינט, ער ליעבט און דאַרף בלויז די נאַטור און שיידט פון איהר די מענשען אויס. אַ דיכטער ליעבט גאָר קיינעם נישט. ער ליעבט בלויז זיך און זיינע געדאַנקען, און געהט דערפאַר אַליין.

מארק (שרייט־אויף). מירא! (וויל אַראָבנעמען איהרע הענד.)

מירא (נישט לאָזענדיג). שוין ווידער מירא! איך בין זי נישט. פאַר וואָס פרעגסט דו מיך נישט, ווי איך הייס?

מ אַ ר ק (רייסענדיג איהרע הענד פון זיינע אויגען). דאָס געהט נישט מעהר!

מ י ר א (ראַנגלענדיג זיך מיט איהם, פליסטערנדיג). איך היים... איך היים...: „די ביינקענים נאָך דער אונבעקאַנטער פרוי"!

מ אַ ר ק (אַראָברייסענדיג איהרע הענד). דאָס איז שוין מעהר קיין שפּיעל!

מ י ר א (לאַכט הארציג, פּאַטשענדיג אין די הענד).

מ אַ ר ק. דאָס זעהט באַלד אויס ווי א פּאַסטקע, מיך צו פאַנגען!

מ י ר א. דו זעהסט, איך בין נישט טרויעריג, בין אויף דער פּאַסטושקע גאָר נישט אייפערזיכטיג. איך האָב מיר געוויסהייט בלויז געוואונען: וויל איך דיין ליעבע האָבען, מוז איך דיר אי־מער ניי זיין, מוז איך דיר אייביג בלייבען אַן אונבעקאַנטע פרוי. (לאַכט גליקליך.) ווי האָסט דו צוגעיובעלט דיין נייער מיראַ'ן! ווי האָט אין מיר מיין הארץ געטאַנצט! גאָט, זיי נישט אזוי אָנ־געדרוקט און ערנסט!

מ אַ ר ק. און דאָס אנדערע, דיינע ווערטער וועגען דיכטער — האָסט דו נישט אין מיר געציעלט? ביזט דו נישט בעליידיגט, וואָס איך בין א שטיקעל וועג אליין געגאַנגען?

מ י ר א. ניין, איך בין געוועזען איבערגליקליך, וואָס דו גע־ניסט אזוי די איינזאַמקייט דיר צום נוצען און גייסטיגען געווין, און האָב די שטיינער אָבגערוימט פון וועג, דו זאָלסט עס לייכטער האָבען אין דיין גאַנג. דאָך —

מ אַ ר ק. דאָך —

מ י ר א. איך בין דערמאָנט געוואָרען אָן אונזערע חברים. מארק, דער גאַנצער וועג איז זיי פאַרגאָלט דורך רייסערייען. און טראַכט איך נאָך פון דזשאָהן און מערי'ן — — מארק, זיי מוזען געהאָלפען ווערען, זיי דאַרפען ליעבע האָבען. ווער זאָל זי זיי ברייננגען, אויב נישט דו?

מארק. איך?! איך בין גאנץ ווייט פון זיי! וואס גע־העט זיי מיך אן? טאג־מענשען, ברואים, וועלכע לעבען מיט אל־טעגליכקייט. זיי קאנען בלויז ארבאַבציעהען צו זייערע רייסערייען. איך קאן מיט זיי נישט אטמען אין איין לופט.

מירא. איך רעד פון ליעבע, מארק. זי בערייכערט און דערהעבט. דו קאנסט נישט אראבגעצויגען ווערען, ווען דו קומסט צו זיי מיט א ליעבענדיגען הארץ.

מארק. איך האב עס נישט פאר זיי. איך בין זיי פרעמד געווארען. די פעלזען דא זיינען מיר נעהנטער א סך.

מירא. דו ביזט דיכטער, דו העבסט דיך אויף און לעבסט דיך אריין אין די פרעמדסטע וועלטען, העב־אויף דיך אויך צו ליעבע.

מארק. אויפהעבען זיך צו ליעבע! ווער זאגט, איך מוז גאר ליעבען! דאס איז פיליסטעריי!

מירא. מיין דיכטער, העב דיך צו דער קראפט אויף, וועל־כע ליעגט און שאפט אין ליעבע. זיי א שטורם, וועלכער עפענט אויף דעם שוים פון דער ערד מיט דונערן און בליצען און ברייננגט איהר די הערליכסטע בעפרוכטונג. זיי די זון, וועלכע זייהט מיט איהרע ברענענדיגע שטראלען קראפט און לעבען.

מארק. ניין, איך האב זיי נישט וואס צו ברייננגען, וואס צו זאגען!

מירא. אה, דו וועסט דיך שוין געפינען. בעדענק, באלד העבט זיך אן דער שווערסטער טייל פון וועג, מיר זיינען שוין נישט ווייט פון דעם גלעטשער — וואס פאר א גליק וועט עס זיין פאר אונז אלעמען, דעם שווערען וועג האנד אין האנד צו געהן, אייניג, העלפענד, ליעבענד. קום, א ביסעל ווייטער אויבען טיילט אב א וועג זיך, וועלכער פיהרט צו דיעזען וועג דא אונטען. מיר וועלען איהם בעטרעטען און געהן צו זיי ענטגעגען.

מארק. דו ווילסט מיין אונטערגאנג.

מ י ר א. איך וויל דיין אויפשטראלען, איך וויל דיין אויפ־שטייגען צו העכסטער מאכט.

מ א ר ק. דו האסט מיך פון אלע הימלען אראבגעריסען.

מ י ר א. איך וויל אין העכערע דיך פערזעצען.

מ א ר ק (מיט פערצוקונג). ליעבען! א געזעלשאפטס־רעטער ווערען!

מ י ר א (מיט עקסטאזע). ליעבען! א געזעלשאפטס־רעטער זיין! קום, דו וועסט דער גרעסטער דיכטער ווערען!

מ א ר ק (זיפצט־אויף). געה, איך געה דיר נאך.

מ י ר ט. ניין, דו מוזט דער פיהרער זיין! (קוקט איהם אן מיט בעגייסטערטע אויגען, בעפעהלעריש אויסשטרעקענדיג די האנד צום וועג.)

מ א ר ק (קוקט זי אן א ווײלע, א שמייכעל צולעגט זיך אויף זיינע ליפען). פאסטושקע!

מ י ר א (לעגט איהר ארם ארום איהם מיט גליקליכען לאכען און העבט אן מיט איהם צו געהן). דארט אונטען בלאנדזשעט אום מיין סטאדע.

מ א ר ק. ווי ביזט דו אויף דאס פאסטושקע־שפיעל גע־קומען?

מ י ר א. דו זעהסט, איך האב דערפון דאך פיעל געוואונען.

מ א ר ק. מאך איך די אויגען צו, איז מיר, ווי איך וואלט ווירקליך א פאסטושקע געהאלטען אין מיינע ארמס און פון איהר א קוס געפאדערט. דו, זיי אייפערזיכטיג, א נייע געליעבטע האט אין הארץ ביי מיר זיך איינגענעסטעט.

מ י ר א. האהא, אט בין איך מירא דיר, אט בין איך דיר פאסטושקע! יוכהו, דו ליעבסט מיך דאפעלט! (לויפען ארויף. א ווײלע איז די געגענד לעדיג. באלד קומען ארויף דזשאהן און מערי פון רעכטס, גאנץ שטויב בעדעקט, מידע, אבגעמאטערטע, געעלטערטע, אנ־געלאדען מיט פעקלעך. דזשאהן טראגט נאך אויף זיך א גרויס בינדעל האלץ.)

דזשאהן (ווארפט זיך אויף דער ערד). איך טראג נישט מעהר. איך געה נישט ווייטער. איך סטרייק.

מערי. דו סטרייקסט?

דזשאהן (בייז). איך סטרייק! איך סטרייק!

מערי. דו ווילסט דיך ווידער אנהעבען מיט הערמאנען?

דזשאהן. און וועל אויך מיט איהם ענדיגען.

מערי. וואס ווילסט דו טאן? דיך און מיך רואינירען? ער טרייבט דיך פון דער פאבריק ארויס, און איך וועל אויך מיין ארט פערליערען.

דזשאהן. זאל זיין! איך טו נישט מעהר.

מערי. זאל זיין, זאגסט דו? זאל זיין? ארט דיך נישט פאר מיר?

דזשאהן. און דיך ארט דען פאר מיר?

מערי. איך העלף דיר מיט דאך, ווי איך קאן. איך העלף דיר דאכט זיך איבער מיינע כחות.

דזשאהן. ניין, איך מיין נישט דאס. דער מענש אין מיר ווערט גאנץ פערניכטעט און בעליידיגט, דער מענש אין מיר שרייט און רעוואלטירט, דאך דאס פערשטעהסט דו נישט, דאס ארט דיך נישט, דו האסט בלויז מורא פאר דאס שטיקעל ברויט.

מערי. ליידט אין מיר דער מענש נישט? און דאך —

דזשאהן. דער מענש אין דיר מוז גאנץ — קליין זיין.

מערי. ווי רעדסט דו דאס צו מיר?!

דזשאהן. איך קאן דיך זידלען יעצט און שילטען!

מערי. דזשאהן!

דזשאהן. דאס האבען מיר פון אונזער זיין אין איינעם! וואס איז געווארען פון אונזער שיינעם טאג! דו ביזט מיר יעצט געווארען א שווערע משא. ווען נישט דו, וואלט איך אנדערש גאר געהאנדעלט מיט דער גאנצער חברה. איך וואלט מיך נישט גע-לאזען אזוי טרעטען.

מערי (וויינט). איך בין אַ שווערע משאַ שוין! איך בין אַ שווערע משאַ!

דזשאהן. בעגרייף: נאָך מעהר ווי דו, וויל איך, דו זאָלסט נישט הונגערן. עס איז געווען מיין טרוים און איז, דו זאָלסט קיין נויט נישט ליידען, זאָלסט פון דאגות און פון דתקות קיינמאָל נישט וויסען. איך בין בערייט צו טאָן די שווערסטע ארבייט און די שלעכטסטע. דאָך דעם מענש אין מיר לאָז איך מיר נישט צוטרעטען, און דאָס האָסט דו אויך געדאַרפט וועלען און מיר אין דעם העלפען.

מערי. מען מוז אַרונטער, ווען מען קאָן נישט אַריבער. וואָס איז דער גאַנצער מענש, ווען ער פערהונגערט?

דזשאהן. פוי איבער דיין פילאָזאָפיע! איך קאָן מיט דיר נישט מעהר רעדען.

מערי. דאָס ליעבסט דו מיך אַזוי?

דזשאהן. דערמאָן מיך יעצט נישט פון אונזער ליעבע. איך קאָן מיר דעם קאָפּ צושמעטערן.

מערי (פאַלט אויהם אויף דער ברוסט). דזשאהן! דזשאהן!

דזשאהן. „דזשאהן! דזשאהן!" וויינען קאָנסט דו! הער דאָך אויף מיט דיינע טרערען.

מערי. זיי דאָך גוט צו מיר.

דזשאהן. איך טו נישט מעהר, איך סטרייק. — דאָ קו־מען זיי, די טרפה'נע פרצופים!

מערי (זעצט זיך שנעל אויף און טריקענט זיך די טרערען. — הערמאַן און פעני, אַ ביסעל הינטער זיי מאַרטימער און אַננאַ קומען אַרויף פון רעכטס).

הערמאַן. איך וויל און קאָן נישט אַנדערש. אם בעסטען רעד איך גאָר נישט. אָן מיינע אויגען זאָל מען מיר אַרויסזעהן, צו בין איך בייז צו פריינדליך אויפגעלעגט.

פעני (צולאַכט זיך נערוועז).

אננא (אָנצייגענדיג אויף דזשאהנען). זעה, ער זיצט שוין ווידער.

מארטימער (היציג). וואָס זיצסט דו ווידער שוין ?!

דזשאהן (קוקט איהם פעסט אָן).

מערי (דערשראָקען פון הערמאַנ'ס בליקען). מיר ווילען אונז א ביסעל נאָר פעררוהען, דערנאָך ווילען מיר ווייטער געהן.

דזשאהן. ניין.

מארטימער. וואָס הייסט ניין ? ! וואָס טייטש, ניין ? !

אננא (אָנבאַפעלנדיג איהם פאר דער האַנד). דו היצסט דיך ווידער שוין.

מארטימער. דו גרויסער נאַר, ווי הייסט, איך היץ מיך ווידער שוין ? עס איז פון איהם דאָך צו צופּלאַצען !

דזשאהן. טו עס.

מארטימער (אויפגערעגט, זוכט ווערטער).

הערמאן (געלאַסען). וואָס מיינסט דו מיט דיין „ניין" ?

דזשאהן. ניין איז ניין. פערשטעהסט נישט, וואָס „ניין" הייסט ? איך געה נישט ווייטער, איך טראָג נישט מעהר אלע דיינע פעקלעך. איך סטרייק.

הערמאן. דו לאַכסט.

מארטימער. דו וועסט ביי אונז אויף אַלע פיער קריכען !

דזשאהן. מיט דיר רעד איך איבערהויפּט נישט.

מארטימער. איך פיהל ווירקליך, ווי צו געבען איהם מיט מיין שטעקען.

דזשאהן. וואָס ?

מארטימער (טרעט אָב הינטער אַננאַ'ן).

אננא. העב דיך בעסער נישט אָן מיט איהם.

הערמאן. נא, מיר געהען גלייך, אז נישט ווילען מיר קיינמאָל נישט קומען צו אונזער ציעל. שטעה־אויף און קום. מאך דיך נישט נאריש.

דזשאהן. איך געה נישט ווייטער.

הערמאַן. ווילסט דוקא דיך ארומרייסען מיט מיר?

דזשאהן. איך בין א פרייער מענש צוגעשטאנען צו אייער חברה, א גלייכער צווישען גלייכע, א חבר פון די קינדסהייטס־ און די חדר־יאָהרען. און אזוי אויך זי. און וואָס זיינען מיר ביי אייך געוואָרען? עזלען בלויז די משאות אייך צו טראָגען, הענד בלויז די ארבייט אייך צו טאָן. דער שיינער טאָג איז מיר און איהר געמיין פערדאָרבען געוואָרען. מיר זיינען צו מיד א ליעבליכען בליק זיך צו צוואווארפען, און אזוי געריייצט, אז מיר קאָנען זיך שוין קריעגען.

מערי (צואווייינט זיך).

דזשאהן. אָט דאָס, איהר זעהט, נאָר וויינען, וויינען טוט זי. האָט באלד פערגעסען, ווי צו לאכען, ווי צו שמייכלען. ניין, ערגער קאָן נישט ווערען מעהר. איך סטרייק. געהט אליין דעם וועג. איך שטעה פון חברה אָב.

מארטימער. מיר ברויכען געוואלט. מיר צווינגען דיך!

דזשאהן. דו צווינגסט מיך? איך וויל עס זעהן.
(שפרינגט־אויף, כאפט דעם שטעקען, ווארפט דעם שטעקען און נעמט די האַק.)

מערי (אויפשפרינגענדיג). דזשאהן! דזשאהן!

אננא. מארטימער, טרעט אָב!

מארטימער (אָבטרעטענדיג). איך האָב פאר איהם קיין מורא נישט!

הערמאַן (רוהיג ארויסנעמענדיג אַ רעוואָלווער פון הינטערקעשענע). דאָ, האסט דו, מארטימער, א רעוואָלווער. איך האָב א צווייטען. (נעמט ארויס א צווייטען.)

מארטימער (נעמענדיג דעם רעוואָלווער). הא, יעצט וועל איך מיט איהם לערנען בלק! (מאכט אַ שריט פאָראויס און צוריק, מיט דעם אָנגעשטעלטען רעוואָלווער.) דו נעמסט די פעקלעך! געהסט ארויף!

דזשאהן. איך טו עס נישט. איך סטרייק.

מאַרטימער. דו בונטעוועסט דיך געגען דיין ברויטגע־בער — איך קאָן דיך דערשיעסען ווי א הונד!

דזשאהן. איהר צווינגט מיך נישט! איך סטרייק.

מאַרטימער (מאַכט בעוועגונגען, ווי ער ציעלט זיך).

מערי (אין גרויסען שרעק). אָי, אָי, שיעסען זיי, ווארף איך מיך אונטער די קוילען.

דזשאהן. זיינען מיר ביידע טויט.

מערי. ווילסט דו ביידענס טויט? ווילסט דו, איך זאָל שטארבען?

מאַרטימער (שיעסט אוים אין דער לופט).

מערי (שרייט אויף און פאַלט). אי!... אָי!... עס איז מיין טויט! עס איז מיין טויט! גזלנים! מערדער!

דזשאהן (וויל אַ ווארף טאָן די האַק אויף מאַרטימער'ן).

אננא (שפּרינגט אַריין צווישען). אוי, זעה! זעה!

פעני (הינטען אויפ'ן וועג). דאָס פּובליקום פערגרעסערט זיך. מארק און מירא קומען.

הערמאַן (לעגט אַריין זיין רעוואָלווער אין קעשענע, טרעט אָב עטליכע טריט פון די קעמפּפענדיגע, פערדרייכערט אַ פּאַפּיראָס און קוקט רוהיג אויף דזשאהן און מארטימער).

פעני (רופט צו די אָנקומענדיגע). שנעלער, שנעלער! עס איז דער אינטערעסאַנטסטער מאָמענט, עס איז דער קלימאַקס. נאָר ששש! רעדט נאָר נישט אריין אין מיטען שפּיעל.

מירא (כמעט אַראָבלויפענדיג). מיר קומען נישט אהער בלויז אלס צוזעהער.

פעני. גאָר אלס מיטקעמפּפער!? בראַוואָ! דאָס שפּיעל וועט ווערען אינטערעסאַנטער.

מארק (בלייבט שטעהן אויבען, בעקוקענדיג די קעמפּפענדיגע). מלחמה אין פולען גאַנג.

מירא (צולויפענדיג צו דזשאהן און מארטימער). ווי ווילדע

חיות, אהן מענשליך געפיהל אין הארצען! לאזט אראב די וואַ־
פען שנעל! דעם רעוואלווער דו, און דו די האק!

מארטימער. זאל ער די האק אראבלאזען צוערסט!

דזשאהן (שפייט אויס מיט פעראכטונג, לאזט אראב די הענד, ווארפט צו די האק צום געפעק און קערט זיך אוועק).

מארטימער. און יעצט זאל ער די פעקלעך נעמען און געהן מיט זיי ארויף!

מירא. מיר וועלען אלע געהן ארויף אין איינעם און אלע טראגען פעקלעך.

מארטימער. וואס? פעקלעך? אפשר איך? אפשר הערמאן?

מירא. אלע.

מארטימער. פיעלייכט נאך אויך דאס האלץ? האהא, מיך קריגסט דו נישט צום טראגען. קאנסט עס גאנץ אליין.

מירא. דאס וועל איך. (איילט צום געפעק.) א יעדער זאל א פעקעל נעמען, אדער איך נעם אויף מיר די גאנצע משא.

פעני. הערקולעס אין יובקע!

מארטימער. פון מיינעטוועגען! איך קאן נאך עפעס צולעגען.

אננא. זי וועט דאס האלץ אליין קוים פון ארט דאך ריה־רען.

מירא. איך וועל מיר שוין אן עצה געבען. (הערבט אן אראבצונעמען דעם גרויסען שטריק, מיט וועלכען דאס האלץ איז אי־בערגעבונדען.)

מארק (פערלאזט זיין פלאץ און געהט אראב רעכטס איבער'ן וועג און בלייבט שטעהן ביים פארנסטען פעלזען, נישט אבוועגדענדיג די אויגען פון מירא'ן).

דזשאהן (צו מירא'ן). לאז גוט זיין. איך נעם ווייטער דאס געפעק.

מירא. ניין, א יעדערער א פעקעל אדער איך טראג אלץ אליין.

דזשאהן. דו וועסט עס נישט קאנען.

מערי. אך, דו רעדסט דיך איין! לאז אונז דאך עטוואס טראגען.

מירא. ניין, האב איך געזאגט. אלע אדער איך אליין. (בעפרייט דעם שטריק און צוהאקט איהם מיט דער האק אויף צוויי גלייבע טיילען.) פון איין שטריק מאך איך צוויי, און איין גרויס בינדעל האלץ ווערט קליינע פיער. — — יעצט בינד איך זיי אין די שטריק־עקען איין, צו צוויי אין יעדעם שטריק. — — און אט שטעל איך מיך אריין אין מיטען, לאז מיך אויף די קני אראב, העב אויף איין שטריק אויף איין אקסעל, — יעצט דעם צווייטען אויף די צווייטע אקסעל — — דאס איז גוט געגאנגען. יעצט קומען די אנדערע פעקלעך — זיי זיינען פארטיג איבערגעבונדען צו צוויי און צוויי. גוט. אויף איין אקסעל — — און אויף די צווייטע. אזוי. — — יעצט קומט דאס שווערסטע. יעצט מוז איך מיך אויפהעבען. (פעני, מארטימער און אננא צולאכען זיך.)

מארטימער. א גו! א גו! א העב! א העב!

פעני. או־ו־ו, דו גבור'טע!

מירא. איהר לאכט נאר נישט צו פריה. איך וועל מיך אויפהעבען און וועל עס טראגען. און קאן איך עס נישט, בלייב איך שטעהן אויף מיינע קני און ריהר מיך נישט פון ארט, ביז די פעקלעך זיינען ריכטיג איינגעטיילט. דאך — דאך — (ציעהענדיג זיך אויף איהר שטעקען, וועלכען זי האט אריינגעשטעקט אין דער ערד, העבט זי זיך ענדליך אויף.) אהא! אויפגעשטאנען!

דזשאהן (אונטערבאפעלנדיג זי). גיב מיר דאס געפעק.

מירא (אומוועגדענדיג זיך צום פוסוועג נאך אויבען). קומט, מיר געהען!

דזשאהן. גיב מיר דאך א טייל.

מערי. אויך מיר גיב וואס צו טראגען.

מ י ר א. איהר קריגט׳ס, ווען די אנדערע וועלען זיך מעל־דען. (העבט אָן לאַנגזאַם צו געהן.)

ה ע ר מ א ן (אייליג פלוצלונג צו איהר צו). ווערסט מיר ער־לויבען? עס ליעגט אין מיר אן אלטער ריטער בעגראָבען. דאמענ־עהרע איז דאָס העכסטע מיר געזעץ. (נעמט אראָב פון איהר רעכטער אַקסעל צוויי פעקלעך און לעגט זיי אַרויף אויף זיך.)

מ י ר א. איז דאָס אַליין, וואָס בעוועגט דיך?

ה ע ר מ א ן. איך ווייס, א ביסעל, דוכט זיך, פיהל איך מיך בעשעמט.

מ י ר א. דאָס איז א גוטער אָנהעב צו עטוואָס בעסערס.

ד ז ש א ה ן. יעצט קאָן איך מיר מיין טייל דאָך נעמען.

מ י ר א. נאָר נעם דיר נישט צופיעל. נעם דאָס האַלץ אראָב פון מיין לינקער אקסעל.

ד ז ש א ה ן (נעמט עס אַראָב און לעגט אויף זיך אַרויף).

ה ע ר מ א ן (נעמט אראָב דאָס האָלץ פון איהר רעכטער אַקסעל).

מ י ר א. דאָס ווילסט דו אויך נאָך?

ה ע ר מ א ן. מאַרטימער, דאָס איז פאַר דיר.

מ א ר ט י מ ע ר. ווי? וואָס? איך ריהר מיך נישט פון אָרט. (פערליערט זיך, ווערט נערוועז אונטער הערמאַנ׳ס שטרייגנען, בעפעהלענדען בליק.) פאַר וואָס זאָל איך גאָר טראָגען, ווען דזשאהן וויל אליין דאָס גאַנצענע געפעק? און אָט איז מארק — זאָל מארק עס איבערנעמען.

מ י ר א. דו נעם נאָר בלויז דיין טייל.

מ א ר ט י מ ע ר. מיין טייל! מיין טייל איז גאָרנישט. גאָר־נישט קאָן איך טראָגען. איך שוויץ שוין, ווען איך זעה אנדערע מיט געפעק. (ווערט אַלץ נערוועזער אונטער הערמאַנ׳ס בליק.) האָלץ! האָלץ זאָל איך גאָר טראָגען! אַ האָלצטרעגער זאָל איך גאָר ווע־רען! איך וועל עס גאָר אויפהעבען נישט קאָנען! איך וועל פאַ־לען אונטער דעם! (צו אַננאַ׳ן.) קום העלף דאָך מיר! וואָס שטעהסט דו?!

אננא. שריי דאָך נישט! איך העלף דיר שוין. (העלפט איהם אַרויפלעגען אויף זיך די בינדלעך האָלץ.)

מארטימער. מאָגסט נעמען אויך אויף זיך א בינדעל! צו וואָס האָט מען געדאַרפט אַזויפיעל האָלץ? מען קאָן די העלפט דאָ רוהיג לאָזען... וואָס דזשאהן טראָגט, וועט אונז זיין גענוג.

הערמאן. יעצט געהען מיר. (דזשאהן און מערי העבען אָן צו געהן.)

פעני. דאָס איז געווען א ביסעלע צושטרויאונג. יעצט העבט זיך אָן די לאַנגוויל. אָך, אַם בעסטען געה איך גאָר צוריק.

הערמאן. מיר זיינען באַלד ביים ציעל. יעצט גיט נישט קיין צוריק. קום, גיב דיין האַנד מיר. (נעמט זי פאַר דער האַנד און געהט.) פון וואָס, ווילסט דו, זאָל איך מיט דיר רעדען? באַלד קומט דער אייזוועג, מיר וועלען אונז אַרומבינדען מיט א שטריק און געהן פאַמעלעך טריט ביי טריט. איך וועל דיך אַמוזירען, אונטערהאַלטען: ליעבע־זאַכען, קינדער־מעשות...

פעני. און געלד, געלד, געלד! (געהען.)

מארטימער. אָי, עס ברעכט מיין פּלייצע מיר! איך וועל מיך נישט דערשלעפּען! (שלעפּט זיך, קוים שטעלענדיג די פיס.)

אננא. דו מאַך נאָר נישט קיין אָנשטעל!

מארטימער (שרייט־אויף). און אָנשטעל! (העכער.) און אָנשטעל! (העבט־אָן צו לויפען, פול כעס.)

אננא. זעהסט דו! זעהסט דו! איך קאָן איהם קוים דעריאָגען. (איילט איהם נאָך.)

מארק (געהט־צו פון הינטען צו מירא'ן און נעמט זי אָן פאַר דער האַנד). מירא! (פאַלט־צו צו דער האַנד מיט אַ לאַנגען קוש.)

מירא (ווענדט זיך אום צו איהם). מארק, דו האָסט גע־שוויגען. געשטאַנען, צוגעקוקט, געשוויגען.

מארק (אָבריוסענדיג ענדליך זיינע ליפּען פון איהר האַנד). און דיך אָנגעקוקט און דיך ערלעבט. (נעמט אַראָב פון איהר די לעצטע צוויי פּעקלעך.) ווי ביזט דו הויך געוואַקסען, ווי ביזט דו

הויך געשטיגען, און דאָס איז געוועזען ליעבע דאָך, וואָס האָט דיך אזוי הויך אויפגעהויבען. יעצט קאָן איך דיין מענשענליעבע דיכטען.

מירא. קאָנסט דו עס?

מארק. יאָ, איך קאָן מיך אין דיין מענשענליעבע שוין פערטיעפען. זי שטעהט פאר מיר אין דיין געשטאלט, געפּעק בעלאָדען, און שטארק און שטארקער קלאַפּט מיין דיכטער־הארץ. עס בויען פערזען זיך אין מיר אין שטאָלענע ריטמען, באלד קאָן איך זינגען, זינגען!

מירא. און אויך טאָן? און אויך נאָך דיין זינגען לעבען?!

מארק. טיילוויז, גלויב איך. די מענשען העלפען, אָבער דאָך אליין און איינזאם בלייבען. אליין זיין, דאָס איז מיין אייגענער סטער בעגעהר. אליין — דאן בין איך, דער דיכטער, דאָך אם שטארקסטען. דאָס האָב איך אויף די איינזאמע בארגהויכען היינט ארויסגעפונען. אליין — און מיט דיר! מיט דיר! קום, מיר וועלען געהן נאָך זיי, מיט זיי, מיר וועלען אלע געהן אין איינעם, דאָך אין דער נשמה ווייטער, ווייטער שטרעבען. (הענגט אויף זיך אַרויף די פעקלעך.)

מירא. איז דאָס נישט אַ ריס אין דיין נשמה?

מארק. אַ ניין, מיין נשמה האָט זיך בלויז דערווייטערט. קום, איך קאָן יעצט זאָגאר פיהרער ווערען!

מירא (אין עקסטאזע). אההה! דאָס האָסט דו גוט געזאָגט!

פערטער אַקט.

אַ שניי־ און אייז־בעדעקטע געגענד. רעכטס און לינקס צום הינטער־גרונד מעהר ריעזיגע פעלזען, ערטערווייז בעדעקט מיט שניי און אייז, ערטערהווייז גאַנץ נאַקעט און פערשיעדענפאַרביג: רויטליך, גריניליך, גרוי; דער רעכטער פעלזען ציעהט זיך ביז גאַנץ נאָך פאָרנט, דער לינקער ציעהט זיך נאָר ביז צום מיטען און קוקט נאָך פאָרנט מיט אַ טייל־ווייז אייזבעדעקטער טיילווייז רויטליכער פלעק. דערהינטערגרונד איז גאַנץ פערדעקט מיט נעפעל. דער גאַנצער פראָנט איז א משפע'דיגער אייז־ים, וועלכער פליעסט נאָך לינקס און אין וועלכען פערשיעדענע שטיינער העבען זיך אויף ווי כוואליעס. — עס איז זונאונטערגאנג, און אייז און פעלז און נעפעל שפיגלען זיך אָב רויזענרויט.

מ א ר ק (אַרומגעוויקעלט עטליכע מאָל מיט אַ גרויסען שטריק איבער דער לינקער אַקסעל און אונטער דעם רעכטען אָרם, מיט דער לינקער האַנד אָנשפּאַרענדיג זיך אָן זיין שטעקען, מיט דער רעכטער האַקענדיג אין אייז, בעווייזט זיך לינקס אונטען). האלט אייך! האלט אייך! נאָך א טריט און נאָך א שפּרייז, מיר געהען לאַנגזאַם, דאָך פאָראויס. דאָס גלאַטע אייז גיט זיך שנעל דער שאַרפער האַק, און אין גליטש דאָ ווערען טרעפּלעך. וואו געפעהרליך איז געוועזען, פאַסט דער פוס א זיכערען אָנהאַלט. קוקט נאָר קיינער נישט אַרונטער, שטעלט רוהיג שטאָק און פוס און שפּרייזט נאָר פאָר־ווערטס.

מ י ר א (ווערט קענטיג הינטער איהם). מוזט שוין מיד זיין, מארק.

מ א ר ק. דו הערסט, איך האַק, און האַק גאַנץ מונטער. עס איז די ארבייט מיר א פרייד. מערקסט דו נישט, איך האַק אין טאַקט? איך דיכטע דאָך און מאַך מיר פערזען. עטוואָס זינגט

אין מיר אַהן אויפהער, אַ יובעל־ליעד, אַ זיעגעסמאַרש. הייס מיין בלוט און שטאָל די מוסקלען. איך — — (בלייבט שטעהן און קוקט זיך אַרום. ער איז יעצט אין מיטען פּלאַץ.)

הערמאַן (ווערט קענטיג הינטער מיראַ'ן). וואָס ביזט דו שטעהן געבליעבען, מאַרק? פאַר וואָס האַקסט דו ווייטער נישט?

מאַרק. איך זעה דעם וועג נישט ווייטער. הויכער פעלז און דיקער נעפּעל — איך גלויב, מיר וועלען מוזען דעם נעפּעל איבערוואַרטען, ביז מיר געהען ווייטער צום האָטעל. (איינע נאָך די אַנדערע העבען זיי אָן צוצוקומען צו מאַרק'ען. נאָך הערמאַנ'ען — פעני, נאָך פעני'ן — דזשאָהן און מערי. אַלע זיינען זיי אַרומגעבונדען אַרום דער טאַליע מיט מאַרק'ס שטריק.)

אַננאַ (וועלכע קומט נאָך מערי'ן). אָי, שרעקליך, קוק איך נאָר אַראָב, ווערט מיר גלייך נישט גוט.

מאַרטימער (הינטער איהר). ווער הייסט דיר אַראָבקוקען? קוק דאָך נישט אַרונטער... זעהסט, איבער דיר האָב איך אויך אַראָבגעקוקט — — האַלט מיך! איך גליטש מיך אַראָב! דער אָבגרונד אונטען וויל מיך באַלד פערשלינגען!

דזשאָהן, מערי און אַננאַ (ציעהען דעם שטריק און שלעפּען מאַרטימער'ן אַרויף).

מאַרטימער. פאַר וואָס געה איך דער לעצטער?! איך פּראָטעסטיר!

אַננאַ. ווילסט דו אפשר געהן פאָראויס? ווילסט דו זיין דער ערסטער?

מאַרטימער. איך וויל דער ערסטער נישט, איך וויל נישט זיין דער לעצטער. איך לייד פון קאָפּשווינדעל, איך קאָן מיך אויסגליטשען, און מיין פּעקעל אויפ'ן רוקען וועט מיך גאַנץ בעשטימט אַראָבציעהען אין אָבגרונד.

מירא. זיי רוהיג דאָך און שטיל. זעה, וואָס פאַר אַ הערליכער זונאונטערגאַנג. קוק דאָך און געניס. ער איז ווערט די גאַנצע מיה פון וועג.

מארטימער. איך פיהל די זון אין רוקען!

מירא. טיק דרעה דיך אום און קוק.

מארטימער. א דאנק דיר פאר דער עצה! איך האב גענוג פון קוקען א הינטער מיר. עס שווינדעלט מיר אזוי שוין גוט אין קאפ.

אננא. דו ארמער! האסט מסתמא פון דיין פלעשעל...

מארטימער. וואס?! ווי האב איך גאר געקאנט! איך וועל מיך יעצט צו איהר ערסט נעמען, און דיר טאקע אויף צו להכעים!

מארק (מיט א ליידענדע געזיכט). הערט־אויף! הערט־אויף! זייט א ווילע שטיל!

מירא. מארטימער, איך בעט דיך. (אלע, מיט דער אויסנאם פון מארטימער, שטעהען אין האלבקרייז מיט'ן רוקען צום נעפעל און די פעלזען און קוקען אראב. בעלויכטען פון די שטראהלען, זעהען זיי אויס רויט פערפארבט.)

דזשאהן. מען זעהט גארנישט פון דער שטאדט. פיעלייכט זיינען מיינע אויגען פון זון און אייז געבלענדט. ליעגט זי דארטין נישט? קאנסט דו דורך דיין גלאז זעהן, הערמאן?

הערמאן (קוקענדיג אין זיין פעלדגלאז). אויך איך זעה גאר נישט. מיינע אויגען זעהען שלעכט יעצט. דאך די שטאדט מוז דארטין טאקע ליעגען.

דזשאהן. איך פיהל זי. עס איז מיר, ווי איך וואלט זי געהערט. און קוק איך שארף מיך איין, איז מיר, ווי איך וואלט געזעהן די לאנגע שווארצע שורות ארבייטער, וועלכע געהען יעצט פון פאבריק און ווערקשטאט, די ארבייט פיהלענדיג אין די מידע גליעדער. איך גלויב, איך הער די טריט און א געזומז פון פיעלע שטימען. קורץ, ווארט־קארג איז זייער געשפרעך, דאס רוב געהען זיי אין פינסטערן שווייגען, און זעלטען הערט מען א געלעכטער. א היים! א היים! צו טיש און בעט. קוים אבעסען, קוים אויס־רעדען א פאר ווערטער מיט די ליעבע, קוים א שפיעל טאן זיך מיט

די קליינינקע, אויסהערען דעם טאָג־באריכט פון דער מוטער, פון איין קינד גליקליך אָנקוועלען, דאָס אנדערע בעשטראָפען מיט א בייזען בליק, א בייזען וואָרט אָדער אויך מיט דער מידער האנד, און גלייך אין דאָס גאָט־געבענשטע בעט, אויסציעהען זיך, אויס־ציעהען זיך — אההה! — און שלאָפען, און שלאָפען. גוטע נאכט! נאָך א טאָג אוועק! גיב גאָט כחות אויף מאָרגען ווידער!

מערי. האָסט מיר א בעט דערמאָנט — ווי גערן וואָלט איך מיך יעצט אוועקגעלעגט. (זעצט זיך אויף דעם בינדעל האָלץ ביי דזשאהנען צו־פוסען.)

הערמאן. יאָ, די ארבייט איז שלאָפען געגאנגען. דער רויך פון די פאבריקען האָט אויפגעהערט, די מאשינען שטעהען שטיל. ווי ווערט מיר זעלטזאם גאנץ צו מוט. שאפענדיגע קראפט האָט זיך געלעגט שלאָפען! עס ווילט זיך מיר אויסשרייען: שטעה־אויף! שטעה־אויף! שלאָפען איז פערברעכען! ניטאָ קיין צייט צו רוהען, ניטאָ קיין רעכט גאָר מיד צו זיין. וועב און שאַף אָהן רוה און אויפהער. טאָרסט קיין צייט אויף שלאָף פער־ליערען! צייט איז געלד, און געלד איז מאכט!

פעני. הם!... געלד! געלד!

הערמאן. איך רעד פון מאכט, מאכט איז מיר דער עיקר. שטעהן דאָ אויפ'ן שפיץ פון בארג, די גאנצע ערד אונטער מיינע פיס, און ווארפען בעפעהל נאָך בעפעהל איבער שטאָדט און לאנד, קורץ, שארף, אָדער גאָר אָהן ווערטער — מיט די אויגען בלויז.

פעני. מיר איז קאלט. איך פריער.

דזשאהן. איך מאך א פייער גלייך. (לעגט אַרויף האָלץ אויף אַ נאַקטען שטיין און בלאָזט פערנאַנדער אַ פייער. מערי, פעני, אננא און מאַרטימער רוקען זיך צו צום פייער, צוזעצענדיג זיך אויף פעקלעך. מאַרק און מירא געהען אַריבער לינקס, לאָזענדיג דאָס פייער הינטער זיך. מירא שפארט זיך אָן אָן מאַרק'ס אַקסעל. זיי פערשלינגען מיט די אויגען דאָס בילד, וואָס דעקט זיך פאַר זיי אויף.)

מערי. אך, די ווארמקייט טוט גוט.

פ ע נ י. קומט נישט פון אינווענינ קיין ווארמקייט, זאָל זי קומען כאָטש פון דרויסען.

מ א ר ט י מ ע ר. בעסער נאָך, איך ווארם מיך פון דרויסען און פון אינווענינ. (טרינקט.)

מ י ר א (פליסטערט בעגייסטערט). דיעזע שיינהייט! דיעזע פארבענפראכט! איך קאָן וויינען יעצט, און די טרערען וועלען זיך דאָך גיעסען איבער דעם גליקזעליגסטען שמייכעל, און איך קאָן אויך שרייען פאר גליק און ענטציקונג. הההא! (אָטעמט שטאַרק אויף.)

מ א ר ט י מ ע ר. איך האָב נישט וואָס צו זעהן און האָב נישט וואָס צו זאָגען. איך האָב קאָרטען דאָ מיט מיר. וויל ווער פון אייך א שפּיעלכעל?

א נ נ א. איך שפּיעל מיט דיר א זעקס און זעכציג. (העבען אָן צו שפּיעלען.)

מ א ר ק (נאָך אַ קליינער פּאוזע). ווי אלץ איז איינגעטונקט אין פייער. דאָס לאַכט די זון און פרעהט זיך איבער זיך אליין, איבער דעם טאָג און אלע טעג און אלע הערליכקייט, וועלכע זי שיינקט אונז. זעה, אויף אלע בערג האָט זי פריידענפייער אָנגע־צונדען, און אין גאָלדיגע שטראלען צוגעהט זיך איבער דער וועלט א יובעלנדיגער פייער־טאַנץ, א פייערדיג געלעכטער. עס ברענט און לאַכט דאָס קאלטע אייז, עס לאַכען די נאַקטע, שטרייגע פעל־זען, געקיצעלט פון די שטראלען, און וואלד און וויזע פערפורפּו־רען זיך פאר פרייד. — (עס ווערט דונקעלער.) דאָך שוין מישט אריין די נאכט איהר גרויען ערנסט צווישען די פרייד־פייער־טענצער. דאָס לאַכען פערהילכט, פערגעהט אין אַ זאַנפטער שטילקייט, ווע־ניגער ווערען אלץ די טענצער. אין גרויען טוליעט זיך די וועלט איין, ערנסט־רעטזעלהאפט העבען אָן אראָבצוקוקען די אייביגע פעלזען, און דאָס ווייסע אייז פערדעקט זיך מיט אַ גרויער דעקע, ווי צום שלאָפען־געהן. דאָך ווער עס האָט אויערן, קאָן דעם געלעכ־

טער נאָך ארויסהערען און די פרעהליכקייט פערנעמען. אויך אין דונקעלען ביבעט די נאטור. זי געדענקט די זון און לאכט.

מארטימער. דו ווערסט באלד א פרעהליכקייטס־אפאָסטעל.

מארק (צוגעהענדיג מיט מיראַ׳ן צום פייער). יאָ, איך וויל אייך לערנען פרעהליך זיין.

דזשאהן. מערי, הער דיך צו.

מערי. איך בין מיד. אך, דער נעפּעל פערגעהט נאָך נישט.

פעני (ביטער). פרעהליך זיין! פרעהליך זיין!

מארק. יאָ, פרעהליך זיין! פון זיך אליין, פון דער נשמה טיעף ארויס. די פרעהליכקייט זאָל אין אייך זיצען און אייך אויס־פילען און אייך גליקליך מאכען, ווי אייער קינדער־גלויבען.

דזשאהן. די פרעהליכקייט, פון וואנען זאָל זי קומען?! איך בין געווים קיין מרה שחורה נישט, אָבער אום שטענדיג פרעה־ליך זיין, מוז איך שטענדיגע ארבייט האָבען און שטענדיגע פרנסה.

מארטימער. טרינק, וועסט דו שוין פרעהליך זיין.

הערמאן. פון זיך אליין, פון דער נשמה טיעף ארויס — איך קען זי, די פרעהליכקייט, איך קען זי גוט.

פעני. איך האָב זי נישט פערשפּירט אין דיר.

הערמאן. עס איז די פרייד מיט דעם, וואָס מען קאָן. עס זינגט אין מיר אָהן אויפהער דאָס בעוואוסטזיין פון מיין מאכט, עס יובעלט אין מיר דאָס אייביגע ווייטער־וועלען און וויי־טער־קאָנען. ווייטער, ווייטער, צו גרעסערער מאכט און אומפּא־סענדערער טעטיגקייט. ווי מאכט עס פרעהליך מיך, ווי בערוישט עס מיך מעהר אלס דער שטארקסטער וויין.

מירא. אָה, דאָס האָט מארק זיכער נישט געמיינט. דיין פרעהליכקייט געהערט נאָר דיר, געהערט דעם איינצעלנעם, דעם אויסגעוועהלטען, מעכטיגען, און וואָס נאָך מעהר — זי שטרויט אומעט ארום זיך. דיין פרעהליכקייט איז די פרעהליכקייט פון דעם זיעגער, וועלכער טרעט איבער טויטע, ארומגערינגעלט פון

אבלים. אָבער מיר ווילען אַלע פרעהליך זיין, מיר דארפען אַלע א פרעהליכקייט, וואָס זאָל אונז טיעף אין דער נשמה זיצען, און לייכטען און ווארעמען אין אונז ווי א פריידענפייער. דאָס איז די פרייד, וואָס גוטסקייט גיט אונז איין. זייט גוט, און איהר וועט שטענדיג פרעהליך זיין!

מארק. ניין, איך געה פיעל ווייטער. פרעהט אייך, ווייל איהר לעבט, יובעלט, ווייל איהר זייט א טייל פון לעבען!

דזשאהן. אה, דאָס איז לייכט געזאָגט! דו קום נאָר מיט דיין פרעהליכקייטס-געבאָט צום הונגריגען ארמאַן, צום עלענדען און קראנקען — זיי מיינען געוויס, דו לאכסט זיי אויס.

מארק. דאָס לעבען איז א געגעבען טעמא, וואונדערבאר אַן און פאר זיך, אָבגעזעהן פון דער בעארבייטונג. איז אָרמקייט א פאַרטאַטשעריי, א בעארבייטונג, שלעכט ווי שלעכט קאָן זיין — דאָס טעמא אליין איז דאָך וואונדערבאר נישט מינדער און מוז אונז שטענדיג פרעהען. דאָס נאַקעטע לעבען אליין, דער פאַקט, אַז מען לעבט, אַז מען האָט געהאַט די זכיה ארויסצוגעהן פון אַן אונ-בעקאַנטען עפּעס און ווערען א טייל פון דעם גרויסען לעבען, איז דאָס העכסטע גליק, איז די העכסטע פרייד. פרעהען מיר אונז, אָרם און עלענד, קראַנק און ענטטוישט — מיר לעבען! פרעהען מיר אונז יעדען טאָג מיט'ן לעבען, און אונזער לעצטער אָטעם זאָל אַן אויפיובלען זיין, וואָס מיר האָבען געלעבט!

מארטימער (צעהלט). 41, 52, 62, 66 — איך האָב גע-וואונען. האַהאַהאַ, איך פרעה מיך! איך קאָן אפילו מאַכען נאָך א שנאַפּס. (עמיצער הוסט הינטען אָב. זיי קוקען זיך אום שנעל און איבערראַשט. דער בעפעל איז טיילווייז פערשוואונדען. טרעפּלעך ווערען קענטיג, וועלכע פיהרען צו אַ גרויסער טיר. ביים אויבערסטען טרעפּעל שטעהט דער קרעטשמער — אַ קרעפטיגע געשטאַלט, אין אַ דיקען שוואַר-צען סוועטער, אומגעבונדען מיט אַ פארטוך, דאָס געזיכט אָבער אונקענטיג דורך פאַרנאַכטיגער דונקעלהייט און נעפּעל, וועלכער פערדעקט נאָך דאָס גאַנצע געביידע.)

ד ע ר ק ר ע ט ש מ ע ר (מעהר בעפעהלענדיג ווי פרעגענדיג). ווילט איהר אין האָטעל? (זיי קוקען זיך אָן, ווי זיי וואָלטען איבער־געלעגט.)

מ ע ר י (שטעהט־אויף). איך געה טאקע. אָה, ווי וויל איך מיך אויסרוהען, ווי גערן וועל איך אויסציעהען מיינע מידע גליע־דער. גוטע נאכט אייך אַלעמען! דו קאָנסט דאָ בלייבען, דזשאהן. (קוסט איהם.)

ד ז ש א ה ן (קלאַפּט איהר צערטליך אויפ'ן רוקען און קוסט זי). גוטע נאכט דיר, מערי! שלאָף גוט. דו דארפסט די רוה. איך קום דיר שוין נאָך. איך דערררויכער נאָר מיין פּיפּקע.

מ א ר ק (וויקעלט אָב פון זיך דעם שטריק, און אַלע אַנדערע וויקלען זיך פון איהם אַרויס).

מ ע ר י (געהט צו די טרעפּלעך). אַך, שלאָפען! שלאָפען!

מ י ר א (בעגלייט זי). ארמע מערי! ביזט אָבער ווירקליך מיד. דאָך זאָג, דער טאָג איז גוט געוועזען, האָסט קיין חרטה נישט אויף איהם.

מ ע ר י. אָבער ווירקליך ניין. גוט און שלעכט געמישט. דאָך דאָס גוטע גערדיינקט זיך בעסער. גוטע נאכט דיר, גוטע מירא!

מ י ר א (קוסט זי). גוטע נאכט.

מ ע ר י (געהט אַרויף אויף די טרעפּלעך).

ד ע ר ק ר ע ט ש מ ע ר (מאַכט אויף פאר איהר די טיר, וועלכע געהט אויף זעהר שנעל, אָבער מיט אַ מין קוויטש. מערי געהט אַריין, און דער קרעטשמער מאַכט צו הינטער איהר די טיר און קערט זיך אום צוריק צו זיין פּלאַץ).

מ א ר ט י מ ע ר. וואָס האָט ער זיך דאָרטין אוועקגעשטעלט און שטעהט? וואָס קוקט ער אזוי? וואָס איז ער אזוי אונגע־דולדיג? מיר וועלען שוין קומען! מיר וועלען שוין אריין! מיר וועלען דרויסען דאָ נישט בלייבען!

א נ נ א. דו האָסט דאָך ליעב צו שלאָפען, ווי קאָנסט דו יעצט נאָך זיצען?

מארטימער. איך האָב פיינט, אז מען איז אונגעדולדיג, אז מען טרייבט מיך אונטער. איך בין נאָך גאָר נישט שלעפעריג. איך וויל מיך ערשט ארומזעהן. (שטעהט־אויף און קוקט זיך ארום.)

אננא. ארומזעהן! יעצט! אין דער דונקעלהייט!

מארטימער (צושרייט זיך גאנץ צורייצט). דו ווילסט שלאָפען, טיק געה! דו לויפסט מיר שטענדיג נאָך, דאָס מאָל לאָז מיך נאָכלויפען נאָך דיר. געה, איך וועל שוין קומען! (צום קרעטשמער.) און דו דארפסט מיך אזוי נישט אָנקוקען! איך פערבאָט עס דיר!

אננא. עס איז גלייכער, איך געה שלאָפען. וועל איך האָבען א ביסעל רוה פון איהם.

מארטימער. געה! איך האלט דיך נישט! דו געה!

אננא. איך וועל דען קאָנען איינליעגען? איך מוז איהם ווי א קינד דאָך שלאָפען לעגען.

מארטימער. עס ווערט מיר שלעכט שוין פון זיין קורקען! צום טייפעל אויך! — און דאָס פלעשעל איז אויך שוין לעדיג! אין אל'די רוחות! (צום קרעטשמער.) האָסט דו משקה? האָסט דו וואָס צו טרינקען?

אננא. האָסט געטרונקען שוין גענוג.

מארטימער. וואָס שווייגסט דו דאָרט?

אננא. דו וועסט שוין מעהר נישט טרינקען.

מארטימער. האָסט דו דאָרטין בעטען בלויז? ווערט ביי דיר געשלאָפען נאָר? ! ווי ער קוקט מיך אָן! (אוילט אויף די טרעפלעך.) דו זאָלסט מיך נישט אָנקוקען, האָב איך דיר געזאָגט! איך קום, איך געה! דו זעהסט דאָך, אז איך געה!

דער קרעטשמער (מאכט פאר איהם אויף די טיר).

מארטימער (צו אננא'ן). וואָס זיצסט דו נאָך? וואָס ביזט דו געבליעבען זיצען?

אננא. ער פערגינט מיר נישט, טאָמער וואָלט איך א ווייל

נאָך געזעסן. אַך, א גוטע נאכט אייך אַלעמען. (געהט אוועק נאָך מאָרטימער'ן.)

דער קרעטשמער (מאַכט צו די טיר הינטער זיי ביידען און שטעלט זיך ווידער אויף זיין פּלאַץ).

דזשאהן. מיין פּיפּקע איז אויס. עס ווערט אויך פינ־סטער. איך האָב א ביסעל רוה און פריעדען אין מיר אריינגע־אָטעמט, יעצט קאָן איך שלאָפען געהן. גוטע נאכט אייך אַלע מיט איינאנדער. (ציעהט זיך.) אההה! דאָס טעמא איז געוועזען וואונדערבאר, דאָך די בעארבייטונג, וואָס איז אויסגעפאַלען אויף מיין חלק — — (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.)

מירא (זיפצט־אויף). איך האָב א בעסערען טאָג געווינשט דיר.

דזשאהן. נא, בעסטען דאנק אויך פאר דאָס טעמא.

מארק (פּאַטשט בראַווא).

דזשאהן. גוטע נאכט! (מירא, מאַרק און הערמאַן רופען איהם צו „גוטע נאכט".)

דער קרעטשמער (עפענט־אויף פאר איהם די טיר, פער־מאַכט זי און קערט זיך אום צוריק).

מירא. ארמער דזשאהן! דו, הערמאַן, ביזט ווירקליך גע־גען איהם — —

הערמאַן. נאָר קיין מוסר נישט. קענסט דו די בעציעהונ־גען צווישען האמער און קאָווידלא? איך בין דער האמער. ווילסט דו דעם האמער מוסר זאָגען?

מירא. ביזט דו א בלינדע מאכט?

הערמאַן. רעדען מיר יעצט דערפון נישט. וואָס אונטער־נעמען מיר עפּעס בעסער? איך בין נישט שלעפריג און מיר איז דאָ צו שטיל. נו, פּעני, וואָס זיצסט דו אזוי שטיל?

פּעני. האָסט מיך דאָך ענדליך בעמערקט.

הערמאַן. גאנץ צונויפגעקאָרטשעט. פריערט דיך אזוי שטארק? ווילסט דו שלאָפען געהן? ווארט, איך ווארף מעהרער

האַלץ נאָך צו. (טוט עס.) אַזוי. (בלייבט מיט איין שויט שטעהן און קוקט זיך אין אַהר איין.) וואָרט, וואָס זעה איך! דאָ איז דאָס האָלץ מיט אייערע ביידענס נעמען.

מירא. ווירקליך? ! דאָס איז אונז אַ הערליכע בעגריסונג!

הערמאַן. זאָל איך עס זיי אוועקגעבען, פעני? האָסט עס דאָך געוואָלט דיר צום אָנדענקען.

פעני (שטעהט פּלוצלונג אויף, קעמפּפענדיג מיט וויינען, און ווענדט זיך צו די טרעפּלעך).

הערמאַן (איבעררַאשט). וואָס איז דיר? וואָס פעהלט דיר? (צו מאַרק און מירא.) וואָס זאָל דאָס בעדייטען?

מירא. זי האָט אָהן ליעבע זיך דעם גאַנצען וועג גע-לאַנגווייליגט. האָסט עס אָבער נישט געזעהן.

פעני (ברעכט אויס אין אַ יאָמער און איילט אַרויף די טרעפּלעך).

הערמאַן (כאַפּט זי אָן פאַר דער האַנד). איז דאָס די אור-זאַך פון דיין וויינען? ענטשולדיג ווירקליך. דו ווייסט, איך האָב דיך ליעב, איך האָב עס דיר געזאָגט. פיעלייכט נישט אַזוי אָפט, איך האָב אָבער נישט געקאָנט אויף יעדען שריט אין ליעבע מיך ערקלערען, האָב נישט געקאָנט דעם גאַנצען טאָג פון ליעבע און ליעבען רעדען. בעגרייפסט דאָך — —

פעני (רייסט אַרויס איהר האַנד און איילט אַריין אין דער טיר, וועלכע דער קרעטשמער האָט אויפגעמאַכט פאַר איהר).

הערמאַן (צום קרעטשמער). וואָרט, מאַך נישט צו, איך קום גלייך נאָך. (וואָרפט-צו די שויט צו מאַרק און מירא.) דאָ האָט איהר אייער האָלץ. גוטע נאַכט אייך. איך געה יעצט שלאָפען. איך וואָלט לייגער נאָך געזעסען, דאָך... יאָ, דער טאָג איז הער-ליך גאַנץ געוועזען. איך האָב איהם ווירקליך גוט גענאָסען. מיט אַלע חושים האָב איך איהם אויסגענאָסען און אויסגעלעבט. נאַ, אַ גוטע נאַכט אייך ביידען! (געהט אַריין.)

מ א ר ק און מ י ר א. גוטע נאכט, הערמאן, גוטע נאכט!

ד ע ר ק ר ע ט ש מ ע ר (קערט זיך אום צו זיין פלאַץ).

מ י ר א (האַלטענדיג די שייט). מארק, דאָס האַלץ מיט אונ־זערע נעמען! איך גלויב, דאָס לעבט אין מיינע הענד. עס איז אין יעדער אָדער פון אונזער ליעבע פול. איך פיהל, זי אָטעמט פון איהם ארויס.

מ א ר ק (נעמענדיג ביי איהר דאָס האַלץ). לאָז זעהן, האָט עס נישט געבלוטיגט? ווי האָט עס זיך געמוזט קרימען אונטער דער האַק!

מ י ר א. דאָך יעצט אין פייער. איך וויל זעהן, ווי הערליך דאָס וועט אויפפלאקערן, איך וויל אין די פייערצונגען אונזערע געפיהלען דערקענען.

מ א ר ק. יאָ. איך קריץ נאָך „פאסטושקע“ אין איהם אריין. (טוט עס מיט זיין טאַשענמעסערל.) און, ווי א קראנץ ארום די נעמען, קריץ איך „ליעבע, ליעבע, ליעבע“ אויס. — אזוי. — און יעצט אין פייער. (טוט עס. דאָס פייער פלאקערט אויף. זיי שרייען ביידע אויס: „אה!“ און ווארפען זיך אויגער דעם אַנדערן אין די אָרמס. געאָרעמט געהען זיי אויף די טרעפּלעך. אויבען דרעהען זיי זיך נאָך אַ מאָל צום פייער אום און ווארפען זיך ווידער אין די אָרמס און געהען אַזוי אַריין אין דער טיר, וועלכע דער קרעטשמער האָט שוין אויפגעמאַכט פאַר זיי.)

ד ע ר ק ר ע ט ש מ ע ר (צומאַכענדיג הינטער זיי די טיר, געהט אַראָב צום פייער, רייבענדיג זיך די הענד). פאר ד ע ם פייער וויל איך מיך אויך אָנווארמען! (ביים שיין פון פייער ווערט קענטיג זיין סקעלעטענגעזיכט.)